STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03285

LITVISHE GESHTALTN

L. Kussman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Leon Kussman

ל. קוסמאַן

People from Lituania

ליטווישע געשטאַלטן

דערציילונגען

פאַרלאַג ת. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1936

K

Copyright 1936
By
Leon Kussman

Printed in Poland

L. KUSSMAN
Litwisze gesztaltn
Wyd. Ch. Brzoza, Warszawa.

Drukarnia „Rekord“, Warszawa

[redacted] yi 834, c.1

פֿאָרוואָרט

געשטאַלטן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, בילדער פֿון דער יוגנט, ווי זיי זענען צו מיר געקומען אין מיין ערשטער ליטע־ראַרישער שניט־צייט. היינט וואָלט איך זיי קוים געשריבן. נישט דאָס געמיט, נישט דער זכרון וואָלטן צו דעם געדינט.

און זאָל דאָ פֿאַרצייכנט ווערן, אפשר וועט עס פֿאַראינטע־רעסירן אַ שפּעטערדיקן גריבלער. דאָס פֿאָרליגנדע בוך איז גע־ווען צוגעגרייט און אויסגעזעצט נאָך אין 1928. צוליב אומ־פֿאָרויסגעזעענע סיבות איז עס געבליבן ליגן צו דערזען די שיין איצט. דער ערשטער דאַטום האָט דעריבער די חזקה. אַזוי זאָל דאָ אויך באַמערקט ווערן, אַז אין מיין דראַמע „דאָס געזאַנג פֿון דער ערד" האָב איך אויסגענוצט אַ פּאָר עפּיזאָדן (און טיילווייז געשטאַלטן) פֿון „דאָס פֿאַרלאָזטע הויז".

ל. קוסמאַן

מאַנהעטן ביטש, ניו־יאָרק, אַפּריל, 1936.

I

די מחיצה

דאָס טייכל.

1.

דאָס טייכל, וואָס טיילט אָפּ די אַלטע שטאָט פון דער נייער, האָט פאַר די איינוווינער פון ביידע זייטן אַ גרויסע היסטאָריש־סטראַטעגישע באַדייטונג. עס האָט געפירט דערצו, דאָס די שטאָט, וואָס טראָגט איין נאָמען, האָט זיך צעטיילט אין צוויי נישט גלייכע טיילן: אַן אַלטע, מיט עטלעכע צעפוילטע הייזלעך, אָפּגעבליאַקעוועטע יידן און פאַרדיישטע גוים פון איין זייט, און אַ נייע, מיט אַ סך מויערלעך, יידן גדולים, לערנערס, משכילים און יחסנים, מיט פריצהוואַטע גוים פון דער אַנדערער זייט. די יידן פון ביידע טיילן שטאָט ווייסן און פילן, אַז צווישן זיי ליגט אַ נאַטירלעכע מחיצה און מען פאַרהאַלט זיך ווי צוויי כמעט פיינטלעכע מחנות.

ביידע טיילן שטאָט פאַרייניקט אַן אַלטע הילצערנע בריק, וואָס איז צעפוילט און צעלעכערט און האַלט זיך אויף נסים. ווי אַלט די בריק איז, ווער עס האָט זי געבויט, די אַלטע שטאָט, צי די נייע, צי בשותפות, דאָס ווייסט קיינער נישט. ווי מען ווייסט בכלל נישט, ווי אַלט די שטאָט איז אַליין און ווי אַזוי עס איז געשעען, דאָס אויף די ברעגעס פון אַן אומבאַדייטנדן טייכל, ווייט פון אַ ברייטן גאָסטינעץ אָדער באַן, איז אויסגעוואַקסן אַ שטאָט מיט אַ צען טויזנט נפשות, ס'רוב יידן, אַ שטאָט, וואָס שמט מיט איר חכמה און תורה בכל תפוצות ישראל. אָט מיט דעם ווייטן

שם קענען זיך טאַקע ביידע טיילן שטאָט נישט צעטיילן. די נייע שטאָט מיט אירע מופלגים און משכּילים, איז זיכער, אַז דער שם קומט איר. די אַלטע שטאָט האָט אָבער אויך אירע תּביעות און האָט צו ווייזן אַ שיין צעטל פון גדולים, וואָס ליגן אויף איר בית-עולם. אויף לעבעדיקע גדולים קען די אַלטע שטאָט נישט פיל זיך באַרופן. די יידן פון דער נייער שטאָט שמייכלען טאַקע אונטער איבער די טויטע גדולים פון דער אַלטער שטאָט און האָבן דערפאַר אַ צונאָמען „מתים" אויף זייערע שכנים פון דער אַנדערער זייט טייך. עס פאַרשטייט זיך, אַז די יידן פון דער אַלטער שטאָט שווייגן נישט און האָבן אויף זייערע שכנים פון דעם נייעם שטאָטטייל גאַנצע צוויי צונעמען: „דייטשן" און „נאַשערס".

אַזוי האָט אַ קליין, שמאָל טייכל געלייגט אַ טיפע, ברייטע מחיצה צווישן יידן פון איין שטאָט מיט איין נאָמען, איין אוריאַדניק, איין געריכטס-הויז, איין משוגענעם, אָבער מיט צוויי רבנים, צוויי דיינים, צוויי קאַזיאָנע ראַבינערס און צוויי „סקאַזקעס". די בריק, וואָס האָט באַדאַרפט דינען פאַר דער פאַרייניקונג פון ביידע טיילן שטאָט, איז געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, דער סימבאָל פון די באַציונגען: צעפוילט, צעלעכערט, און קיינער פון ביידע צדדים קימערט זיך נישט וועגן איר גאַנצקייט...

2.

דאָס פאַרהאַלטן זיך פון די אַלטע טראָגט זיך אויך אַריבער צו דעם יינגוואַרג. נישט זעלטן טרעפט עס, אַז די יינגלעך פון ביידע טיילן שטאָט גייען אַרויס אין אַן אָפענער שלאַכט מיט שטיינער און אַנדערע כּלי-זיין. נאָר קיין גרויסע באַדייטונג האָט נישט די יידישע מלחמה. חברה מאַכט באַלד שלום, מען גייט אַריבער די בריק, מען פאַרייניקט זיך, מען שפּילט זיך צוזאַמען און מיט פאַראייניקטע כּוחות פאַרטיידיקט מען אָפט דעם יידישן כּבוד „יידישע אינטערעסן" אַנטקעגן די שקצים.

דער סטראַטעגישער פּונקט איז, נאַטירלעך, דאָס טייכל

אויף וועמענס רעכטן ברעג, האַרט לעבן וואַסער, וווינען אויסשליסלעך יידן, בשעת אויף דעם לינקן ברעג — ס׳רוב גויים. און צעפּלאַקערט זיך אַ מלחמה צווישן יינגלעך און שקצים, דערפּילט מען עס באַלד אין ביידע טיילן שטאָט. צענדליקער שויבן ווערן אויסגעהאַקט, צעפּוילטע שינדל־דעכער דורכגעלעכערט, ווייבער פאַרשפּאַרן די לאַדנס, מען באַהאַלט זיך אינעווייניק און דער עולם פילט זיך, ווי אין דער צייט פון אַ באַלאַגערונג.

די ביידע מחנות האָבן זיך יעדע איר אָנפירער, איר „גענעראַל“, די יינגלעך האָבן זיך זייער יאַשקע דעם רויטן, אַ קורצער, ברייט־פּלייציקער יינג, מיט פייער־רויטע האָר און אָפענע, שמייכלענדיקע אויגן. דער גענעראַל פון די שקצים איז דער לאַנגער יוזע, אַ הויכער, דאַרער שגץ, מיט לאַנגע הענט, פלאַקסענע האָר און ווייסע אויגן. די צוויי זענען די איינציקע מענטשן אין שטאָט, וואָס האָבן אויף זיך נישט קיין באַלעבאָס, שרעקן זיך נישט פאַר די דעסיאַטניקעס און אפילו נישט פאַרן אוריאַדניק. זיי ביידע איז אַלץ דערלויבט. אַלץ, וואָס זיי טוען אָפּ, איז פאַרפאַלן. קיין קלאָגער און קיין ריכטער איז אויף זיי נישטאָ. ווייל יאַשקע איינעם אויספּאַטשן, איז אויסגעפּאַטשט. ווייל יוזע גנבענען עפּל פון די ווייבערישע קיישלעך אין מיטן מאַרק פאַר אַלעמענס אויגן, טוט ער עס. קיינער שטערט אים נישט. ער כאַפּט נאָר אַריין אַ פּאָרציע קללות פון די ווייבער און מער גאָרנישט. ציטערן איז נישטאָ פאַר וועמען. פון מורא ווייסט נישט יוזע.

נאָר איין מענטש איז פאָרט דאָ אין שטעטל, פאַר וועמען יוזע שרעקט זיך. און דאָס איז נישט קיין אַנדערער, ווי דער רויטער יאַשקע. איינס אויף איינס וויל ער מיט יאַשקען נישט גיין. ער האָט זיך שוין אַ פּאָר מאָל אָפּגעבריט. און אַז עס ברעכט אויס צווישן זיי אַ סכסוך, און יאַשקע רופט אים אַרויס אויף אַ „דועל“, אַנטזאָגט זיך יוזע, סטראַשענדיק: „וואַרט, מיר וועלן זיך שוין אָפּרעכענען!“ און די ביידע גענעראַלן נעמען זייערע „אַרמייען“ און מען רעכנט זיך אָפּ.

זומער־צייט פאַרנעמען די שונאים יעדער זיין ברעג און פון דאָרטן אויס באַנוצט מען זיך מיט אַלערליי כלי־זיין. עס טרעפט

איך, אַז העלדן־שווימערס וואַרפֿן זיך אין וואַסער אַריין און די מלחמה גייט אַריבער אין וואַסער מיט אונטערטונקען איינער דעם צווייטן.

די גרעסטע שלאַכטן אָבער קומען פֿאַר ווינטער. דאָס טייכל ווערט פֿאַרהילכט פֿון פֿאַרשידענע אויסגעשרייען. די ייִנגלעך און די שקצים פֿליען אויף די שליטשיך, ווי די רוחות. שניי און שטיקער אייז פֿילן אָן די לופֿט, און דאָס טייכל הילכט און רוישט. די שלאַכטן ווערן געווונען אַמאָל פֿון איין צד, אַמאָל פֿון צווייטן. נאָר עס האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפֿן, אַז די גענעראַלן זאָלן אַרייַנפֿאַלן אין פֿלען, הגם פֿון שלאַכטפֿעלד גייען זיי אַראָפּ די לעצטע. פֿון ביידע צדדים ווערן אָנגעווענדט פֿאַרשידענע סטראַטעגישע קונצן, אויף אַרייַנצוכאַפּן דעם גענעראַל פֿונם שונא אין פֿלען, נאָר עס איז נאָך קיינעם נישט געלונגען. די שקצים וואָלטן געוויס אַוועקגעגעבן אַ „האַלבע מלוכה" זייערע, ווען עס זאָל זיי איינמאָל געלינגען אַרייַנצוכאַפּן דעם רויטן יאָשקען אין פֿלען. נאָר זיי ווייסן, אַז דאָס איז כמעט אַן אוממעגלעכע זאַך. זיי ווייסן, אַז ווען יאָשקע פֿליט אויף זיינע בלאַנקע שליטשיך, קאָן אים דער טייוול אַליין נישט כאַפּן. ס'האָט שוין נישט איינמאָל פּאַסירט, אַז יאָשקע האָט זיך דורכגעריסן דורך דעם שונאס לאַגער מיט בלויזע פֿויסטן, לאַזנדיק הינטער זיך חללים... איינמאָל אָבער האָט געטראָפֿן אַ גאַנץ אומ־געווייַנלעכע פּאַסירונג.

3.

עס איז געווען אַ שיינער ווינטערדיקער פֿאַרנאַכט. דער פֿראָסט מילד און דאָס אייז בלאַנק. יאָשקע מיט זיין „חייל" און יוזע מיט זיין „אַרמיי" זענען אַרומגעלאָפֿן אויף זייערע שליטשיך און אָנגעפֿירט אַ לייכטן, שפּילעוודיקן קאַמף. די פּאָזיציעס זענען איבערגעגאַנגען דאָ צו יאָשקען, דאָ צו יוזען, און קיינער האָט נישט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע פֿאַרביטערטקייט אָדער עזות. דער עולם איז געווען אין גוטן הומאָר. און כּלל נישט בלוי

טיק געשטימט. פלוצלונג האָבן זיך אויפן טייכל אַראָפּגעלאָזט אַ הונדערט שקצים פון דער רוסישער שול. יוזע, דערהאַלטנדיק אַזאַ פאַרשטאַרקונג, האָט באַקומען חשק אַרומצורינגלען דעם שונא און כאַפּן דעם רויטן יאַשקען אַ לעבעדיקן. דער מאָמענט איז געווען אַ געפערלעכער, נאָר יאַשקע האָט עס רעכטצייטיק באַמערקט. מיט דער קאָמאַנדע „ויברח יעקב!" האָט ער מיט זיין חיל גענומען ציען פּיס.

יוזע האָט זיך געלאָזט מיט זיין „אַרמיי" אין גאַלאָפּ נאָך אים, שרייענדיק און קאָמאַנדעווענדיק מיט זיינע לאַנגע, דאַרע פלעקער-הענט אין דער לופטן. נאָר כאַפּן יאַשקען איז געווען אַן אוממעגלעכע זאַך. יוזע האָט זיך באַלד איבערצייגט, אַז זיין סטראַטעגיק איז דורכגעפאַלן. פליענדיק אַזוי מיט זיין „אַרמיי" האָט ער דערווייל באַמערקט אַ יידענע, ווי זי שטייט מיט אַ קערבל וועש און שווינקט אין אַ „פּראָרוּוקע". דער העלדישער גענעראַל האָט באַלד געביטן דעם פראָנט. מיט דער קאָמאַנדע „דאַוואַי, בראַטצי!" האָט ער זיך אַ לאָז געטון צו דער יידענע און זיך אַ וואָרף געטון אויפן קאָרב וועש.

„חברה!" האָט כמעט אין דעם זעלבן אויגנבליק אויסגעשריען אַ ייִנגל פון יאַשקעס חיל, „די שקצים זענען באַפאַלן די יידענע מיט די וועש!"

אין איין אויגנבליק האָט זיך יאַשקע, מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ, אומגעדרייט, ווי פון אונטער דער ערד איז ביי אים אין די הענט אויסגעוואַקסן אַ גראָבער שטעקן און מיט דער קאָמאַנדע „חברה, די סדרה בלק!" האָט ער זיך אַ לאָז געטון צו יוזען.

אין ערשטן מאָמענט האָבן די שקצים נישט באַמערקט, אַז יאַשקע האָט זיך אַריינגעריסן צווישן זיי. ערשט, אַז זייער „גענעראַל" איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן אייז מיט אונטערגעהאַקטע פּיס, האָבן זיי באַגריפן די לאַגע און אין גרעסטן שרעק גענומען זיך צעלויפן. עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. שניי און שטיקער אייז זענען געפלויגן ווי פון הימל, און יאַשקע האָט געשניטן מיטן שטעקן ווי אַ שניטער שניידט זאַנגען זומער אין

פעלד. אין משך פון אַ פּאָר מינוטן איז פון יוזעס אַרמיי פאַר־בליבן אויפן טייכל עטלעכע שקצים, וואָס האָבן נאָך די העזה געהאַט מלחמה צו האַלטן. נאָר יאַשקע האָט איבערגעלאָזן פאַר זיין חיל צו ענדיקן מיט זיי און אַליין איז ער ווי אַ ווינט גע־פלויגן צו יוזען.

יוזע, באַקומענדיק אַ שטאַרקן קלאַפּ איבער די פּיס, האָט בעת מעשה נאָר אַ ברום געטון און זיך אויסגעצויגן אויפן אייז מיטן פּנים צום הימל. ער האָט פאַר ווייטאָג זיך נישט געקאָנט דירן מיט קיין אבר און געבּרומט ווי אַ געקוילעטער אָקס. ענד־לעך האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויף די הענט און זיך אַרומגע־קוקט. די יידענע מיט די וועש איז שוין נישט געווען. אויך פון זיין אַרמיי האָט ער קוים אַ סימן געזען. ערגעץ פון ווייטן האָט זיך צו אים דערטראָגן דער לעצטער צאַפּל פון אַן אָפּשטאַרבענדן קאַמף. ערשט איצט האָט יוזע באַגריפן פון וועמען ער האָט דעם קלאַפּ באַקומען. אין דעם זעלבן אויגנבליק איז צו אים צוגעלאָפן יאַשקע.

„נו, יוזע, ווי האָט דיר געשמעקט?" האָט אים יאַשקע אַ פרעג געטון מיט אַ טאָן פון אַ זיגער.

„אוי... אוי... אָך!... דער טייוול זאָל דיך געמען!..." האָט יוזע מיט ווייטאָג געקרעכצט. „צו שטאַרק... אוי... צו שטאַרק!..."

„נו, וועסט שוין וויסן נאָך אַמאָל צו באַפאַלן אַן אָרימע יידענע און שלעפּן וועש פון איר קאָרב!" האָט אים יאַשקע איבערגעהאַקט מיט אַ מוסר־קול פון אַ מלמד צו אַ געשמיסענעם יינגל.

„הפּ... אוי... אוי... דער פוס!..." האָט יוזע אַלץ ווייטער געקרעכצט, נישט פאַרענטפערנדיק זיך אויף זיין חטא, וואָס ער איז באַגאַנגען. „אוי, דער פוס, דער רעכטער פוס... דער טייוול זאָל דיך נעמען! דו האָסט מיר דעם פוס איבערגעבראָכן..."

„נו, הויב זיך!" האָט יאַשקע קאָמאַנדעוועט מיט אַ ווייכערן קול, „וואָס פאַרשטעלסטו זיך דאָ! קום זיך ראַנגלען, נו, פאָרווערטס!... איינס־אויף־איינס!

„אוי, דער פוס... איך קאָן דאָך דעם פוס נישט רירן... דעם רעכטן פוס...“

„נו, דער פוס... וועלכער פוס...“ האָט יאַשקע געמורמלט שוין מיט אַ רחמנותדיקן קול, „ווייז, וואָס איז דאָרטן?... לאָמיר גאָר זען... נו, ווייז...“

יאַשקע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף די קני, זיך איבערגעבויגן איבער יוזען און אים גענומען אָפּבינדן די שליך-שוך. ער האָט אַרויפגעקאַשערט די הויז, און ס'האָט זיך באַוויזן אַ דאַרע, האָריקע פוס מיט אַ רויט-בלויער וווּנד, פאַרלאָפן אויף דעם אונטערשטן טייל.

יאַשקעס פנים, וואָס האָט פריער אויסגעדריקט עזות און אומגלויבן, האָט פּלוצים אָנגענומען אַן ערנסטן אויסזען. ער האָט די וווּנד אָנגערירט מיטן פינגער. יוזע האָט אַרויסגעלאָזן אַ געשריי:

„ס'טוט וויי?...“ האָט יאַשקע נאַאיוו אַ פרעג געטון און דערביי צוגעגעבן: „ע, ס'וועט גאָרנישט זיין... דער רוח וועט דיך נישט נעמען!... נו, האָסט עפּעס אַ טיכל? גיב אַהער...“

„אַ טיכל?!... צו וואָס דאַרפסטו אַ טיכל?“ האָט יוזע נישט באַגריפן. ער האָט באַגעגנט יאַשקעס מילדן בליק און אַ מורמל געטאָן: אַ טיכל?... ניין, איך האָב קיין טיכל נישט...“

„שאַ, ביי מיר איז דאָ!“ האָט יאַשקע מיט פרייד אויסגערופן. ער האָט פלינק אַריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס, אַרויסגעצויגן פון דאָרט אַ נאָז-טיכל, עס צוזאַמענגעלייגט אין דער פאָרם ווי אַרומצובינדן דעם קאָפּ, אַרויפגעלייגט שניי און פאַרבונדן יוזען די וווּנד.

יוזע האָט שווייגנדיק געקוקט אויף דער אָפּעראַציע, נאָר דערפילנדיק אַ נאַסע קאַלטקייט אויפן וווּנד, האָט ער אַרויסגעלאָזן אַ ברום.

„נו, איצט קאָנסטו אויפשטיין!“ האָט אים יאַשקע געזאָגט מיט זיכערקייט פון אַ דאָקטאָר. ער האָט אים דערלאַנגט די האַנט און געהאָלפן זיך אויפשטעלן.

אַ טונקל-גראָער נעפּל האָט זיך שוין געהאַט פאַרשפּרייט איבערן טייכל, ווען יאַשקע און יוזע האָבן אים פאַרלאָזן, זיך צעגייענדיק אויף ביידע זייטן.

שכנא צלאלס

דאָס אַריסטאָקראַטיש־למדנישע שטעטל האָט געהאַט אַ פּלעק אין דער משפּחה. איר גרעסטער גביר איז געווען אַ געוואַל־טיקער עם־הארץ.

אַן אַנדער שטעטל וואָלט געוויס אַזאַ זאַך לייכט איבער־געטראָגן, אָבער דאָס שטעטל, די עיר התורה, האָט אויף שכנא צלאלס געקוקט ווי אויף אַ שטראָף מן השמים.

פון וואַנען שכנא צלאלס איז רייך געוואָרן האָט מען אין שטעטל אויף קלאָר נישט געוווּסט. עס זענען וועגן אים אַרומגע־גאַנגען לעגענדעס. געוווּסט האָט מען, אַז ער איז מיט יאָרן צוריק געווען אַן אָרימער קרעמער אויפן לאַנד, וואָס קיינער האָט אין זיין ווינקל נישט געקוקט. מען האָט געשמועסט, אַז ער איז רייך געוואָרן פון אַ מטמון געלד, וואָס ער האָט געפונען אין אַ זאַסיק תבואה, וואָס ער האָט געקויפט ביי אַ פּויער אין דאָרף. בייזע צינגער האָבן געוואָלט האָבן, אַז שכנא איז רייך געוואָרן פון דעם, וואָס ער פלעגט ביים מעסטן געקויפטע תבואה אָפּמעקן די שטרייכ־לעך אויף דער וואַנט, וואָס דער פּויער פלעגט אָנשרייבן, מעס־טנדיק יעדן לייף.

אַזוי צי אַזוי, אין אַ שיינעם העלן טאָג האָט שכנא אָפּגע־קויפט דעם דריי־עטאַזשנעם טונקל־ברוינעם מויער אין סאַמע מזרח פון מאַרק און ער האָט פון אייניקע יידן באַקומען דעם טיטל „רב שכנא".

דער אמת איז, אַז מער ווי אין די אויגן פלעגט אים קיי־נער נישט אָנרופן מיט אַ „רבי". אונטער די אויגן איז ער געווען דער זעלבער שכנא צלאלס ווי אַלע מאָל, דער עם־הארץ, דער בור, דער גראָבער יונג, דער פויער. און ער האָט ביי קהל גע־האַט אַ ווערט נישט מער ווי אַ שניידער פון הינטער־געסל.

עס איז געווען אַ טראַדיציע אין שטעטל פון קדמונים, אַז כבוד זאָל מען צוטיילן צו תורה און נישט צו קיין געלט. אמת, ביז שכנאן איז טאַקע קיין חילוק נישט געווען. געלט און תורה זענען געגאַנגען געפּאָרט. דער גביר איז געווען אויך דער למדן, דער חכם, דער בעל־יועץ, דער בעל־השיעור. און דאָ קומט פּלוצ־לונג דער עם־הארץ שכנא און ווערט דער גביר פון שטעטל!

די פּלוצלונגדיקע עשירות זיינע, דאָס באַזעצן זיך אין איינעם פון די שענסטע מויערלעך אויפן מאַרק־פּלאַץ, אין שכנות מיט דער גרעסטער פּני, איז געווען אַ מין פּחיתת הכבוד פאַר דאָס גאַנצע שטעטל, סיי פאַר רייך, סיי פאַר אָרעם, פאַרן למדן און פאַרן פּראָסטן. די אָרימערע און פּראָסטערע אין שטעטל האָבן אָט די באַליידיקונג נאָך ווייניקער געקאָנט אַריבערטראָגן ווי די גביריש־למדנישע אַריסטאָקראַטיע. זיי האָבן טאַקע זייער גאַנצן שאַרפזין אויסגענוצט אויף צו וויצלען זיך איבער דעם קליינטשיקן שכנאן, דעם לאַנדישן קרעמער, וואָס נישט קוקנדיק אויף זיין מוראדיקע עם־הארצות, האָט ער זיך פאַרגונען צו ווערן אַ גביר, דער גרעסטער גביר, און זיך אַריינכאַפּן אין אַ מויער אין מיטן מאַרק, צווישן די שענסטע יידן פון שטאָט. די פּני האָט געשוויגן, געווען צו שטאָלץ צו פאַרלירן עטלעכע ווער־טער איבער אַזאַ בור, ווי שכנא. עס איז געווען אַ פאַרשטענדלע־כע זאַך, אַז שכנא צלאלס בלייבט דער עם־הארץ און גראָבער יונג פון פריער און קהל רעכנט זיך נישט מיט אים.

שכנא, פון זיין זייט, איז געווען גענוג קלוג נישט צו פאַר־לאַנגען כבוד פון שטעטל. זייענדיק אַ בן־עיר, האָט ער אַליין געלייגט כבוד אויפן שטעטל, ווו ער איז געבוירן און וואָס האָט געשמט ווייט אין דער וועלט אַריין מיט איר תורה און חכמה. אגב האָט שכנא געוווסט, אַז כבוד קאָסט געלט. דער טעם פון

Free Public Library, Newark, N. J.

געלט איז אים טייער געווען. ער האָט געקאָנט אויף כבוד מוחל זיין.

שכנא צלאלס האָט זיך ווייניק באַוויזן צווישן לייט. אין שול פלעגט ער גיין נאָר אין אַ שבת אָדער יום־טוב. און דאָס אויך אין אַ זייטיקן מנין. אין קהלשע זאַכן האָט ער זיך נישט געמישט, נישט געוואָלט זיך מישן, נישט געזאָגט קיין דעות וועגן רב אָדער חזן, און געדאַנקט גאָט, אַז קהל לאָזט אים צורו.

און קהל האָט אים צו־רו געלאָזן, זיך נישט געקימערט איבער זיין עשירות, געהאַלטן אים מחוץ למחנה פון אַלץ, וואָס קומט פאָר אין קהלשן לעבן, און זאָל זיך דוכטן, אַז אין דעם דריי־גאָרנדיקן ברוינעם מויער דאָרטן וווינט אַ גוי, להבדיל, און נישט קיין ייד...

די געשעפטן ביי שכנאן זענען געגאַנגען פון זיך אַליין. אין שטאָט גופא האָט ער קיין מסחר נישט געפירט. מען האָט געשמועסט, אַז ערגעץ ווייט האָט ער א וואַסער־מיל, דאָס איבע־ריקע געלט האַלט ער אין אַ באַנק. ער פלעגט זעלטן אַרויספאָרן אַמאָל נאָך ריגע, אַמאָל אין אַן אַנדער כּרך. שכנא איז געווען אַ ייד מיט כאַראַקטער. אַ גרויסער שטוב־זיצער, אַ ווינציק־רעדער, און האָט ער שוין יאָ אַרויסגערעדט אַ וואָרט, אַזוי איז געווען מיט אַן אָנצוהערעניש, אַ רמז, אַ שטאָך, אַ וויץ, — גלאַט אַזוי אַ וואָרט האָט שכנא צלאלס פון זיין מויל נישט אַרויסגעלאָזט.

געווען איז שכנא צלאלס אַ קליינטשיקער, אַ רונדער, מיט שפּיציקע אויגעלעך, אַ קליין רונד בערדל, געגאַנגען אין בלאַנקע שטיוועלעך, אויף הויכע, דינע קנאַפּל, וואָס האָבן זיך געדרייט אונטער זיינע לייכטע קורצע פיס. בעתן גיין האָט ער די הענט געהאַלטן געווייגלעך הינטערן רוקן, בעתן רעדן — ס׳רוב אונטער די באַקעס.

אין מאַרק אָדער אין גאַס פלעגט שכנא זיך באַווייזן זעלטן. אָבער דאַך פלעגט ער זיך אין אַ שיינעם טאָג אַרויסכאַפּן אויף אַ שפּאַציר און גיין ס׳רוב איינער אַליין, אָן אַ באַגלייטער. האָט אים ווער, אַ בעל־הבית אַ יורד, אָפּגעשטעלט און באַגריסט:

„גוט מאָרגן, ר׳ שכנא!"

האָט ער צופרידן געשמייכלט מיט די שפּיציקע אויגעלעך, ווכנדיק בעת מעשה עפּעס אַ פּאַסיק העברעאיש וואָרט און ענט־פערן:

„ערב ובוקר... אַ שיינער טאָג היינט, רב לייזער".

אַמאָל פלעגט זיך אים פאַרגלוסטן מאַכן אַ מסחר אין מאַרק, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ פישער, זיך געשטעלט מיט די הענט אין די באָקעס און אויסגערופן אויפן קול:

„בענצע! וואָס קאָסט ביי דיר אַ פונט „רגלים", האַ?..."

רעדנדיק מיטן „סין", האָט שכנא נישט געזען קיין שטע־רונג, פאַרוואָס ער זאָל פיש נישט פאַרטייטשן מיט „רגלים". און אַז בענצע דער פישער האָט פאַרריכט: „איר מיינט „דגים", ר' שכנא..." האָט שכנא געשמייכלט:

„נו, יאָ, דגים, רגלים... וואָס איז דער חילוק?... דער מקח ביי דיר איז דאָך דער אייגענער... הע, בענצע?..."

געוויס איז ביי שכנאן קיין חילוק נישט געווען. די וועלט זייס במילא, אַז ער איז נישט קיין למדן, נו מעג ער דאָס אויך נישט וויסן...

עס האָט געטראָפן אַמאָל, אַז שכנא צלאָלס איז גערופן געוואָרן צו אַ רב צו אַ דין־תורה. דאָס האָט אים פאַרקלאָגט זיין אייגענער טאַטע דערפאַר, וואָס ער וויל אים נישט געבן אויף זיינע עלטערע קראַנקע טעג אויף צו לעבן. צוויי מאָל האָט דער רב נאָכגעשיקט ר' אבא דעם שמש און שכנא איז נישט געגאַנ־גען. צום דריטן מאָל האָט שכנא זיך אָנגעטאָן אין זיינע בעסטע, ציכטיקסטע קליידער און איז אַוועק צום רב. דער רב האָט אָנ־געהויבן מיט מוסר: ס'טייטש, ס'איז דאָך אַ טאַטע, געגעבן אים אין חדר, געמאַכט פאַר אַ ייד, ווי פאַרלאָזט מען עס אַ טאַטן אויף די עלטערע טעג? גאָט האָט אים דאָך געהאָלפן, ער קאָן דאָך... ווי פאַרגעסט ער עס, אַז דער טאַטע האָט פאַר אים גע־זאָרגט, אין חדר געגעבן...

דאָ האָט שוין שכנא נישט געקאָנט אויסהאַלטן. ער האָט געוואָרפן אַ בייזן בליק אויפן טאַטן און דעם רב איבערגעשלאָגן:

„וואָס רעדט איר, רבי! איר זאָגט, אַז דער טאַטע האָט

מיך געגעבן אין חדר, געמאַכט פאַר אַ ייִד... אָט, רבי, פאַרהערט מיך... אויב איך קען איין וואָרט עברי, גיב איך שוין טויזנט רובל"...

נאָר פון זיינע קינדער האָט שכנא נישט געהאַט מער נחת, ווי זיין טאַטע פון אים. זיינע קינדער, אַ צענדליק אין צאָל, זענען געווען ס'רוב גראָבע קעפּ, נישט געוואָלט לערנען, אַרומגעלאָפן אין די גאַסן און זיך אַרומגעשלאָגן מיט שקצים. איז שכנא אין כּעס געוואָרן און אַוועקגעגעבן איינעם צו אַ לאַנדס-קרעמער, אַ צווייטן צו אַ שניידער, אַ דריטן פאַרשיקט אין אַ גרויסער שטאָט, און אַ פערטער איז אַליין אַנטלאָפן נאָך אַמעריקע. אַזוי האָט זיך שכנאס הויז בּיסלעכווייז אויסגעליידיקט און געגעבן דעם שטעטל ווייניקער שטאָף צו רעדן וועגן אים. נאָר איינמאָל איז שכנאס הויז באַשערט געווען, אַז דאָס גאַנצע שטעטל זאָל פון אים רעדן,

שכנא האָט געהאַט אַ טאָכטער, וואָס איז געשטאַנען אין שידוכים. דאָס מיידל איז געווען נישט קיין מיאוסע און פּאַר שכנא צלאָלס משפּחה אַ גאַנץ געראָטענע. זי האָט גערעדט אַ פּאָר שפּראַכן, און שכנא האָט פון איר אָנגעקוואָלן, ווען זי האָט אים פאַרטייטשט אַ רוסיש פּאַפּיר, וואָס איז אַמאָל אָנגעקומען פון נאַטשאַלסטוואָ. דערפאַר, אַז מען האָט דעם מיידל גערעדט שידוכים, האָט ער געגעבן אָנצוהערעניש, אַז נדן וועט זיין „עשר מכּות"...— דאָס האָט געמיינט צו זאָגן צען טויזנט...

איינמאָל איז געקומען צו אים אַ שדכן און געזאָגט:

„ר' שכנא, איר האָט אַ טאָכטער, אַזאַ יאָר אויף מיר! אַ שיינע און אַ געראָטענע... רעדט לשונות און שפּילט פאָרטאָפּיאַנאָ, אַז ס'עקט די וועלט... נדן וועט איר דאָך נישט זשאַלעווען, ר' שכנא?... איז צען טויזנט, און אַז מען וועט דאַרפן איז נאָך פינף טויזנט, האַ?... פאַרוואָס זאָלט איר שוין נישט איינהאַנדלען אין איין גאַנג אַ בחור אַ רעכטס, אַזוי טאַקע פון אונזערע פּני העיר?..."

שכנא האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט און געזאָגט:

„ווייס איך!... ווי קומט שכנא צלאַלס צו די פּני?!... אַ חזיר דאַרף נישט קריכן אין ארון קודש...“

„אָבער, ר׳ שכנא, וואָס רעדט איר? קוקט נאָר אָן אייער טאָכטער: אַ פּרינצעסין!... זי באַדאַרף דאָך זיצן ממש אין אַ היכל...“

און כאָטש שכנא האָט נישט געוווסט, וואָס „היכל“ מיינט, האָט ער אָבער געפילט, אַז פאַר זיין טאָכטער וואָלט זיך טאַקע געפּאַסט אַ זיידענער יונגערמאַן.

„וועמען האָט איר ביד?...“ האָט שכנא אַ פרעג געטון מיט אַ ווונק.

דער שדכן האָט זיך צוגעבויגן און אים כמעט אויפן אויער געזאָגט:

„ר׳ משה בערלינערס זון...“

שכנא האָט זיך אַזש אַ הויב געטון פון שטול:

„עט, איר רעדט נאַרישקייטן!“

נאָר דער שדכן האָט אים פאַרזיכערט, אַז ס׳וועט גיין אַ גאַנג. ער האָט שוין געהאַט אַ שמועס מיטן טאַטן און אויך מיטן זון. דער טאַטע האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן, נאָר דער זון האָט זיך געלאָזט רעדן... נאָך אַ פּאָר אלפים פון שכנאס צד און דער שידוך איז געשלאָסן..

שכנא האָט געוווסט, געפילט מיט זיין געזונטן חוש, אַז צווישן משה בערלינער און אים ליגט אַ ווייטע וועלט, שפּרייט זיך אַ מהלך, אַ תהום, וואָס ער טאָר זיך נישט פאַרמעסטן אַרי-בערצוגיין... ער האָט צום שדכן געטענהט, זיך געבעטן, אַז ער טאָר נישט קריכן מיט די קאָפּיטעס צום חזן אויפן עמוד, ער וועט נאָך פאַרמישן דעם סידור און צעשטערן די תפילה... און דאָך האָט ער געענדיקט מיט די ווערטער:

„נו, און מיין טאָכטער האָט איר שוין דערלאַנגט אַ טאַפּ דעם דופק?“

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט געררעשט דאָס שטעטל: ר׳ משה בערלינערס זון נעמט שכנא צלאלס טאָכטער!

ביידע צדדים האָבן די זאַך געהאַלטן בסוד. געפּלאַצט האָט דער סוד ערשט אַ וואָך פאַר דער חתונה, ווען מען האָט שוין אַלץ באַדאַרפט צוגרייטן צו דער חופּה.

אַ וואָך צייט האָט שכנאס הויז געקאָכט. סאַרוועס און קעכינס האָבן געהאַלטן אין איין אַרומלויפן, קאָכן, באַקן און פּרעגלען. שכנא האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געעפנט ברייט די טירן פון זיין הויז און מענטשן זענען געגאַנגען אַריין און אַרויס ווי אויף אַ פּאָדריאַד.

נאָר ביים חתן אין הויז האָט אַ גאַנצע וואָך נישט אויס־געקוקט ווי פאַר אַ חתונה. נאָענטע קרובים, פון די פּני, ס׳רוב יורדים, האָבן דאָס הויז באַלאַגערט און מען האָט געהאַלטן אין איין שושקען זיך. דאָרטן, אונטער פאַרמאַכטע טירן און פענסטער, איז אָנגעגאַנגען אַ שטילער, נאָר ביטערער קאַמף, אַ קאַמף צווישן אַ גרויסן, יחוסדיקן, אומבאַפלעקטן נאָמען, וואָס שטייט אויף דער שוועל פון באַנקראָט, און באַהעפטונג אין בלוט מיט שכנא צלאלס, דעם עם־הארץ, דעם לעצטן אין שטעטל. לאַנג זענען געווען די שעהן און גרויס דער צאַפּל. די אבות האָבן פון די ווענט אַראָפּ־געקוקט און געוואָרנט... די שלאַכט איז געווען פאַרלאָרן פאַרן צווייטן צד. אין דער נאַכט פאַר דער חופּה האָט דער חתן פאַר־לאָזן דאָס שטעטל.

מיטן פריסטן באַגינען האָט מען זיך פון דעם דערוווּסט ביי שכנאן אין הויז. די גאַנצע רעשדיקע באַוועגונג איז פּלוצלונג אָפּגעשטעלט געוואָרן ווי דורך אַ כישוף. די כּלה האָט געחלשט און מען האָט זי געהאַלטן אין איין מינטערן. די מוטער מיט די ווייבער אַרום האָבן געוויינט און זיך געווישט די נעזער. נאָר איין שכנא האָט זיך נישט פאַרלאָרן. ער איז אַריין אין קיך און וואַרפנדיק אַ בליק אויף די בערג לעקעך, קיטקעס און טייגלעך, וואָס זענען פּלוצלונג שטיין געבליבן פאַריתומט, האָט ער זיך

געשטעלט אין זיין געוויינלעכער פּאָזע, מיט די הענט אין די באָ-
קעס, און אויסגערופן צו די ווייבער:
„איך האָב אָבער געזאָגט, אַז איר וועט מיך אומגליקלעך
מאַכן! אַוודאי טויזנט אייער צעקלאַפּט!"...

דער ניקאָלאַיעווסקער.

דאָס שטעטל האָט געוווּסט, אַז מיט ישראל דעם ניקאָלאַיעווסקען איז עפּעס נישט גלאַט. אָט דער הויכער, שטייפער ייד, מיט דער לאַנגער גרוי-שוואַרצער באָרד, גראָבן סענקעוואַטן שטעקן, אויסגעשטעלטער ברוסט און טונקעלן בליק, האָט אַרויסגערופן צו זיך מאָדנע געפילן.

עלטערע יידן האָבן דערציילט, אַז זיי געדענקען ווי דורך אַ חלום, ווי די כאַפּערס האָבן אים צוגענומען, בשעת ער איז אפשר אַכט יאָר אַלט געווען. און געגאַנגען איז ער פאַר אַן אַנדערן, פאַר אַ גבירס אַ קינד. נאָר זיין טאַטע-מאַמע האָבן מער ווי וויינען נישט געקענט. דער טאַטע, אַן אָרעמער שוסטער, די מאַמע, אַ געבראָכענע יידענע, זענען געלעגן אין זייער חורבהלע, פּאַנטייך, געוויינט און אויסגעגאַנגען. די בראָך איז געווען גרויס, נאָך גרעסער, בעת מענטשן האָבן דערציילט, אַז מען האָט ישראלקען מיט אַ גאַנצער מחנה יידישע קינדער אַוועקגעפירט אין דער גובערניע אַריין. זיי אַרייַנגעטריבן ווי די שעפּעלעך אין אַ טפלה און אַלעמען אָפּגעשמדט.

מען האָט דערנאָך אָן דעם פאַרגעסן, ווי מען פאַרגעסט אָן אַלץ, וואָס גייט אַוועק, פאַרשווינדט פון די אויגן. אַלטע שטאַרבן אויס, יינגע קומען און דאָס שטעטל בייט זיין פּנים, לאַנגזאַם, אָבער בייט אים. די צייט שטייט נישט

אַפילו אין דעם רויקסטן, אָפּגעלייגטסטן שטעטל פון דער ליטע.

האָט זיך איינמאָל אין שטעטל באַוויזן אַ פרעמדער: נישט קיין ייד — יאָ אַ ייד; די לאַנגע שוואַרצע באָרד — יידישלעך און נישט יידישלעך; דאָס פּרצוף יידיש און דאָך פאַרגוייִשט; דאָס לשון האַלב יידיש, האַלב גוייִש. ווער איז ער?... דערציילט דער פרעמדער אין זיין געבראָכענעם לשון. יידן האָרכן, לייגן צו אַן אויער, שטרענגען זיך אָן אים צו פאַרשטיין:

„איך בין איזראַעל יעפימאָוויטש... זנאַטשיט ישראל געהייסן. ווען געווען אַ קליין יינגל... מאַליוסענקי טאַקאָי... מיך גענומען וו' סאָלדאַטי... אין גובערניע, פאָנימאַיעטיע... אַ פאָטאָם... דערנאָך, זנאַטשיט, געדינט אין סלוזשבע... באַ ניקאָלאַיען. וואָט טאַק... ליעט טרידצאַט... דרייסיק יאָר, זנאַטשיט... איבער גאַנץ מאַטושקאַ ראָסיאַ אויסגעוועזן... נו, וואָט, איצט בראַטיאַ מאָי... ברידער זנאַטשיט... געקומען נאַ ראָדינו... צו אייך... זנאַטשיט... דאָ געבוירן, דאָ שטאַרבן... פּרי סוואָיך, באַ מיינע ברידער, זנאַטשיט..."

„און ווער זענען אייערע עלטערן געווען?" — האָט עמעץ געפרעגט.

„מיין פאָטער האָט געהייסן חיים... סאַפּאָזשניקאָם ביל... זנאַטשיט אַ מענטש, קאַטאָרי טאָטשיל סאַפּאָגי... גענייט, זנאַטשיט, שיך... פאָנימאַיעטיע? אַ זשיל, זנאַטשיט, געוווינט באַם טייך... טאַק אי יעסט, וואָליע רעטשקי..."

„ביסטו עס ישראלקע חיים דעם שוסטערס!" — האָט אויסגערופן אַן עלטערער ייד, וואָס האָט די גאַנצע צייט פון אים די אויגן נישט אַראָפּגענומען און געהאַלטן די אויערן שאַרף אָנגעשפּיצט — „זע נאָר, דיך, אסור, דערקענט... דו האָסט דאָך גאָרנישט מער קיין יידישן פּרצוף... מען האָט דאָ געשמועסט, אַז זיי האָבן דיך אַוועקגעפירט אין די טומאה אַריין... ימח שמם וזכרם..."

די לאַנגע, שטייפע פיגור פונם גאַסט האָט זיך אַ טרייסל

געטון. ער האָט קוים פאַרשטאַנען די רייד פונם ייד, נאָר זיין האַרץ האָט געפילט, וואָס דער ייד רעדט... ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן שטעקן:

„פּוסטיאַקי!... וורוט!... אַ ליגנט, רעביאַטאַ... יעזי באָגו, אַ ליגנט... איך אַ ייד... איך וויל גיין אין אַ סינאַגאַגאַ... מאָליטסיאַ... דאַווגען, זנאַטשיט, נעמט מיך טודאַ... ברידער!...“

די אויגן באַ דעם פרעמדן זענען נאַס געוואָרן. מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז דער גאַסט געווען אין אַ שול און אַריינגעקוקט אין אַ סידור.

ישראל דער ניקאָלאַיעווסקער — אַזוי האָט מען אים באַלד גענומען רופן — האָט זיך פאַרקליבן ערגעץ אין אַ שטיבל, פּאַזע טייך, ווו ער האָט פאַרבראַכט זיינע פריסטע קינדער-יאָרן. ער האָט באַלד חתונה געהאַט, גענומען אַ יידישע טאָכטער, שפרה, וועלכע האָט אים געקינדלט אַזוי אָפט, ווי אַ יידישע טאָכטער איז דערלויבט. פּרנסה האָט אויך נישט געפעלט, פאַר דרייסיק יאָר ניקאָלאַיעווסקע סלוזשבע צאָלט קאַזנאַ יערלעכע פענסיע. סטאַיעט עס נישט פאַר אַ הויז מיט קינדער, ווערט ישראל דער ניקאָלאַיעווסקער אַ קאַרטן-וואַרפער, טרעפט יעדן צו, באַקומט אַ שם, נעמט אַ פּיאַטאַק און אַמאָל טאַקע גאַנצע צען קאָפּיקעס — און פּרנסה פעלט נישט.

ס'פלעגט טרעפן באַ אים אויך גליקלעכערע טעג, אַ יינג ווייבל, וואָס איר מאַן איז אין אַמעריקע צי אין אַפריקע, און אַ בריוו האָט זיך פאַרזאַמט, פלעגט קומען, פול פאַרדרוס, צו לויפן צו אים און לאָזן אויסוואַרפן קאָרטן. דער דערפאַרענער ישראל האָט שוין געוווסט, אַז ווען אַ יינג ווייבל מיט רינגען אויף די פינגער, קומט אין פאַרדרוס צו לויפן צו אים, איז עס דערפאַר, וואָס זי האָט פון איר מאַן שוין לאַנג קיין בריוו און קיין געלט נישט. אַז דער מאַן איז ערגעץ ווייט, איבערן וואַסער, דאָס איז זיכער. אַ יינג ווייבל, וואָס איר מאַן איז אינדערהיים, ווערט אין אַ קליין שטעטל נישט קומען זיך לאָזן אויסלייגן קאָרטן. ישראל פלעגט אַ מיש טון די קאָרטן, געלאָזט אויפהייבן, צום ערשט איין

מאָל, דערנאָך אין דריי קוּקעלעך און אָנהייבן טרעפן, באַלד פון די ערשטע רייען פלעגט ער אָנהייבן זאָגן זיינע טרעפונגען אין זיין צעבראָכענעם יידיש:

„אייער מאַן איז נישט דאָ... זאַ מאָרעם... איבערן וואַסער, זנאַטשיט... שוין לאַנג פון אים נישטאָ קיין פּיסמעצאָ... אַ בריוו, זנאַטשיט... נאָ — אַהאַ!... טאַק אי יעסט... נישטאָ איבער וואָס צו בעזפּאָקאָיען... זאַדערזשאַלאַס... פאַרהאַלטן, זנאַטשיט... אי וואָט... איר זעט דאָ בובנאַ טויז באַ טריעף־דאַמע?... דאָס מיינט, אַז אייך שטייט פּאָר אַ גרויסע סומע געלט... פּאָריאַדאָטשנאָ!... אי... אי... ג'דאַ... אַ שיפּס־קאַרטע, און... גאָר אינגיכן... אי וואָט... טריעף־טויז... דאָס מיינט, אַז אייך שטייט פאָר אַ ווייטער וועג... דאַלאָקי פּוט, זנאַטשיט... און... האַ?... פּיק־צענטל... אַ ביסל דאָסאַדאַ... פאַרדרוס, זנאַטשיט, וועט איר האָבן איבער אַ פריינט דאָ אייִדער איר וועט פאָרן... נאָר אַלץ זיך קאָנטשען בלאַגאָפּאָלוטשנאָ... איר'ט פאָרן צו אייער מאַן און זיין גליקלעך..."

דאָס ווייבל, איבערגליקלעך פון אַזאַ צוטרעפן, פלעגט שוין אים איבערלאָזן גאַנצע פינף און צוואַנציק קאָפּיקעס. און זיין ווייב שפרה פלעגט דאַנקען גאָט אין הימל, וואָס ער פאַרלאָזט נישט.

אַזוי האָט ישראל דער ניקאָלאַיעווסקער געלעבט אַ גליקלעך און צופרידן לעבן מיט זיין ווייב און קינדער, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן אונטערוואַקסן און גיין אין חדר. טאָג־איין, טאָג־אויס פלעגט ער גיין אין שול דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג, פאַרברענגען דאָרט לאַנג, דאַווענען שווער, אָבער מיט התמדה. פון צייט צו צייט פלעגט ער פאַרשווינדן פון שטעטל אויף עטלעכע טעג. זיין ווייב שפרה פלעגט זאָגן, אַז דאָס פאָרט ער אין דער גובערניע אַריין, ווו ער מוז זיך ווייזן פאַר נאַטשאַלסטווא. נאָר שלעכטע צינגער פלעגן זאָגן, אַז דאָס מוז ער זיך יאַווען אָפּט אין גובערניע צייגן זיין טרייהייט צו פּראַוואָסלאַוונע און באַזוכן די קירך. דאָס שטעטל האָט קיין רוסישע קירך נישט פאַרמאָגט.

ויהי היום און די צרה איז געקומען. עס איז געשטאָרבן דער פּריץ פון שטעטל, נאַרישקין, אַן אַלטער בחור, אַן אפּיקורס, אַן אוהב ישראל און אַ גרויסער הולטיי. זיין רעזידענץ-הויף מיט די איבעריקע אַכט-און-ניינציק הויפן (הינדערט פאַרמאָגט דער קיסר אַליין!) איז איבערגעגאַנגען בירושה צו זיין ברודער נאַרישקין, אויף וועלכן מען האָט געזאָגט, אַז ער איז די רעכטע האַנט בּאַם קיסר און אַ גרויסער אַנטיסעמיט. אין דעם לעצטן האָט מען אין שטעטל זיך באַלד איבערצייגט. ווי ער איז נאָר אַראָפּגעקומען דאָס ערשטע מאָל פון פּעטערבורג, האָט ער באַלד איינגעפירט גזרות אין שטעטל, פאַרמאַכט דעם גרויסן גאָרטן פון הויף, וואָס האָט געדינט פאַר אַ שפּאַציר-גאַנג שבת און יום-טוב, פאַרצוימט וועגן און געטון כל הרשעות שבעולם דעם שטעטל יידן. איינע פון זיינע ערשטע אויפטואונגען איז געווען, צו פאַרשטאַרקן פּראַוואָסלאַוויע אין שטעטל. נישט ווייט פון זיין הויף האָט ער געלאָזט אויסבויען אַ קליינע רוסישע קירך, אַראָפּגעבראַכט אַ פּאָפּ, וועלכער האָט מיט נאַטשאַלסטוואָ גענומען זיך צום ספּיסאָק פון אַלע פּראַוואָסלאַווניע אין שטעטל. און דאָ איז געקומען דער טאָג, ווען ישראל דער ניקאָלאַיעווסקער איז פּלוצלינג ווייס געוואָרן...

עמעץ פון נאַטשאַלסטוואָ איז צו אים געקומען און אים איבערגעגעבן אַ צעטעלע. ישראל דער ניקאָלאַיעווסקער האָט אין דעם אַריינגעקוקט און די הענט האָבן בּאַ אים גענומען ציטערן. שפרה איז דערביי געשטאַנען, האָט עס באַמערקט און זיך איבערגעשראָקן. זי האָט געזען ווי איר ישראל באַמיט זיך צו רעדן מיט ערל, נאָר ס'געפאַלט אים שווער. זיי האָבן זיך איבערגעביטן מיט [illegible]טלעכע ווערטער און דער גוי איז אַרויס פון שטוב. שפרה האָט אין שרעק אויסגערופן:

„זע, ישראל, ווי דיין פּנים האָט זיך געביטן!... וואָס האָט דער ערל געוואָלט פון דיר?... וויל קאַזנאַ בּאַ דיר צונעמען, וואָס זי צאָלט דיר?... זאָל זיי נאָר די הענט אָפּדאַרן, רבוני של עולם!...“

„עט, פּוסטיאַקי!...“ האָט ער אַ קלאַפּ געטון מיטן שטעקן,

זיך אויפהייבנדיק פון טיש און אויסשטעלנדיק שטייף זיין אַלטע סאָלדאַטסקע ברוסט, „דו זיי נאָר נישט קיין באַבאַ, און אַלץ וועט זיין בלאַגאָפּאָלוטשנאָ... איך מוז איצט אַוועקגיין. נאַטשאַלסטוואָ רופט...״

באַם אַרויסגיין האָט שפרה געהערט, ווי ער האָט עפּעס גערעדט צו זיך אין רוסיש און געקריצט בשעת מעשה מיט די ציין.

דאַן איז געקומען אַ זונטיק און ישראל איז אויפגעשטאַנען פריער ווי געוויינלעך, ער האָט גענומען דאָס טלית־זעקל, איז אַוועק דאַווענען מיטן ערשטן מנין, און קומענדיק צוריק פון שול, האָט ער געזאָגט שפרהן, אַז ער דאַרף ערגעץ צו גיין... שפרה האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשוויגן. דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַט. נאָר וואָס קאָן זי טון, גאָט אין הימל זעט דאָך, אַז איר ישראל איז נישט שולדיק...

יעדן זונטיק האָט זיך איבערגעחזרט דאָס אייגענע: ישראל איז אַוועק מיטן באַגיגען אין שול, און קומענדיק צוריק, האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס טלית־זעקל, זיך געפּאַרעט עפּעס באַ זיין בלעכענעם קעסטל, וואָס ער האָט געהאַלטן תמיד פאַרשלאָסן און געטראָגן דעם שליסל מיט זיך, אַרויסגענומען פון דאָרטן עפּעס אַ פאַרוויקלטע זאַך, און שווייגנדיק, מיט געפּרעסטע ליפּן, פאַרלאָזט די שטוב... שפרה האָט אים נאָכגעקוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געווישט זיך די אויגן.

אין שטעטל האָבן באַלד זיך גענומען אַרומטראָגן קלאַנגען, אַז ישראל דער ניקאָלאַיעווסקער דרייט זיך עפּעס צו אָפט אַרום נאַרישקינס טפלה, און ס׳זענען אויך געווען מענטשן, וואָס האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען אים אַריינגייענדיק און אַרויסגייענדיק פון איר...

צו דער זעלבער צייט האָט מען אויך באַמערקט, אַז ישראל דער ניקאָלאַיעווסקער האָט זיך אינגאַנצן געענדערט, ער איז מיט אַמאָל געוואָרן ווייס, שרעקעוודיק און נערוועז. אין שול איז ער געקומען שוין נישט אַזוי אָפט ווי אַמאָל. באַם דאַווענען האָט ער אַרויסגעוויזן אַ מאָדנע אומרויקייט, פלעגט זיך אָפט אומקוקן און

וואַרפֿן די אויגן צו דער טיר... אויף ראש השנה און יום כפור
יזצט ישראל דער ניקאָלאַיעווסקער געגומען פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל
און ערגעץ אַוועקפֿאָרן. מען האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער ווערט שפּיאָ־
נירט פֿון נאַטשאַלסטוואָ, און אין אַזאַ גרויסן יידישן יום־טוב איז
בעסער, אַז ער פֿאַרלאָזט דאָס שטעטל. דאָס האָט זיך איבערגע־
חזרט אַזוי אַ פּאָר יאָר.

איינמאָל האָט ישראל דער ניקאָלאַיעווסקער צוגערופֿן זיין
ווייב, זי אָנגענומען בײַ דער האַנט און מיט אַ טיף געבראָכענער
שטימע צו איר אַזוי געזאָגט:

„שפרה, איך האָב דיך דאָס גאַנצע לעבן גענאַרט... דיר
נישט געזאָגט דעם אמת... פּראַוודו ניע סקאַזאַל... גאָט ווייסט,
איך נישט געקענט... אָבער איצט מוז איך זיך ספּאָוויעדען...
דיר זאָגן דעם גאַנצן אמת... מיך געשמדט, קרעסטילי, זנאַטשיט,
ווען איך געווען אַ קליין יינגל... איך בין נישט שולדיק... קליאָ־
נוס... פּיל געליטן... סטראַדאַל מנאָגאָ, זנאַטשיט... איצט...
גיי איך שטאַרבן... נ'דאַ... אַ סוף... איך פּיל, זנאַטשיט, קאָ־
ניעץ בליזאָק... דער טויט קומט... די שעהן געציילטע... נישט
וויין, שפרה... דו זיי אַ מאַמע צו די קינדער... וואָט אי ווסיאָ...
אָט האָסטו אַלץ, וואָס איך האָב סבערעגאַיעט... איך פֿאָר
נאָך היינט אַוועק אין שטעטל וו... דאָרטן שטאַרבן... מיך דאָרט
באַגראָבן אויף אַ יידישן בית עולם... אַלץ אָנגעמאַכט... און
דו קיינעם נישט זאָג... נאַטשאַלסטוואָ קומען פֿרעגן: „גדיע
מוזש?..." ווו דער מאַן, זנאַטשיט... און דו — „ניטשעוואָ
ניע זנאַיו..." דו גאָרנישט ווייס... איצט, זיי געזונט, שפרה, אי
ניע פּלאַטש... נישט וויין... פֿיר מיר אַריין אַלע קינדערלעך...
וועל איך זיי געבן מיין לעצטע בלאַגאָסלאָוועניע, ברכה זנאַטשיט...
און זאָגן שמע ישראל..."

מיט דריי טעג שפּעטער איז צו שפרהן אין שטוב אַריינ־
געקומען אַן אומבאַקאַנטער ייד און איר איבערגעגעבן אַ בריוו
פֿונם וו—ער רב. ער האָט דעם בריוו פֿאַר איר אַליין פֿאָרגעלעזן
און באַלד אויפֿן אָרט צעריסן. שפרה האָט אויסגעהערט דעם
בריוו רויק, געקוקט מיט שטאַרע אויגן פֿאַר זיך, נאָר זעענדיק ווי

דער ייד וואַרפט אַריין די שטיקלעך פונם בריוו אין דעם גליענדן אש פונם אויוון, האָט זי זיך צעוויינט, און אויסגעשריגן:

„קינדער, דער טאַטע איז געשטאָרבן... לאָמיר זיך זעצן שבעה...“

יענקל לומפ.

ער איז געווען א גאנץ באקאנטע פיגור אין שטעטל. א קינד אין וויג האט אים געקענט. ס'איז נישט געווען א הויז, ווו יענקעל לומפ זאל עס כאטש איינמאל נישט באזוכן. מען האט אים געזען יעדן אינדערפרי ארויסגיין מיט א פאר זעקלעך אויף דער פלייצע, מיט א גראבן שטעקן אין האנט, שארנדיק און טאפנדיק אויפן זאמדיקן טראטואר, ווי ער וואלט וועלן פון דארטן ארויסשלעפן עפעס א שמאטקע, א ביין אדער א שטיקל אייזן.

יארן־לאנג איז יענקל געווען דער איינציקער לומפן־הענדלער אין שטעטל. ער האט געהאט אויף דעם א חזקה נאך פון זיין טאטן, און דעם צונאמען „יענקעלע לומפ" האט ער נאך באקומען אין תלמוד תורה פון די קינדער. ער איז תמיד געווען א שווייגנדיקער און א צוריקגעהאלטענער. געבוירן מיט א ברען־פלעק אויף דער לינקער באק, יבא א טאטן א לומפן־הענדלער, איז ער תמיד געווען דער ציל־פונקט פון חוזק און שפיצלעך פון קינדער. אז ער איז אויסגעוואקסן, און דער טאטע האט אים דערלאנגט א זעקל מיט א שטעקן, אים צוגענומען פאר אן ארויסהעלפער און שותף אין געשעפט, האבן קינדער פאר אים שרעק באקומען, און נאך מער די הינט אין שטעטל.

אינגיכן איז דער טאטע אפגעשטארבן און יענקל לומפ איז געבליבן דער איינציקער יורש אויף דעם טראן פון לומפן־הענדלעריי. שפעטער האבן זיך אויך באוויזן קאנקורענטן. נאר ער האט

זיך מיט דעם נישט געוואָלט רעכענען, ער האָט געקוקט אויף זיי מיט שפּאָט און פאַראַכטונג.

„עך־מיר לומפּן־הענדלער!" — פלעגט ער מורמלען — זענען זיי דען מבינים אויף אַ רעכט שטיקל סחורה?"

און אַ באַלעבאָסטע, וואָס האָט געהאַט די עצה צו פאַרקויפן סחורה צו אַן אַנדערן לומפּן־הענדלער, איז געוואָרן טריף בא יענקל לומפּ. ער פלעגט שוין אויף איר קוקן ווי אויף אַ מענטש, וואָס איז באַגאַנגען אַ מיאוס פאַרברעכן.

מיט דער צייט האָט ער זיך אָבער אויך צוגעוווינט צו דער קאָנקורענץ און פיל עוולות פאַרשוויגן. און אַז אין שטוב האָבן זיך גענומען באַווייזן קינדערלעך, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו שטאַרבן, איז יענקל לומפּס פּנים געוואָרן אַלץ מער פאַרחושכטער, זיינע אויגן אויסגעלאָשענער, דער רוקן געבויגענער, און ער האָט אַלץ מער און מער פאַרשוויגן, וואָס זיינע געטרייע קונדן פּרובירן אויך פאַרקויפן סחורה צו אַנדערע.

מיט דער צייט איז אים די פרוי געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט איינאיינציקן זון, מענדעלע, אין עלטער פון אַ יאָר אַכט־ניין. ער האָט אים געלאָזט גיין צו אַ גוטן מלמד און געוואָלט פון אים מאַכן אַ לייט. בפרט נאָך, אַז מענדעלע האָט אַרויסגעוויזן אַ גוט קעפּל, האָט יענקל לומפּ געגלייבט צו האָבן פון אים גרויס־נחת

מענדעלע האָט אָבער נישט געוואָלט לערנען. אים האָט בעסער זיך געגלוסט אַרומשלעפן מיט שקצים אין גאַס, זיך שלאָגן מיט הינט, אָדער כאַפּן טויבן. דעמאָלט איז יענקל אין כעס געוואָרן, און זיין מענדעלען אַוועקגעגעבן צו אַ שוסטער. מענדעלע האָט אָבער קיין שוסטער נישט געוואָלט זיין, איז באַלד אַנטלאָפן, זיך אַרומגעשלעפט אין גאַס און מורא געהאַט צו באַווייזן זיך פאַרן טאַטן. דער טאַטע, געערגערט און געקרענקט, האָט אים לאַנג אַרומגעזוכט, קלאַפּנדיק שווער מיטן שטעקן אָן ברוק, ביז ער האָט אים געכאַפּט, געבראַכט אין הויז און אַרויפגעלייגט אויף אים דעם שטעקן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט זיין מענדעלען געשלאָגן.

מענדעלען האָט דאָס אַזוי שטאַרק פאַרדראָסן, אַז ער איז פון טאַטן אײַנגעגאַנגען צעטלאָפן און פאַרלאָזט דאָס שטעטל.

יענקל לומפּ איז געבליבן אַליין. זײַן מענדעלעס פאַרשווינדן האָט אים געמאַכט נאָך מער צוריקגעצויגן, פאַרביטערט און גרויז. תּחילת האָט ער זיך געמאַכט אַ פאָרוואורף, וואָס ער האָט געהויבן אויף אים די האַנט, דערנאָך האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין זײַנע געפילן, און צום סוף אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

יאָרן זענען געגאַנגען. יענקל לומפּ האָט זיך טאָג-טעגלעך באַוויזן אין גאַס מיט זײַן שטעקן אין האַנט, זעקל אויף דער פּלייצע, וואָס אַ טאָג גרויער, עלטער, שווײַגנדיקער. פון זײַן מענדעלען האָט ער געהערט עפּעס ווײַטע גרוסן, אַז ער שטודירט דאָקטאָר אין ריגאַ און אין דאָרפּעט, נאָר ער האָט עס נישט געגלייבט. ס'פלעגט אים נאָך פאַרדריסן, וואָס מענטשן מאַכן פון אים חוזק.

„מײַן מענדעלע אַ דאָקטאָר!... כע-כע-כע... אַ ייִנגל אַ הינט-עלעגער וועט ווערן אַ דאָקטאָר!... מען האָט שוין פון קיין אַנדערן נישט צו מאַכן חוזק?...”

אַזוי פלעגט ער צעפּעטפּערן יעדן איינעם, וואָס פלעגט זיך ברענגען אַמאָל אַ גרוס פון זײַן בן-יחיד, אַ מאַך טון מיט דער האַנט און זיך גיין זײַן וועג.

אין אַ שיינעם העלן טאָג איז צערויס אַ קלאַנג אין שטעטל, אַז אין בייעם דריי-עטאַזשענעם מויער האָט זיך באַזעצט אַ ייִנגער דאָקטאָר מיט אַ פרוי, וואָס גייט אין בריליאַנטן, און דער דאָקטאָר איז נישט קיין אַנדערער, ווי יענקל לומפּס זון.

יענקל האָט זײַנע אויערן נישט געגלויבט. ער האָט געמיינט, אַז מען מאַכט ווידער מיט אים שפּאַס נאָר ווי צעטומלט איז ער געוואָרן, ווען ס'האָט זיך אין אַ פרימאָרגן צו אים אין שטוב אַרײַנגעלאָזט אַן עלעגאַנט-געקליידעטער ייִנגערמאַן, מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל, האָט אים אַ רגע אָנגעקוקט און אים זיך געוואָרפן אויפן האַלז: „טאַטע, טאַטע!...”

יאָ, דאָס איז געווען זײַן מענדעלע.

באַלד האָט אים זײַן זון מודיע געווען, אַז פון הײַנט אָן

ברויך ער נישט מער גיין איבער די הייזער איינקויפן לומפן, ער מעג בלייבן אין דער היים, אין אַ שענערער היים, ער וועט אים געבן, וויפיל ער באַדאַרף, צוואַנציק רובל אַ חודש, און מער. נאָר זאָל ער אַוועקוואַרפן די לומפן-הענדלעריי. ס'פּאַסט נישט פאַר אים, דער טאַטע זאָל זיך מיט דעם באַשעפטיקן. ער דאַרף עס פאַר-שטיין.

יענקל לומפּ האָט געשוויגן. יאָ, ער פאַרשטייט, אַז דער זון האָט רעכט, נאָר עפּעס ווערט אים דערפון שווער. אַזוי פיל יאָרן איז ער אויפגעשטאַנען טאָג-טעגלעך באַגינען, געגאַנגען צום ערשטן מנין אין שול דאַוונען און דערנאָך מיטן זעקל און שטעקן איבער די געהעפטן. און דאָ פלוצלינג: זאָל ער עס אַלץ אויפ-הערן! איז דאָס מעגלעך?...

יענקל האָט שטום מסכים געווען צום זונס פאַרשלאַג. ער האָט זיך באַזעצט אין אַ נייער דירה, אָנגעטון זיין שבתדיקע קאַ-פּאָטע אין דער וואָכן, אויף שבת האָט אים דער זון געקויפט אַ ניי בגד, און אָנגעהויבן לעבן אַ ניי לעבן.

מאָדנע האָט זיך יענקל לומפּ געפילט. ער פלעגט ווי אַלע מאָל אויפשטיין באַגינען און גיין צום ערשטן מנין דאַוונען. אָבער דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים אַ טאָג פון לאַנגע, לאַנגע שעהן אָן לעבן און אָן אינהאַלט. באַנאַכט האָט ער אויך קיין רו נישט געהאַט. ער האָט אָנגעהויבן באַקומען שווערע חלומות, וואָס האָבן אים זיין שלאָף געשטערט. וואָס אַ טאָג האָט ער אַלץ מער געפילט, אַז עפּעס פרעסט אים אויפן האַרץ, פון וואָס ער וואָלט זיך וועלן באַפרייען... טיף אין אים האָט געוואַכט אַ באַוווסטזיין, אַז אין דעם איז שולדיק זיין מענדל, נאָר ער האָט פון דעם נישט געוואָלט טראַכטן. טוט אים מענדל שלעכטס, אַז ער זאָל אויף אים בייז זיין?... ער איז דאָך צו אים אַזוי גוט, ער וואָלט עס קיינמאָל נישט געגלייבט. עס פעלט אים דאָך גאָרנישט. וואָס וויל ער?... וועמען קען ער דערציילן, וואָס ער וויל?... ווער וועט אים פאַרשטיין?... און ווייטער ווייסט ער דען, וואָס אים פרעסט אַזוי?...

נאָר איינמאָל אין אַ פרימאָרגן האָט ער יאָ דערפילט... ער

איז געגאַנגען צוריק פון ערשטן מנין, מיטן טלית־זעקל אונטערן אָרעם, דעם אַלטן סענקעוואַטן שטעקן אין האַנט, און זיך געלאָזט גיין אַהיים. פּלוצלינג באַמערקט ער, ווי אַ טויערל פון אַ געהעפט שטייט אָפן... ער האָט אין אים אַריינגעקוקט... דאַכט זיך, אַז דאָס איז שרה לייבס הויז... אַ ווילע יידענע... די בעסטע אין שטעטל... שטענדיק אים טריי געווען, נישט פאַרקויפט קיין סחורה צו קיין אַנדערן. מען דאַרף אַריינגיין אַ קוק טון... זען וואָס זי מאַכט... אַזוי זיך...

און יענקל לומפּ איז שוין געשטאַנען בא דער הינטער־טיר פון הויז... אַ פרוי איז אים געקומען אַנטקעגן און אויס־געררופן:

„גוט מאָרגן, ר׳ יענקל. כ׳לעבן אַ גאַסט! וואָס־זשע מאַכט איר?"

„גאָרנישט... וואָס זאָל מען מאַכן?... אַזוי זיך... פאַר־בייגעגאַנגען אַן אַלטע באַקאַנטע... אַריינגעכאַפּט זיך אַ קוק טון... אַזוי זיך..."

„אַך, אַ ליבער גאַסט... קומט אַריין אין שטוב!"

נאָר דאָ האָט יענקל לומפּ באַמערקט שטיין אַ קאַסטן מיט שמאַטעס און אַלטוואַרג... ער האָט שוין פון דעם אָרט נישט גע־קאָנט אַוועקגיין... די אויגן האָבן זיך בא אים ברייט אויפגע־עפנט, און אין האַרצן האָט זיך אַזוי לייכט געגומען באַוועגן... אַזוי לייכט...

„וואָס שטייט איר, ר׳ יענקל? קומט אַריין", האָט די פרוי אים ווייטער געבעטן. נאָר ער האָט שוין אירע ווערטער נישט גע־הערט, ער האָט געמורמלט:

„איר ווייסט... איך האָב געוואָלט, איר זאָלט מיר פאַר־קויפן אָט דאָס ביסל סחורה... אַזוי זיך... נישטאָ וואָס צו טון... איר פאַרשטייט... איך וועל אייך געבן אַ גוטן פרייז..."

די פרוי האָט אים אַ רגע פאַרוואונדערט אָנגעקוקט און בא־מערקט.

„פאַרוואָס נישט? מיטן גרעסטן כבוד".

ער האָט זיך נישט געדונגען און באַצאָלט דעם פרייז, וואָס

זי האָט פאַרלאַנגט. ער האָט געבאָרגט באַ איר אַ זעקל און פאַר־
פּאַקט די סחורה מיט גרויס התמדה. אַז ער איז מיט אַלץ גע־
ווען פאַרטיק און מיטן זעקל אויף דער פּלייצע געהאַלטן באַם
פאַרלאָזן דעם הויף, האָט ער זיך אומגעקערט צו דער פרוי און
געזאָגט:

„איכ'ל אייך בעטן, שרה, קיינער זאָל פון דעם נישט
וויסן... איר פאַרשטייט... מיין זון... ר'פאַרשטייט?..."

ר׳ זלמן דער דיין.

ר׳ זלמן דער דיין איז זיכער געווען דער פּאָפּולערסטער ייד אין שטעטל. הגם אָפּיציעל איז ער שוין לאַנג קיין דיין נישט געווען און קיין שכירות נישט באַקומען, האָבן זיך אָבער די ווייבער מיט דעם לחלוטין נישט גירעכנט און זענען געקומען צו אים פרעגן שאלות ווי אין די אַלטע גוטע צייטן.

עס האָט אויסגעזען ווי די ווייבער וואָלטן מיט דעם פּראָטעסטירט קעגן דעם רב, וועלכער האָט בפני כל עם ועדה געפּסלט ר׳ זלמנען פון דיינות. די סיבה פון דעם פּסק האָט קיינער נישט געוווסט. שלעכטע צינגער האָבן געטענהט, אַז דער רב האָט געוואָלט צונעמען ר׳ זלמנס שכירות, די פיר רובל אַ וואָך, פאַר זיך. והא ראיה, ער האָט זיך טאַקע באַלד נאָכדעם געלאָזט גרעסערן זיינע שכירות אויף פיר רובל אַ וואָך. דער רב ווידער האָט געטענהט, אַז ר׳ זלמן איז אַ יידּ אַ צעדרייטער, איז כופר אין אַ סך עיקרים און איז מכשיר טריפות.

אין דער אמתן האָט מען טאַקע נישט געקענט וויסן, וועלכער צד איז גערעכט, אַז ר׳ זלמן איז אַ צעדרייטער, האָט דאָס גאַנצע שטעטל געוווסט. אין דעם איז געלעגן אַ טייל פון זיין פּאָפּולאַריטעט. מען האָט געוווסט, אַז ר׳ זלמנס קאָפּ לויפט אַזוי שנעל, אַז אין איין רגע קען ער כולל זיין עולמות. פלעגט ער אריינפאַלן אין אַ נאָווינע אין דער אַלטער שול צום שיעור, וו באַם טיש

זענען געזעסן באַלעבאַטים, דער רוב מוסמכים, און מען האָט אים מכבד געווען מיט פאַרזאָגן דעם שיעור, האָט ר׳ זלמנען נישט אויסגעמאַכט וועלכע מסכתא מען האָט געלערנט און ווו מען האָט געהאַלטן: אין משך פון געציילטע מינוטן האָט ער געקענט דורכ־לויפן אַ פּאָר צענדליק בלאַט גמרא מיט רש״י און תוספות אַזוי לייכט און גרינג, ווי מאַכן דעם סך הכל פון אַ קליינעם חיבור.

אַז ר׳ זלמן האַלט נישט פון אייניקע מנהגים און רעדט קעגן אַ סך עיקרים, האָבן אויך אַלע געוווּסט. נאָר זיין רעדן האָט מען נישט גענומען ערנסט, און וועגן די מנהגים האָט מען זיך נישט געקימערט. ר׳ זלמן איז געניט למדן, מן הסתם ווייסט ער, וואָס ער טוט! און ווען ר׳ זלמן האָט איינמאָל פאַר אַן עדה יידן אַ זאָג געטון: „ווען איך זאָל האָבן אַ טויזנט אַנהענגער, וואָלט איך אַלץ באַ אונז פאַרברענט און נאָר איבערגעלאָזט די עשׂ־ת הדברות״, האָט דער עולם הערצלעך געלאַכט. איינער האָט נאָר אין אַ שפּאַס אַ זאָג געטון:

„און וואָס וועט איר טון, ר׳ זלמן, מיטן לא תגנב?...״

״ווען קיינער זעט נישט, מעג מען...״ האָט ר׳ זלמן גע־שמייכלט.

די יידן האָבן מיטגעשמייכלט. מען האָט געוווּסט, אַז ר׳ זלמן האַלט נאָך נישט באַם פאַרברענען אַלע יידישע אוצרות אַ חוץ די עשרת הדברות. אגב באַדאַרף ער צו דעם האָבן אַ טויזנט אַנהענגער. אין שטעטל איז נישט געווען בנמצא איינער, וואָס האָט געקאָנט נאָכהאַלטן ר׳ זלמנס פלינקען קאָפּ און משיג זיין אַלע זיינע שגעונות.

און דאָס וואָס ר׳ זלמן דער דיין איז אַ מקיל אין פסקענען שאלות, איז עס אים געווען לשבח און נישט לגנאי. די ווייבער האָבן פאַר אים געהאַלטן שטאָל און אייזן. נישט איין אָרעמע יידענע, באַ וועמען עס איז געשטאַנען אין געפאַר אַ ניי טעפל אָדער אַ גאַנץ אָנבייסן, איז געלאָפן צו ר׳ זלמנען מיט אַ צעבראָכן האַרץ און זיך צוריקגעקערט פון אים מיט אַ שטראַלנדיק פּנים און אַ ברכה אויף די ליפּן.

שאלות האָט ר׳ זלמן געפּסקנט אויף אַ גאַנץ מאָדנעם אופן.

ער האָט זעלטן ווען אָפּגעגעבן אויף אַ שאלה אַ באַזונדערע מינוט. זיין קאָפּ איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט עפּעס וויכטיקס. ס'פלעגט זיך דעריבער קאָנען דאַכטן, אַז ער הערט גאָרנישט די שאלה. אין דער אמתן האָט זיין אויער אַלץ געהערט. ער פלעגט זעלטן אַ יידענע אויסהערן אינגאַנצן. זיין תשובה פלעגט קומען ס'רוב אינמיטן פון דער יידענעס רייד. ס'פלעגט נישט זעלטן טרעפן, אַז ר' זלמן איז געשטאַנען און געהאַנדלט מיט אַ ליטווישער גויה — ער האָט זיין חיונה געצויגן פון אַ הערינג-קלייטל — געשלעפּט הערינג פון אַ טון און געפּאַקט זיי אין אַ דיקן שוואַרץ-בלויען פּאַפּיר, גערעדט מיט דער גויה און בשעת מעשה אויסהערן אַ יידענע, וואָס פלעגט צו אים רעדן פון אַ טעפּל מיט אַ לעפל. ר' זלמן פלעגט אין אַזאַ פאַל אפילו דער יידענע אַ בליק נישט שענקען. אינמיטן שלעפּן די הערינג פון טון, פּאַקנדיק זיי און רעדנדיק מיט דער גויה, פלעגט ער אָפּענטפערן „כשר, כשר", וואָס די יידענע האָט אַ צופרידענע אויפגעכאַפּט און אַוועק האַסטיק אַהיים געבן די קינדערלעך עסן פון דעם געכשרטן. . .

ר' זלמן האָט נישט אויפגעהערט פּסקענען שאלות אפילו אויך דעמאָלט, בשעת ער האָט אָנגעהויבן רעדן, ווי מען זאָגט, אויף „נבתקהן" אַליין. . . אַז ס'האָט זיך באַוויזן דער ציוניזם, איז ר' זלמן מיט זיין עלטערן זון, אַן אינטעליגענטער בחור פון אַ יאָר צוואַנציק, געוואָרן ציוניסטן. שפּעטער, אַז סאָציאַליזם איז געקומען אויף דער יידישער גאַס, און דער ציוניזם האָט זיך גענומען טיילן אין גרופּן, איז ר' זלמן דער דיין אַוועק מיטן לינקן פליגל אין ציוניזם און דער זון — מיטן רעכטן. וועגן סאָציאַליזם האָט זיך ר' זלמן געהאַט זיינע אייגענע טעאָריעס. ער פלעגט אָפט טענהן, אַז ווען דער קאָפּ זאָל אים נאָר זיין דערביי, וואָלט ער צוזאַמענגעשטעלט אַזאַ פּראָגראַם פאַר אַ סאָציאַלן שטאַט, וואָס די גאַנצע וועלט וואָלט געמוזט אויף דעם איינגיין. פאַרוואָס „דער קאָפּ איז אים נישט דערביי" האָט ר' זלמן פאַרשוויגן, נאָר מענטשן האָבן זיך אָנגעשטויסן. . .

מען האָט געוווּסט, אַז ר' זלמן האָט אַ ייגגע שיינע פרוי און

דאָס זיי לעבן נישט בשלום. זי איז געווען באַ אים די דריטע. די ערשטע איז אים געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט עטלעכע קינדער. די צווייטע האָט זיך מיט אים געגט און מיטגענומען איר קינד, וואָס זי האָט מיט אים געהאַט, מיט זיך. מיט דער דריטער לעבט ער שוין פיר־פינף יאָר און האָט מיט איר קיין קינדער נישט. זייער צוזאַמענלעבן ווערט וואָס אַ יאָר אַלץ ביטערער, די יינגע פרוי פאַרלירט איר מונטערקייט, ווערט אַלץ שווייגנדער און אומעטיקער, און ער, ר׳ זלמן, געבויגענער, זיין רוקן הויקערדיקער און זיין בליק מטושטשער... ס׳טרעפט אַפילו, אַז מען באַגעגנט ר׳ זלמנען אין גאַס אין אַזאַ צעטומלטן און געבראָכענעם צושטאַנד, אַז מענטשן נאָענטע דערשרעקן זיך פאַר אים. דאָס לויפט ער, ס׳רוב גאָך אַ קריג מיט דער פרוי, צו ר׳ בער דעם שניט־קרעמער שפּילן אַ שאָך און זיך צעשטרייען.

און האָט זיך שוין ר׳ זלמן געזעצט שפּילן אַ שאָך, האָט אים קיין זאַך אין דער וועלט נישט געקענט פון דעם אָפּרייסן, אַפילו אויך נישט דער דונער פון הא מאַכן. מען דערציילט, אַז בעת אַרלאָווס שטראָף־עקספּעדיציע איז אָנגעקומען אין שטעטל און אויסגעשטעלט אויפן מאַרק הארמאַטן אויף צו צעשיסן אַ פּאָר פאַרדעכטיקע הייזער, איז ר׳ זלמן בשעת מעשה געזעסן באַ ר׳ בערן אין קראָם און געשפּילט מיט אים אַ שאָך. ער האָט גראָד געהאַט פאַרלוירן באַ ר׳ בערן די ערשטע פּאַרטיע און געוואָלט באַ אים אָפּגעווינען די צווייטע, אָפּגעווינען אום אַלע קאָסטן. עמעץ איז אַריינגעקומען און אָנגעזאָגט, וואָס עס טוט זיך אין מאַרק. ר׳ זלמן האָט פון דעם נישט געוואָלט הערן. וואָס גייען אים אָן די האַרמאַטן דאָרטן, אַז ער באַדאַרף דאָ צעשלאָגן זיין קעגנער! ער האָלט אין אָנשטעלן זיינע „האַרמאַטן“ אויף זיין שונאס קעניג, אַזוי קונציק, אַז ער וועט זיך שוין פון זיינע דענט אַ לעבעדיקער נישט אַרויסדרייען... ער מוז ר׳ בערן ווייזן, ווי מען געווינט באַ אים, באַ ר׳ זלמנען, אַ פּאַרטיע שאָך!...

נאָר איינמאָל האָט דאָך געטראָפן, אַז ר׳ זלמן האָט אונטערבראָכן אַ פּאַרטיע שאָך אינמיטן. דאָס איז געווען דעמאָלט, בעת מען איז געקומען אים אָנזאָגן, אַז זיין יינג ווייבל האָט צוזאַ־

מענגעפּאַקט די זאַכן אין איז דורך דער הינטער־טיר אַוועק צו אירס אַ קרובה. דעמאָלט האָט ר׳ זלמן פאַרגעסן ווי ער האָט, פאַרגעסן, אַז ער באַדאַרף זיך אָפּרעכענען מיט זיין קעגנער פאַר אַ פאַרלוירענער פּאַרטיע, און איז געלאָפן איבערן מאַרק, מיט די פּאָלעס אויפן ווינט, מאַכנדיק מיט די הענט, און די ליפּן פאַרביסן...

דער אַלטער טלית.

אין דעם אַלטן בית-המדרש, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן דער באָד, האָט איינמאָל צו קבלת שבת אויסגעבראָכן אַ שטיקל מהומה. דער עולם האָט זיך פּלוצלינג אַרומגעזעען, אַז ר׳ עזריאל דבורהס איז נישט דאָ אויף זיין שטאָט, וואָס אין ווינקל מזרח, לעבן ארון קודש.

געשעען איז עס בעת נאָטע דער בעל תפילה האָט האַרציק אַ זינג געטון „ארבעים שנה אקוט בדור" און פון דעם ווינקל מזרח, וואָס דער אַלטער ר׳ עזריאל האָט פאַרנומען זייט אַ יאָר פערציק, האָט זיך נישט דערהערט זיין געוויינלעכער אונטערבורע-מען „ואמר עם תעי לבב..."

דאָס אָפּענטפערן דעם בעל תפילה אין אַן אָרט, ווו ס׳איז געוויינלעך נישט קיין מנהג, איז זיך ר׳ עזריאל אַליין נוהג געווען זייט כמה יאָרן. דער בעל תפילה פלעגט שוין צוואַרטן ביז ר׳ עזריאל וועט אים אָפּענטפערן.

אָבער אַזוי ווי נאָטע דער חזן האָט אָפּגעקיצלט זיין „ארבעים שנה אקוט בדור" און ר׳ אזריאל דבורהס „ואמר עם תעי לבב..." איז נישט געקומען אין באַגלייטונג, האָבן אַלעמענס בליקן זיך אַ קער געטון צו ר׳ עזריאלס שטאָט אין מזרח און דערזעען, אַז דאָס אָרט איז ליידיק... דער בעל-תפילה האָט בעת מעשה געוואָרפן אַ פרעגנדיקן בליק אויף ר׳ לייזער דעם שמש, נאָר דער

שמש האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס און אַ ברום געטון „הם..." וואָס האָט באַדייט, אַז ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. אַ רגע האָט זיך דער חזן פאַרלוירן און באַלד אַליין אָפּגעענט־פערט „ואמר עם תעי לבב..." און געדאַוונט ווייטער. נאָר דאָס דאַוונען האָט זיך נישט געקלעפּט, נישט בײַ אים און נישט בײַם עולם. אַלע האָבן געפילט, אַז מיט ר׳ עזריאלן האָט געמוזט גע־שען אַן אומגליק, ווען ער איז נישט געקומען אין שול צו קבלת שבת. דווקא אַן אומגליק... קראַנק זיין איז ווייניק. ר׳ עזריאל איז שוין נישט איינמאָל געקומען אין שול קראַנקערהייט.

נאָך קבלת שבת האָט זיך דער עולם פאַרקליבן אין אַ רעדל און זיך גענומען פרעגן, וואָס איז די מעשה מיט ר׳ עזריאל דבורהס? נאָר קיינער האָט נישט געוווסט פון וואָס צו זאָגן. דער חידוש איז געוואָרן נאָך גרעסער, בעת הירשע דער שניידער האָט דערציילט, אַז ער האָט ר׳ עזריאלן געטראָפן אין גאַס אפשר אַ האַלבע שעה פאַר ליכט־בענטשן. ער, הירשע, איז געגאַנגען צוריק פון צלאל מאַטעלעס, וועמען ער האָט אָפּגעטראָגן אַ נייעם בגד, מעג דער קיסר אַליין אים אָנטון... פון וואַנען ר׳ עזריאל איז געגאַנגען, ווייסט ער נישט. ער האָט אים באַגעגנט נישט ווייט פון שטוב, וווּ זיין איידעם, מענדל דער וויינערקעס, וווינט, און בײַ וועמען ר׳ עזריאל האַלט זיך אויף די לעצטע פּאָר יאָר. ר׳ עזריאל איז געגאַנגען, ווי זיין שטייגער איז, געבויגן. נאָר היינט האָט ער אויסגעקוקט מער געבראָכן און פאַרצאָרגט... ער, הירשע, האָט אים נישט געוואָלט אָניאָגן, ווייל די זון האָט זיך שוין נישט אַרויס־געזעען פון הינטער דעם גרינעם הויז, וואָס אויפן בערגל... עס איז שוין געווען באַלד שבת אין שטעטל.

אַ פּאָר יידן, נאָענט באַפריינדעטע מיט ר׳ עזריאלן, זענען פאַרבליבן לענגער אַ ווײַלע צוזאַמען און געבויט סברות. וואָס קאָן זיין די סיבה פון ר׳ עזריאלס נישט קומען צו קבלת שבת. אַז די סיבה איז נישט קיין קראַנקייט, האָט זיך געלייגט יעדן איינעם אויפן שכל. מען האָט געוווסט, אַז ר׳ עזריאלן איז לעצטנס גאָר נישט גוט, אַז ער איז אינגאַנצן אָנגעוויזן אויף זיינע קינדער. דאָס הייסט, אייגנטלעך, אויף זיין איידעם, מענדל דער וויינערקעס,

ווייל די איבעריקע קינדער זענען געווען צעשפּרייט אין דער ברייטער וועלט און האָבן די לעצטע צייט כמעט פֿון זיך נישט געלאָזט הערן.

און זיין איידעם מענדל — אַז אַך און אַז וויי, וואָס פֿאַר אַ נביר ער איז! ער איז אויך זיין קלייטל שולדיק מער וויפֿיל האָר ער האָט אין קאָפּ. צו וואָס ר׳ עזריאל האָט זיך דערלעבט! געווען אַמאָל אַ ייד אַ סוחר, מיט פּאַדריאַדן און פּריצים, און היינט? טראָגט אַ פֿאַרשמאָלצענעם טלית, אַז ס׳איז אַ צער אויף אים צו קוקן.

און דאָ האָט מען זיך פּלוצלינג געכאַפּט, אַז ר׳ עזריאל האָט זיך לעצטנס שטאַרק באַקלאָגט פֿאַר נאָנטע מענטשן, דאָס ער קען שוין מער זיך נישט באַווייזן אין שול מיט זיין אַלטן, צעריסענעם טלית... ער פֿילט, אַז ס׳פּלאַנטט אים דאָס פּנים... אים דאַכט זיך רק, אַז אַלע קוקן אויף אים... דער טלית פֿאַלט פֿון אים אין שטיקער... ער האָט באַקומען פֿון אַלטקייט אַזאַ פּנים, ווי ער וואָלט קיינמאָל קיין טלית נישט געווען. ניין, ער קען אין שול מער נישט קומען. גאָט וועט אים פֿאַר די זינד מער נישט שטראָפֿן... דער בזיון איז נישט אַריבערצוטראָגן...

צוערשט האָט ר׳ עזריאל זיך אויסגערעדט זיין האַרץ פֿאַר אליה ר׳ חיימס, זיינס אַן אַלטן יוגנט־פֿריינט, וואָס איז אויך אויך דער עלטער בײַ קינדער, נאָר אויך אין דער יוגנט איז ער קיינמאָל בײַ זיך נישט געווען... תּמיד געמוזט אָנקומען צו יענעם... און עזריאל איז דער ערשטער געווען, וואָס האָט אליהן נישט געלאָזט פֿאַלן... שפּעטער האָט ר׳ עזריאל זיך באַקלאָגט אויך פֿאַר אַנדערע, פֿאַר וויטערע מענטשן. מען האָט געוווּסט, אַז דער אַלטער צעפֿליקטער טלית מאַכט ר׳ עזריאלן קראַנק. און פּלוצלינג איז ער נישט געקומען אין שול צו קבלת שבת!... וואָס קען דאָס זיין?...

שבת צו שחרית איז ר׳ עזריאל ווידער נישט געקומען. נאָר די גאַנצע שול האָט שוין געוווּסט, אַז דאָס איז צוליב דעם אַלטן צעפֿליקטן טלית. ער קען שוין די חרפּה נישט אַריבערטראָגן. דעם סוד האָט ער פֿאַרטרויט פֿאַר זיין פֿריינט אליה ר׳ חיימס, וועלכער

איז צו אים אַוועק פרייטיק טאָקע באַלד נאָך קידוש. ר׳ עזריאל האָט אים געבעטן, ער זאָל עס קיינעם נישט דערציילן. ער וויל נישט... צו וואָס באַדאַרפֿן עס אַנדערע וויסן?... ער איז בזיון נישט געקומען צו קבלת שבת, ווען אַ טלית איז נישט ניי־טיק, כדי דער עולם זאָל זיך נישט אָנשטויסן, אַז דאָס איז טאָקע צוליב דעם טלית... זאָל מען זאָגן, אַז ער איז נישט געזונט... נאָר אליה ר׳ חיימס האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן... ער האָט געמוזט דערציילן... דאָס האַרץ האָט אין אים געוויינט...

די יידן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום ר׳ אליהן און אויס־געהערט זיין מעשה וועגן ר׳ עזריאל דבורהס, האָבן באַמערקט, ווי זיינע שוואַכע אויגן זענען נאַס געוואָרן.

איינמאָל האָט זיך ר׳ עזריאל ווידער באַוויזן אין שול און דאָס מאָל אין אַ נייעם תכלתענעם טלית... געווען איז עס שבועות.

ס׳האָט זיך געמאַכט, אַז די וואָך פֿון שבועות איז דורכן שטעטל דורכגעפֿאָרן אַ ייד מיט טליתים, וואָס ער האָט פֿאַרקויפֿט בחצי חנם. אין שטעטל האָט מען געשמועסט, אַז זיי באַדאַרפֿן זיין פֿון אַ באַנקראָטירטער פֿירמע, אויב נישט נאָך ערגער... נאָר וועמען אַרט עס! אַ ייד פֿאַרקויפֿט ביליק טליתים און נאָך גוטע אויך, קויפֿט מען... אַז אליה ר׳ חיימס האָט זיך פֿון דעם דער־וווּסט, האָט ער גענומען זיינע לעצטע אַכט רובל, וואָס ער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט על כל צרה שלא תבוא און איז אַוועק צו צו ר׳ עזריאלן און געזאָגט:

„קום, עזריאל!"

„ווו אַהין?"

„קויפֿן אַ טלית".

„וואָס הייסט?..."

„פֿרעג נישט קיין קשיות און קום... מזומנים האָב איך מיט זיך..."

ר׳ עזריאל האָט אים אַ רגע אָנגעקוקט. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז געגאַנגען.

אַז ר׳ עזריאל האָט געבראַכט אַהיים דעם נייעם טלית, וואָס

איז געווען גאַלע תּכלת און מיט אַן עטרה, כּמעט כּסף טהור, האָט ער אים לאַנג אַנגעקוקט, גיך אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

„לכבוד שבועות... איך וועל גיין מקבל זיין די תּורה אין אַ נייעם טלית... אַז גאָט וויל באַשערן..."

דעם ערשטן טאָג שבועות האָט זיך ר' עזריאל באַוויזן אין אַלטן בית-המדרש אין אַ נייעם תּכלתנעם טלית מיט אַן עטרה, כּמעט כּסף טהור... די שול, וואָס איז געווען באַצירט מיט גרינס, האָט פון ר' עזריאלס נייעם טלית אויסגעקוקט נאָך יום-טוב-דיקער...

אַלע אין שול האָבן די שמחה מיטגעפילט. כּמעט יעדער איינער פון די מקורבים האָט געפילט פאַר זיין חוב צוצוגיין צו ר' עזריאלן, אַ טאַפּ טון דעם טלית און זאָגן:

„אַן אַנטיקל פון אַ טלית... תּכלת טהור!..."

דאָס האָט שוין ר' עזריאלן פאַרדראָסן און ער האָט אָפּגעענטפערט:

„עט, אַ טלית ווי אַ אַלע טליתים..."

אָבער תּיכּף נאָך שבועות האָט ר' עזריאל ווידער אָנגעהויבן זיך באַווייזן אין שול אין זיין אַלטן צעריסענעם טלית. פיל יידן האָבן דאָס נישט געקאָנט באַגרייפן, נאָר פרעגן האָט מען עזריאלן נישט געוואָלט. איינמאָל האָט הירשע דער שניידער זיך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט:

„איך פאַרשטיי אייך נישט, ר' עזריאל, איר האָט דאָך אין דער היים אַ שיינעם, נייעם טלית, פאַרוואָס קומט איר תּמיד אין אַלטן?"

ר' עזריאל האָט אַ שמייכל געטון:

„וואָס איז די נפקא מינה, צי דער טלית ליגט בּאַ מיר אין קאָמאָד אָדער איך קום מיט אים אין שול! אַז אַ נייער טליח ליגט גרייט אינדערהיים, איז דער אַלטער בּאַם דאַווגען אויך ניי..."

און אַז ר' עזריאל דבורהס איז איינמאָל אין אַ באַגינען נישט געקומען צום ערשטן מנין, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט מען שוין פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיין מסוכן. אליה ר' חיימס איז טאַ-

קע באַלד אַוועק צו אים אַהיים און אים געפונען צו בעט אין א
שוואַכן צושטאַנד. ר׳ עזריאל האָט זיך מיטן גאַסט דערפרייט. ער
האָט אים אַ ווינק געטאָן, ער זאָל זיך זעצן לעבן בעט. נאָך א
יגע שווייגן, האָט ער צו אים געזאָגט:

„גוט, אליה, וואָס דו ביסט געקומען... איך בין דיר שולדיק אַ דאַנק... דו האָסט פאַרשיינט מיינע לעצטע טעג... מיין רעם טלית, מיין איך... און דאָרטן, אין קאָמאָד ליגט ער... נעם אים צוריק, איך בעט דיך. ער איז דיינער... אין קבר דאַרף איך אים נישט... אין קבר קאָן מען גיין אין אַן אַלטן טלית..."

די פרוכט פון אַ גט.

אַלע אין שטעטל האָבן געוווּסט, אַז לאה ציפּע מנשהס איז געפּאָרן נעמען אַ גט בײַ איר מאַן, וועלכער האָט זיך אַרומגעשלעפּט ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט אין זיד־רוסלאַנד און פון איר נישט מער געוואָלט וויסן. אַז דאָס ווייבל האָט צוריקגעקערט, האָט עס געהייסן, דאָס זי האָט מיטן מאַן שלום געמאַכט.

אין דער אמתן אָבער האָט זי מיטגעבראַכט אַ גט אין בוזעם, פון וואָס קיינער האָט נישט געוווּסט, נישט געטאָרט וויסן. אַפילו די אַלטע מאַמע, ציפּע מנשהס, אויך נישט. זי, לאה, האָט מיט זיך מיטגעבראַכט נאָך אַ סוד, אַ שרעקלעכן סוד, וועלכן זי האָט שוין נישט געוואָלט, נישט געקענט פאַרהוילן. •

דער איינציקער מענטש, וועמען דאָס אומגליקלעכע ווייבל האָט אַלץ פאַרטרויט, איז געווען איר ייִנגערע שוועסטער ביילקע, אַ ווייבל אַ יאָר נאָך דער חתונה. זי האָט אַלץ געמעגט וויסן. נאָר אַ שוועסטער, אַ ייִנג ווייבל, האָט זי געקענט פאַרשטיין...

אַזוי האָט לאה געפילט.

און אָט ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט,

[illegible]עם ווי איר מאַן האָט זי פּאַרלאָזט מיט אַ קינד בײַ דער ברוסט און צוויי יאָר צײַט צו איר נישט געשריבן אַפילו, האָט זי באַשלאָסן צו פֿאָרן אים אויפֿזוכן און נעמען פֿון אים אַ גט.

אין כּעס איז זי אויף אים נישט געווען. זי האָט אים שטאַרק געליבט און נישט געקענט אויף אים טראָגן אַ שווער האַרץ. נאָר געפֿילט האָט זי, אַז זייער צוזאַמענלעבן איז אויס, און וואָס פֿריִער זי וועט זיך פֿון אים שיידן, אַלץ געזונטער וועט עס זײַן פֿאַר איר.

בשעת ער איז צום ערשטן מאָל אין שטעטל אַראָפּגעקומען, אַ יינגערמאַן, מיט אַ שיינעם אַריסטאָקראַטישן אויסזען, הויך, ברייט און שטאַרק, מיט פּענסנע אויף דער נאָז און אַ ברייטן שמייכל אויפֿן פּנים, האָט ער אין אַ געוויסן קרייז פֿון מיידלעך אָנ־געמאַכט אַ רושם.

געקומען איז ער פֿון אַ ווײַטער גרויסער שטאָט, מיט רוסיש אין מויל און אַ סך, אַ סך שיינע מעשׂהלעך... אַז לאה האָט אים דערזען, איז זי באַלד פֿון אים געפֿאַנגען געוואָרן. זי איז דעמאָלט געזעסן בײַ דער מאַשין, מיט צוויי געהילפֿס מיידלעך, און זיך גע־אײַלט אַרויסצוגעבן אַן אויסשטײַער פֿאַר אַ כּלה. ער איז אין הויז אַרײַנגעקומען צו איינער פֿון די מיידלעך, וועלכע האָט שוין געהאַט זײַן באַקאַנטשאַפֿט. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. לאהס האַרץ האָט שוין געקלאַפּט ראַשיקער פֿון איר מאַ־שין...

יעדעס מאָל, ווען ער איז דערנאָך צו זיי אין שטוב אַרײַנגע־קומען, האָט די שער אונטער איר האַנט געטאַנצט און די מאַשין אונטער אירע פֿיס געבּרענט. זי האָט געזונגען און ער האָט צוגע־האָלפֿן. ער האָט מעשׂיות דערציילט, שיינע מעשׂיות פֿון ווײַטע, ווײַטע וועלטן. זי האָט געהערט מיט פֿלאַמענדיקע באַקן, ־ון אין די אויגן, און פֿיל געלאַכט. מיט אַ העלער שטימע און פֿולער ברוסט האָט זי געלאַכט.

לאה האָט געהאַט צוגעשפּאָרט אַ פּאָר הונדערט רובל

נדן. אין גיכן האָט מען תנאים געשריבן און חופּה גע־שטעלט.

נאָך דער חתונה איז לאה געבליבן זיצן בא דער מאַ־שין. ער, דער מאַן, האָט אַרבעטן נישט געוואָלט און נישט פאַר־שטאַנען.

לאהן איז אַלץ ליב געווען. זי האָט זיך גליקלעך געפילט צו האָבן אים לעבן זיך.

עס האָט זיך באַוויזן אַ קינד, אַ מיידעלע. זי האָט אַ פּאָר חדשים נישט געאַרבעט און מען האָט אויפגעגעסן די לעצטע פּאָר רובל, וואָס ס'איז נאָך פאַרבליבן.

דעמאָלט האָט דער מאַן דערקלערט, אַז ער וויל אַרויספאָרן זעען עפּעס צו טון. דאָ אין שטעטל איז פאַר אים קיין אָרט נישט.

און געשפּירט האָט לאה, אַז עפּעס איז איר מאַן צו איר קאַלט געוואָרן. זיינע אומאַרמונגען זענען נישט מער אַזוי הייס ווי געוועזן. געוויס טראָגט ער אין האַרץ פאַרבאָרגענע געדאַנקען פון איר. גאָט, וויל ער זי דען פאַרלאָזן?!..

זי האָט אים נאָך אַזוי הייס געליבט ווי פריער. זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט זיך מיט אים שיידן און געבעטן ער זאָל נישט פאָרן. אָט באַלד וועט זי זיך נעמען ווידער צו דער אַרבעט און אין שטוב וועט גאָרנישט פעלן. זאָל ער בלייבן, זי פאַרלאַנגט דאָך נישט פון אים, ער זאָל אַרבעטן. אַזעלכע שניידערקעס, ווי זי, זענען נישט פיל אין שטעטל. זי קאָן נאָך צו אַלע צייטן פאַרדי־נען אויף חיונה...

דעמאָלט האָט ער איר מעשיות און ליגנס דערציילט, אַז ס'וואַרט אויף אים אַ גרויס גליק. עס שטייט אים פאַר אַ סך געלט צו פאַרדינען. ער מוז פאָרן. ווי זעט זי עס נישט איין, אַז ער מוז פאָרן?... זי האָט אין איר ליבע צו אים גע־גלייבט זיינע רייד, געפילט, אַז זי טאָר נישט גלייבן און דאָך זיי געגלייבט...

ער איז אַוועקגעפאָרן. די ערשטע צייט זענען נאָך איינקע

פּריוו פון אים אָנגעקומען, פּריוו פול מיט ליגנס און פאַרשפּרעכ־יגנ־
נען. דערנאָך איז זיין שרייבן ועלטענער געוואָרן, ביז ס׳האָט אינ־
גאַנצן אויפגעהערט.

זי האָט געשוויגן און געליטן, ווי ס׳ליידט אַ יידישע פרוי,
וואָס וויל נישט מאַכן קיין לייטישע געלעכטע״ס. זי האָט געאַרבעט,
דערצויגן דאָס טעכטערל און געטראָגן איר צער פאַרבאָרגן,
שטום, זיך פאַר קיינעם נישט באַקלאָגט. האָט די פרוי געהאָפט,
אַז ער וועט נאָך אַמאָל צוריקקערן און זי ווידער איינשליסן אין
זיינע שטאַרקע אָרעמס? ווער ווייסט, וואָס אַ פרוי טראַכט, בעת
זי ליבט!...

די אַלטע מאַמע האָט אָנגעהויבן מאָנען, זי זאָל פאָרן אויפ־
זוכן דעם טייערן תכשיט אירן און אים ב״ענגען אַהיים פאַר די
האָר, ווען נישט, זאָל זי אָפּשלאָגן מיט אים כפרות, מיט דעם אומ־
זיסטיקן פרעסער.

לאה האָט לאַנג געשוויגן, געוואַרט און געליטן. אַ באַקאַנטע
פרוי פון דעם שטעטל, וואָס האָט צו דער צייט געוווינט אין יע־
נער גרויסער שטאָט, ווו איר מאַן האָט זיך אויפגעהאַלטן, האָט
איר אַ בריוו אַריינגעשריבן, אַז איר מאַן פירט זיך פון צייט צו
צייט אַרום מיט אַ מיידל און איר עצה וואָלט געווען זי זאָל קו־
מען און זען, וואָס זי קאָן טון.

דעמאָלט האָט לאה פאַרשטאַנען, אַז אַלץ איז צו ענדע. זי
האָט פאַרפּאַקט אַ טשעמאָדאַנטשיק, איבערגעלאָזט דאָס קינד בײַ
דער מאַמען און איז געפאָרן נעמען אַ גט פון מאַן. דאָס
בילד פון דעם מיידעלע, גאָר וואָס פאָטאָגראַפירט, האָט זי מיט־
גענומען...

זי איז אַריינגעפאָרן צו דער באַקאַנטער פרוי, וועלכע האָט
איר דעם בריוו געשריבן. די פרוי האָט תיכף געשיקט נאָך
דעם גאָספּאָדין ראָטענבערג, ער זאָל צו איר קומען, זי האָט פאַר
אים עפּעס אַ וויכטיקע נייעס.

ער איז געקומען און געטראָפן זיין פרוי. אַ רגע האָט ער

זיך פאַרלוירן. דאָס פּנים איז רויט געוואָרן, ער האָט אַראָפּגענומען די פּענסנע און געווישט. ענדלעך האָט ער זיך געפונען, איר דערלאַנגט שלום עליכם און געפרעגט וואָס זי מאַכט. אויף דעם קינד האָט ער זיך פאַרגעסן נאָכצופרעגן.

זי האָט אים געענטפערט קאַלט, כאָטש אין הארצן האָט אַ גיהנום געברענט. צו וואָס זי איז געקומען האָט זי אים נישט געזאָגט. אויך ער האָט נישט געהאַט דעם מוט זי צו פרעגן, הגם זיינע אויגן האָבן נישט אויפגעהערט פאָרשן אין איר געזיכט דעם סוד פון איר קומען.

די פרוי האָט זיך אַריינגעלייגט און געוואָלט מאַכן שלום. זי האָט די געסט מכבד געווען מיט אַ שיינער וועטשערע.

באַם טיש האָט לאה אים געצייגט דאָס בילד פון קינד. ער האָט דאָס בילד גענומען אין די הענט, עס אָנגעקוקט, און אין זיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן פריידנס-שטראַלן פון אַ פאָטער. נאָכן עסן האָט די באַלעבאָסטע איבערגעלאָזט מאַן און ווייב אַליין אין באַזונדערן חדר.

דאָ, הינטער פיר ווענט, נאָך אַ זאַטער וועטשערע, האָט זיך דאָס פאָרל געפילט אין אַ געפרעסטער, נאָר געררייצטער שטימונג. פאַר איר איז געשטאַנען דער שיינער שטאַרקער מאַן, פאַר וועמען זי האָט אין איר הארץ געטראָגן אַזוי פיל ליבע און צערטלעכ-קייט. אין זיינע אויגן האָט אויך אַ מאָדנע פייערל געגלאַנצט. די פרוי מיט די שיינע רונדע גלידער, אַפילו אַ ביסל געעלטערט, וואָס האָט אים דאָ גאָר נישט לאַנג אַזוי פיל שיינע מינוטן פאַר-שאַפט, שטייט ווידער פאַר אים הינטער פיר ווענט, נאָכדעם ווי זי האָט צוויי יאָר קיין מאַן נישט געהאַט. . .

דאָס פאָרל איז פאַרבליבן אין צימער ביז די זון איז הויך אויפן הימל געשטאַנען.

די באַלעבאָסטע האָט דאָס פאָרל באַגעגנט מיט אַ גע-שמאַקן פרישטיק. איר פּנים האָט געשטראַלט פאַר פרייד. אַ קליי-ניקייט, זי האָט געמאַכט שלום צווישן אַ פאָר פאָלק! די גרעס-

טע יידישע מצווה אפשר. איר שמחה איז אָבער באַלד צערונען. שוין באַם פּרישטיק איז ער, דער מאַן, געזעסן אַ פאַרשעמטער, זי, לאה, האָט גאָר נישט חושד געווען און אויסגעקוקט, ווי זי וואָלט איבערגעלעבט פון דאָס ניי די האָניק־חדשים.

נאָכן עסן האָט ער זיך אַנטשולדיקט. ער האָט געמוזט אַוועקגיין געשעפטלעך. ער איז שוין נישט צוריקגעקומען און געלאָזט וויסן דורך דער פרוי, אַז צווישן אים און לאהן קען קיין לעבן פון דאָס ניי נישט זיין.

לאה האָט באַלד נאָך זיין אַוועקגיין באַגריפן, אַז איר הימל זייבט צו ווידער פאַרוואָלקנט צו ווערן. זי האָט דאָס נייעס אויפגענומען מיט איר אויסגעפייניקטער רויִקייט. דער חלום פון דער לעצטער נאַכט האָט אָנגעהויבן זיך אויסוועבן, כאָטש זי האָט האָט נאָך געפילט זיין הויך איבער זיך...

אַ פּאָר וואָכן האָבן זיך געצויגן די פאַרהאַנדלונגען ביז אַ גט איז געשריבן געוואָרן. פאַרנדיק אַהיים מיטן גט אין בוזעם, האָט לאה אין באַן דערפילט, אַז זי איז שוואַנגער.

זי האָט געמוזט אירע לעצטע כוחות אָנווענדן, אום נישט אין חלשות צו פאַלן. אַהיים האָט זי דאָס נייעס געבראַכט, אַז זי האָט מיטן מאַן שלום געשלאָסן און אין גיכן קומט ער צופאָרן.

אין לעבעדיקן מענטש אָבער האָט לאה איר סוד געמוזט פאַרטרויען, ווען נישט, האָט זי געפילט, וועט זי אויסגיין. זי האָט אויסגעקליבן איר שוועסטער ביילקען.

די שוועסטער האָט זי אויסגעהערט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, זיך געווישט די אויגן און געטרייסט די אומגליקלעכע שוועסטער.

באַנאַכט, אַז לאה האָט זיך געלייגט שלאָפן לעבן דער זייט פון איר דריי־יעריק טעכטערל, האָט זי דעם קינדס הענטלעך געקושט און צו זיך געזאָגט:

„דאָס איז די פרוכט פון מיין חתונה".

און ארויפלייגנדיק די הענט אויף איר בויך האט זי מיט
ווייטיק א דריק געטון, און אירע ליפן האבן געמורמלט:
„דא וואקסט די פרוכט פון מיין גט...״
לאה האט נישט געפילט, ווי איבער אירע באקן האבן זיך
טרערן געקייקלט.

אין מצה=פּאָדריאַד.

פּעסיע=לאה קלמנס מצה=פּאָדריאַד איז געווען נישט פון די יחוסדיקע אין שטעטל. דאָס רוב קונדן אירע זענען געווען באַלמעלאָכעס, אָרעמע קרעמער אָדער וואָס פאַרדינען זייער חיונה אַליין מיט זייערע אייגענע הענט. דעריבער טאַקע האָט פּעסיע=לאה קלמנס שטאַרק שטאָלצירט מיט די פּאָר רייכע באַלעבאַטעס פון שטעטל, וואָס זענען געווען אירע קונד, זייט כמה יאָרן.

עס איז באַלד קענטיק געווען, בשעת אַ קונד אַ מיוחסת האָט אריינגעשיקט איר מעל אין פּאָדריאַד. די שטימונג איז באַלד געוואָרן אַ געהויבענע. די מידע, פאַרשלאָפענע געזיכטער פון די וועלגערקעס, שטופּלער און משגיחים האָבן זיך אויסגעצויגן, אויסגעשוכעט און באַקומען אַן אָנגעשטרענגטע פרישקייט. יעדער איינער האָט זיך געסטאַרעט איבערצושטייגן דעם אַנדערן אין מונטערקייט און לעבעדיקייט.

פּעסיע=לאה קלמנס אַליין האָט אַלע מאָל געפילט די וויכטיקייט פון אַזאַ מאָמענט. אַ קלייניקייט עפּעס! היינט באַנאַכט שטעלט מען זיך באַקן צירל ר' לייבלס מצות! עפּעס פיל קונדן האָט זי אַזעלכע ווי צירל ר' לייבלס, גיטל פיינשטיינס אָדער חיה=שרה די שענקערקע? זיי זענען דאָך ממש באַ איר די קרוין פון קאָפּ. וואָס האָט זי פון אַלע אירע קונדן די קבצנים! גאָרנישט... שייך זאָגן גאָרנישט... זאָל זי גאָט פּאַר די רייד נישט שטראָפן...

קיינער, פון די אַרעמסטע אפילו, בלייבט איר נישט שולדיק חס וחלילה... זיי באַצאָלן איר אַלע פּונקט אַזוי גוט און דעם זעלבן מקח אפילו וואָס די גבירהשטע אירע... נאָר פונדעסטוועגן, ווי קען מען דאָס זאָגן?... אַ שיינער פאַרגלייך, כ׳לעבן... זיי באַצירן איר דאָך דעם פּאָדריאַד. אַ קלייניקייט אַזאַ כבוד...

און פעסיע-לאה קלמנס איז שוין אין אַזאַ טאָג געווען אויף דער וואָך. באַצייטנס איז זי אַרומגעגאַנגען אָנזאָגן אַלעמען, אַז נאָך דעם און דעם איוון וועט מען זיך שטעלן, באַקן די מצות פון צירל ר׳ לייבלס אָדער פון אַן אַנדער מיוחסדיקער באַלעבאָסטע. זי האָט אפילו געוווסט, אַז דאָס אָנזאָגן איז אייגנטלעך איבעריק. וואָרים אַלע אין דעם פּאָדריאַד, פון דעם וואַסער-גיסער ביז דעם זעצער, האָבן גוט געוווסט, וואָס זיי האָבן צו טון. זיי האָבן אַלע אליין אויסגעקוקט אויף אַזאַ מאָמענט. עפּעס וועלן זיי דינגן באַקי-מען טרינק-געלט, וואָס וועט זיין צושטייער אויף צו קויפן אַ נייעם חפץ אויף פסח... פעסיע-לאה קלמנס האָט אפילו גוט געוווסט, אַז זי מעג זיך פאַרלאָזן אויף אירע מענטשן. און דאָך האָט זי גע-פילט, אַז זי מוז רעדן, עפּעס טון, זיך אַרויסווייזן, אַז זי איז די באַלעבאָסטע פון דעם פּאָדריאַד און דער כבוד געהערט איר, פעסיע-לאה קלמנס, און נישט קיין אַנדערן...

געוויינלעך פלעגן די מיוחסים-קונדן אָפּבאַקן זייערע מצות באַלד אין אָנהייב, ערום פורים-צייט, נאָר איין חיה-שרה די שעני-קערקע פלעגט בלייבן אויף צולעצט, אויף קורץ פאַר פסח. חיה-שרה, תמיד אַ פאַרהאָוועטע אין שענק און אין קראָם, האָט קיינ-מאָל קיין צייט נישט געהאַט אויף אַ מינוט. דאָס מאָל איז איר אויסגעקומען צו באַקן די מצות אַ וואָך פאַר פסח. פאַר אַן אַנגע-זעענער באַלעבאָסטע איז אפילו נישט שיין אַזוי שפּעט. נאָר דאָס שטעטל האָט געוווסט, אַז בא חיה-שרהן איז עס נישט על פי נויט, חלילה, אדרבה, ווער נאָך אין שטעטל האָט זיך געקאָנט רימען, אַז ער באַקט אכמו פוד מצות? בא חיה-שרהן איז עס געווען דאָס ווייניקסטע. עפּעס אַ קלייניקייט אירע קונדן! אַ וועלט מיט פּריצים און גוים, וועמען מען דאַרף געבן פסח אַ פלאַש ווין מיט מצות. חיה-שרה האָט כל ימיה ליב געהאַט, אַז איר מצות-באַקן זאָל

צוגיין מיט גרויס ברייטקייט, מיט רעש. אַלע אין שטעטל האָבן באַדאַרפט וויסן, אַז חיה־שרה די שענקערקע באַקט דאָס יאָר מצות אַזו פיל און אַזוי פיל און טרינק־געלט האָט זי צעטיילט אַ גאַנצן אוצר...

פעסיע־לאה קלמנס האָט זיך דאָס יאָר באַזונדערס געריכט אויף דעם טאָג, ווען חיה־שרה די שענקערקע וועט אַריינשיקן איר זעקלעך מעל. זי האָט געהאַט פאַר איר אַן איבעררעשונג. זי האָט איר געוואָלט ווייזן, אַז כאָטש זי איז אַן אָרעמע אלמנה, קאָן זי פונדעסטוועגן אויך טון אַ טובה איר משפחה. אָט איז צו איר געקומען ביילע־איצעס, חיה־שרה דער שענקערקעס אַ שוועסטער, וועלכע איז נישט לאַנג צוריק געבליבן, פאַר קיין יידישע טאָכטער געדאַכט, אַן אלמנה מיט פינף פיצלעך קינדער, און זי געבעטן זיך מרחם זיין און צונעמען אירע צוויי עלטערע יינגלעך אין פאַדריאַד. עס גייט אַזאַ גרויסער יום־טוב, מען דאַרף פיל האָבן, צו קיין פרעמדע וויל זי נישט אָנקומען און צו איר שוועסטער געוויס נישט. יענע האָט ליב צו געבן, אַז די גאַנצע וועלט זאָל פון איר רעדן. און אַז זי וועט געבן דער שוועסטער, וועט עס קלינגען אין אַלע גלאָקן. זאָלן בעסער די קינדער אירע גיין אַרבעטן אין פאַדריאַד, אַבי נישט אָנקומען צו איר שוועסטער. זי, פעסיע־לאה קלמנס, האָט קיין צוויי ווערטער נישט איבערגערעדט, צוגענומען אירע צוויי יינגלעך, אוועקגעשטעלט איינעם בײַ וואַסער־גיסן און דעם אַנדערן בײַ מעל־שיטן.

פונקט צוועלף אַ זייגער באַנאַכט האָט מען זיך געשטעלט באַקן חיה־שרהס מצות. אַלע אין פאַדריאַד האָבן זיך געפלייסט בײַ דער אַרבעט, אַרום מיטאָג־צייט איז מען מיט אירע מצות פאַרטיק געוואָרן. חיה־שרה האָט קיין צייט נישט געהאַט צו זיין בײַם באַקן. זי איז נאָר אַ פאָר מאָל אַריינגעקומען מיט אימפעט, געצאַפט אַ קוק דאָ און דאָרטן און איז פאַרשוווּנדן. אירע צוויי פלימעניקלעך, וועלכע זענען געשטאַנען פאַררוקט אין אַ ווינקל, מיט אויסגעשמירטע פאַרשלאָפענע פנימלעך, האָט זי גאָרנישט באַמערקט אָדער נישט דערקענט. פעסיע־לאה קלמנס האָט גראָד פאַרגעסן איר אָנצוזאָגן אויף זיי. די יינגלעך אַליין זענען געווען צופיל פאַר־

מון אין זייער אַרבעט, זיי זאָלן זיך קענען רירן פון אָרט און צו־לויפן צו זייער מומען. ערשט, אַז די מצות זענען געווען פאַרטיק, און חיה־שרה די שענקערקע איז געקומען אָן אויסגעפוצטע אָפּנע־מען די מצות מיט אַ זעקל קופּער־געלט אין די הענט, ערשט דע־מאָלט האָט זי זיי דערזען.

פּאַסירט האָט עס, בשעת חיה־שרה האָט זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן פּאָדריאַד און צוזאַמענגערופן אַלע אַרבעטער אַרום זיך אויף טיילן זייער טרינק־געלט. זי האָט געמאַכט אַ וואַזשנע מינע, אָנגעשטעלט איר דריי־גאָרנדיקן גורדער, געפּראַוועט הכנות, דאָס מען האָט געקענט מיינען, אַז זי גייט די גאַנצע וועלט אויף איי־ביק באַגליקן. אויף איר ברייטן פלייש'קן פּנים איז געווען אויסגע־גאָסן די גדולה פון דעם מאָמענט. אַלע זענען געווען אָנוועזנד. פּעסיע־לאה קלמנס האָט, פאַרשטייט זיך, אויך נישט געפעלט. דער מעל־שיטער און דער וואַסער־גיסער האָבן זיך אָנגענומען פאַר די הענטלעך, דורכגעבראָכן דעם רינג און זיך געשטעלט נאָענט צו דער מומען. חיה־שרה האָט געעפנט דאָס זעקל קופּער און זיך געוואָלט שוין נעמען צו דער חלוקה. אין דעם מאָמענט האָט זיך צוגעשאַרט צו איר דער מעל־שיטער, וועלכער איז געווען אַ ביסל דרייסטער פונעם וואַסער־גיסער, און אַרויפלייגנדיק זיין מעליק הענטל אויף איר שוואַרץ סאַמעטן קלייד, האָט ער אויסגע־רופן:

„מומע... זעסט... מומע..."

חיה־שרה האָט דערזען אירע פּלימעניקלעך און די גדולה פון איר געזיכט איז באַלד פאַרשוווּנדן.

„ווי קומט איר דאָ אַהער?!" האָט זי אויסגערופן דערשטוינט פון אַזאַ אומדערוואַרטעטן באַגעגעניש.

„דאָס האָב איך זיי צוגענומען, חיה־שרה־לעבן, אייער שוועסטער האָט מיך געבעטן", האָט זיך אַריינגעמישט פּעסיע־לאה קלמנס.

„וואָס הייסט, איר האָט זיי צוגענומען?!" האָט זיך חיה־שרה צעשריגן אויפן אויבער־קול. „ווער האָט אייך געבעטן זיך אָננעמען די קריוודע פון מיין שוועסטערס קינדער? די שוועסטער

האָט עפּעס אַ דעה אויך אירע קינדער? זי ווייסט דען אויף וועלכער וועלט זי איז? וואָס הייסט, נעמען אַזוינע יונגע עופהלעך און זיי שיקן אין אַ מצה-פאַבריק שיטן מעל און גיסן וואַסער! דאָס איז דאָך אַ מערדעריי", האָט זיך חיה-שרה אַלץ מער און מער צעשריגן.

„זיי פאַרדינען דאָך ביי מיר געלט", האָט זיך פּעסע-לאה פּרובירט פאַרענטפערן, „אייער שוועסטערביילע האָט מיר געזאָגט, אַז עס קומט אַזאַ יום-טוב און זי איז קיין עין-הרע אַ מאַמע פון פינף קינדערלעך..."

„וואָס הייסט?", האָט חיה-שרה געקייכט, „און אַז זי איז אַ מאַמע פון פינף קינדערלעך, איז וואָס? און ווו בין איך? איך לעב שוין גאָרנישט אויף דער וועלט? חיה-שרה די שענקערקע איז שוין געשטאָרבן? פאַר וועמען האָב איך עס אָנגעבאַקן אַזאַ פאַבריק מצות, קיין עין-הרע, פאַר זיך? צי ווייס איך דען אַליין נישט, אַז איך האָב אַ שוועסטער אַן אַלמנה מיט פינף קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין? האָב איך דען נישט אין מיין קראָם פון האָב און גוטס פאַר איר אויף פּסח? און ווער האַלט זי איצט אויס? ווער שיקט איר יעדן דאָנערשטאָג אויף דער נאַכט אַ קױשל מיט פלייש און מיט אַלדאָס גוטס אויף שבת, ווען נישט די שלעכטע שוועסטער חיה-שרה? מענטשן, זאָג איך אייך, באַדאַרף מען קיין גוטס נישט טון, אַפילו אַן אייגענע שוועסטער אויך נישט. מען וועט אייך נאָר פאַר אייער גוטס באַרעדן און מער גאָרנישט".

אַז חיה-שרה די שענקערקע האָט געכאַפּט אַ ביסל אָטעם, האָט זי זיך אומגעווענדעט צום מעל-שיטער און וואַסער-גיסער, וועלכע זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט איינער אַן צווייטן און געציטערט, און זיי באַפוילן גיין אַהיים.

„איר, שקצים, גייט שוין אַהיים און שלאָפט זיך אויס! און זאָגט דער מאַמען, אַז זי וועט שוין כאַפּן אַ פּאָרציע פון מיר!"

„וואָס ווילט איר פון די אָרימע קינדער?" האָט זיך פּעסע-לאה-קלמנס געבעטן, „לאָזט זיי צו-רו. בסך-הכל האָבן זיי צו

זיין ביי מיר נאָך אַ וואָך, ווי וועל איך איצט נעמען אַנדערע אויף זייער אָרט?"

"איר זאָלט זיך נישט אַריינמישן אין קיין פרעמדע עסקים!" האָט זיך חיה-שרה די שענקערקע געבייזערט, "אַז איר האָט געוואָלט אַריינגעמען מיינע פּלימעניקעס צו אייך אין פּאַדריאַד, האָט איר באַדאַרפט קומען צו מיר פרעגן. דערפאַר וועט איר אויך האָבן אייער פּסק!"

חיה-שרה די שענקערקע האָט דאָס זעקל מיט קופּער-געלט באַהאַלטן צוריק אין איר טאַש, און איבערלאָזנדיק אַלעמען מיט צעשראָקענע געזיכטער, איז זי אַרויס אַ צעפלאַמטע פונם פּאַדריאַד. פאַרן אַרויסגיין האָט זי אָנגעזאָגט, אַז אויב זי וועט זיך דערוויסן, אַז די קינדער זענען נאָך געבליבן, וועט זי שוין וויסן וואָס זי האָט צו טון.

אַזוי איז אומגעריכט צעשטערט געוואָרן חיה-שרה די שענקערקעס יערלעכע גדולה.

מעות חטים

ווי די צייט קאָן זיך בייטן...

מיט אַ יאָר צוריק וואָלט עס געוויס נישט געקאָנט פּאַסירן. נאָר קיינער איז דאָך נישט בײַ זיך אין די הענט. יאָ, דאָס האָט גוט געוווּסט חנה ר׳ דודס און איר טאָכטער בלומעלע.

אמת, בעת דער טאַטע האָט געלעבט, איז אין שטוב אויך נישט געווען קיין גרויס גבירישקייט, ס׳האָט אָפט אויסגעפעלט דאָ אַ שוך, דאָ אַ קלייד. אַמאָל אויך דאָס ביסן אין מויל. נאָר פונדעסטוועגן האָט עס געהייסן, אַז בײַ ר׳ דוד דעם טיי-הענדלער לעבט מען זיך גאַנץ בעלי-בתיש.

און אַז עס הייסט שוין אַזוי אין שטעטל, מוז עס בלייבן. פעלט וואָס אויס אין שטוב, טאָר אַ פרעמד אויג עס נישט באַמערקן. מען קנייפּט זיך אין באַק, די פאַרב זאָל שטיין.

פלעגט אָנקומען דער פּסח, און אין שטוב האָט אויסגעפעלט פון כריין ביז מצה, האָט דער טאַטע קיין נעכט נישט געשלאָפן, אַרומגעלאָפן צו זיינע קונים, אָנגעבאָטן לכבוד פּסח פרישן שמעקעדיקן טיי, וואָס ער האָט ערשט פון פרייסן באַקומען, געמאַכט הלוואות, זיך געוואָרפן. און אַז ס׳איז געקומען צו בדיקת חמץ, האָט שוין דער פּסח אין די אַלמערס געוואַרט.

פון דעם נויטיקסטן האָט דאָרט געוויס נישט געפעלט.

נאָר ווי שווער און ביטער דער פּסח איז נישט אָנגעקומען ווי פאַרזאָרגט מען איז אָפט איבער אים נישט געווען, דאָס וואָרט

„מעות חטים" האָט מען בײַ ר' דודן אין שטוב קײנמאָל נישט דערמאָנט. מען האָט אפילו פון אים טראַכטן נישט געוואָלט, כאָטש אָפּט, זײער אָפּט איז דער „מעות חטים" שוין אויפן שוועל גע-שטאַנען...

און אפשר טאַקע דערפאַר האָט מען אַזוי שטאַרק פאַר אים געציטערט. מען האָט זיך פאַר אים אַזוי פיל געשראָקן, אַז יעדער אײנער אין שטוב וואָלט זיך גיכער די צונג אָפּגעביסן, אײדער עס פון מויל אַרויסצולאָזן. דאָס וואָרט „פּאָגראָם" האָט זײ שטאַר-קער נישט געשראָקן.

און נישט צו פאַרזינדיקן. מען איז בײַ ר' דודן אין הויז תמיד בײַגעשטאַנען דעם נסיון און גאָט פלעגט העלפן. דער פסח אין שטוב איז אַלע מאָל געווען אַן אײגענער.

טוט אָבער גאָט אָפּ זײַן השגחה, ווערט ר' דוד דער טײ-הענדלער, אַ ייד אין די פערציקער, קראַנק באַלד נאָך די ימים-טובים, קרענקט אָפּ ביז איבער חנוכה און שטאַרבט אַוועק, איבער-לאָזנדיק דאָס ווײַב מיט פיר קינדערלעך, פון וועלכע דאָס עלטס-טע, בלומע, איז קוים אַכצן.

בלײַבט איבער דאָס הויז אָן אַ טאַטן, ווי אַ צעבראָכן שיף אָן אַ רודער, אָן געלט, אָן פּרנסה און אָן אַן אויסקוק אויף ווײַטער.

און דאָ רוקט זיך אָן דער פּסח.

זיצט חנה די מוטער און קלערט, וואָס טוט מען? ווי דער-האַלט מען די שטוב? ווי שטילט מען די נויט? ווי פאַרטרײַבט מען דעם גזלן, וואָס אין דער געשטאַלט פון מעות חטים וויל זײער שוועל אַריבערטרעטן?

און בלומע, דאָס קינד מיט די פאַרחלומטע שוואַרצע אויגן, פאַרפלאָכטענע צעפּ איבערן ווײַסן האַלז, זיצט לעבן דער מוטער און פילט, אַז דער טאַטע האָט זײ איבערגעלאָזן אַ ירושה, אַ טײַערע ירושה, און זי די עלטערע, מוז עס אָפּהיטן.

דעם כּבוד פון הויז, פון ר' דודס הויז, וואָס איז קײנמאָל נישט באַפלעקט געוואָרן מיט מעות חטים...

מעות חטים!... וואָס פאַר אַ שרעק עס ליגט אין די ווער־טער!... ניין, זי, בלומעלע, פילט, אַז זי טאָר עס נישט דערלאָזן אין זייער הויז. עפּעס איז דאָס אַ זאַך, וואָס מען טאָר עס איבער־שוועל נישט אַריבערלאָזן... טאָמער גיבן זיי איין מאָל די שליטה, ווערן זיי פון דעם שוין קיינמאָל נישט פּטור... עס איז אַ שטן, וואָס פאַרפאָלגט תמיד זיין קרבן און פייניקט אים ביז צום טויט... ניין, דאָס טאָר נישט דערלאָזן ווערן. זייער הויז... זייער נאָמען...

„מאַמע...״ האָט זיך בלומעלע אָפּגערופן.

„דו האָסט מיר געוואָלט וואָס זאָגן, טאָכטער?״

„יאָ, איך האָב דיר געוואָלט זאָגן... אַז דאָס טאָר נישט געשען...״

„וואָס טאָר נישט געשען?״ האָט די פאַרצאָרגטע מוטער נישט פאַרשטאַנען, נאָר בלומעלע ענטפערט איר נישט. זי קאָן עס פון די ליפּן נישט אַראָפּברענגען... זי האָט מורא, אַז זי רעדט דאָס וואָרט אַרויס, איז שוין פאַרפאַלן... די ווענט דערהערן עס, דער שטן רייסט זיך אַריין, און זייער הויז ווערט פאַר־שוועכט...

ענדלעך געפינט בלומעלע ווערטער.

„איך האָב דיר געוואָלט זאָגן, מאַמע, אַז איך וויל גיין אַרבעטן...״

די מאַמע קוקט אויף דער טאָכטער און שווייגט. דאָס האַרץ ציט זיך איר צוזאַמען, קוקנדיק ווי דאָס קינד קוועלט זיך פון אַ שרעקלעכן געדאַנק, וועלכן זי וויל פאַרטרייבן... איר ווייסער קינדער־שטערן קנייטשט זיך, די אויגן קוקן ווייט און די ברעמען ציטערן... דאָס קינד וויל איר העלפן... מיט וואָס?... זי וויל גיין אַרבעטן... ביי וואָס?... וואָס קאָן זי?... אין אַ מצה־פאַבריאַד, מצות וועלגערן?...

און די מוטער פילט, אַז דאָס איז בלומעלעס כוונה. דאָס גוטע קינד וויל גיין וועלגערן מצות... זיין אויף נעכט ביי מצות!... צוזאַמען מיט מיידלעך, וואָס גאָט זאָל איר פאַר די רייד נישט שטראָפן. מיט וועמען איר בלומעלע וואָלט אַ וואָרט נישט אויס־גערעדט. רבונו של עולם! איז דאָס דיין פאַרלאַנג?...

און בלומעלע רעדט ווייטער:

„יאָ, מאַמע, איך קאָן עס נישט דערלאָזן... דער פסח קומט און אין שטוב איז אַ ציבעלע נישטאָ. אין שטעטל ווייס מען עס. איך ציטער, אַז ר׳ זרח דער גבאי זאָל אונז נישט באַזוכן, איך וועל עס נישט איבערלעבן... דער טאַטע וואָלט עס אויך נישט איבערגעלעבט. איך וויל גיין אין קלמן לייזערס פּאָדריאַד. מען אַרבעט שוין דאָרטן. נו, זאָל זיין מצות וועלגערן, נישקשה, איך וועל עס קאָנען. אַבי דער פסח זאָל זיין אַן אייגענער אין שטוב".

די מאַמע שווייגט און ענטפערט גאָרנישט. מוטער און קינד האָבן געטראַכט פון איין און דערזעלבער זאַך. ביידע האָבן זיי זיך ביי איינס אָפּגעשטעלט.

מצות וועלגערן...

שווער איז געווען בלומעלען, און נאָך שווערער דער מוטער. מיט דעם געדאַנק שלום צו מאַכן. ווען בלומעלע האָט עס אַרויסגערעדט׳ איז זיי ביידן דאָס האַרץ באַטריבט געוואָרן. אַרויסגערעדט איז שוין ווי געוווייטאָגט...

מיט אַ יאָר צוריק וואָלט עס געוויס נישט געקאָנט פּאַסירן, נאָר אַ מענטש איז דאָך נישט ביי זיך אין די הענט...

דער פסח אָבער וועט זיין אַן אייגענער. מעות חטים וועט ביי דער טיר נישט שטיין.

דער ערשטער תענית

„מאַמע, איך וועל פאַסטן דעם תשעה־באב".

משהלע, אַ בר-מצוה-ייִנגל, איז ערב תשעה-באב אַראָפּ־געשפּרונגען פון זיין געלעגער, שנעל אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די הויזלעך, צוגעלאָפן צו דער מוטער און מיט אַנטשלאָסנקייט איר געמאָלדן זיין באַשלוס, וואָס האָט אים געמאַטערט אַ פּאָר טעג און איז איבערנאַכט רייף געוואָרן.

„זאָל דיר גאָט געבן כח מיין קינד".

די מאַמע האָט אים צוגעוווּנשן, געגעבן אַ קוש אין קעפּל און זיך אויסגעווישט בעת מעשה אַ טרער, וואָס האָט זיך איר געשטעלט פון פרייד, זעענדיק ווי זי האָט, קיין עין-הרע, אַ זון אַ גאַנצן מענטשן, וועלכער פאַרשטייט שוין דעם חוב פון עבודת הבורא.

„אָבער דו'סט זען, מאַמע, איכל אויסהאַלטן"... האָט זיך משהלע געפלייסט און נישט אָפּגעלאָזן די מוטער, „איכל פאַסטן דעם גאַנצן טאָג... ביז די זון וועט אונטערגיין... איך בין שוין בר-מצוה. דער רבי זאָגט, אַז אַ בר-מצוה־בחור באַדאַרף פאַסטן דעם גאַנצן טאָג און נישט קיין האַלבן תענית... איכל אויסהאַלטן, דו'סט זען..."

משהלע האָט זיך ביי דער מוטער אַזוי ווי געבעטן, זי זאָל גלויבן, דאָס ער וועט אויסהאַלטן דעם גאַנצן תענית, כאָטש די מאַמע האָט נישט אַרויסגעצייגט, אַז זי איז מסופּק אין דעם,

דער מאַמעס פרום האַרץ האָט געוווּנשן, אַז איר קינד זאָל שוין טאַקע קאָנען צייגן פאַר גאָט און פאַר לייטן, דאָס ער איז אַ פאָלנער מענטש און קאָן שוין פאַסטן אַ גאַנצן תענית. ער אי[ז] דאָך אין שטוב דער גרעסטער מאַנסביל. דער טאַטע איז אין אַמעריקע. שוין באַלד פינף יאָר. מוצאי יום-כפור איז ער אַוועק-געפאָרן. געאיילט זיך, נישט געוואָלט לענגער וואַרטן... די בעלי-חובות האָבן אים קראַנק געמאַכט. וואָס האָט ער געזאָלט טון? ער האָט געמוזט פאַרקויפן דאָס לעצטע און פאָרן נאָך אַמעריקע פון דאַרטן האט ער פאַרשפראָכן אפשיקן די חובות. ער האט טאַקע אַביסל אָפּגעשיקט, נאָר נישט גאָר. ווי עס ווייזט אויס, גייט דעם טאַטן דאַרטן, אין אַמעריקע, אויך נישט איבעריק ווויל. זי אַליין מיט די דריי קינדערלעך קוועלן זיך צו, נאָר דאַנקען גאָט, מען קומט אויס פון די געשיקטע. און אָט איז שוין משהלע אַ בר-מצוה-בחור... אַ פאָלנער מענטש... וויל שוין פאַסטן תשעה-באב... אַ לייט פאַר זיך... זאָל ער דאָרטן געזונט זיין און שיקן גענוג אויף דער הוצאה... נאָר אין אַ נויט קאָן איר משהלע שוי[ן] באַשטיין... אַ גאַנצער מענטש, קיין עין-הרע, אונטערנעמט זי[ך] אַזאַ שווערן תענית.

„גוט, גוט, מיין קינד", האָט די מאַמע משהלען ווידער אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ. „איכל דיר צוגרייטן צום פאַרפאַסטן עפּעס גרינגס און גוטס. עס זאָל דיר נאָר נישט דורשטן... תשעה-באב איז אַ לאַנגער תענית און קאָן נאָך זיין אַ הייסער אויך".

משהלע האָט זיך טאַקע געשראָקן פאַר דעם. ער האָט אפילו נישט געוווּסט, פאַרוואָס ער זאָל זיך מער שרעקן, צי פאַר דעם לאַנגן טאָג, צו פאַר דער היץ... דער הונגער שרעקט אים נישט גאָר דער דורשט וואַרפט אויף אים אַן אַ פחד. מענטשן זאָגן, אַ דורשט איז ערגער פון הונגער... ער אַליין ווייס נישט דעם חילוק. אָט האָט ער לעצטן יום-כפור געוואָלט פאַסטן און נישט אויסגע-האַלטן... צוויי שעה אפשר פאַר נעילה האָט ער געמוזט נעמען עפּעס אין מויל אַריין... ער האָט געמיינט, אַז ער שטאַרבט, אַזוי שוואַך איז ער געווען. ער געדענקט נישט, וואָס עס האָט אים

מער געפּייניקט, צי הונגער, צי דורשט... ער געדענקט נאָר, אַז ס'איז אים געווען טרוקן אין האַלז, ביטער אין מויל, דער קאָפּ האָט אים ווי געטון, און זיין קערפּער האָט ער קוים געפילט, אַזוי גרינג, אַזוי ליידיק איז ער געווען...

יאָ, ווען ער, משהלע, דערמאָנט זיך אָן דעם לעצטן יום-כּפּור, שרעקט אים דאָס הארץ פאַר מאָרגן... יום-כּפּור איז דאָך דער גרעסטער תּענית ביי יידן און דאָך האָט ער נישט אויסגע-האַלטן. ווי וועט ער קאָנען אויסהאַלטן מאָרגן, תּשעה-באב ?... מען זאָגט אפילו, אַז תּשעה-באב איז נישט אַזאַ מוז... תּשעה-באב איז אַ קלענערער תּענית... כאָטש פאַסטן אין אים מוז אַ ייד. און ער איז דאָך אַ ייד. שוין דריי חדשים, ווי ער איז בר-מצוה. דער רבי זאָגט, אַז איצט ווערן אַלע זיינע עבירות און מצוות פאַרשריבן אויף זיין חשבון און נישט מער אויפן חשבון פון טאַטע-מאַמע... יאָ, מוז ער, הייסט עס, מאָרגן פאַסטן... ער פאַסט, געוויס פאַסט ער מאָרגן... ער וועט שרייבן זיין טאַטן אין אַמעריקע, אַז ער האָט געפאַסט תּשעה-באָב. דער טאַטע וועט זיך פרייען... ער האָט אים געוואָלט די בשורה אָנזאָגן נאָך לעצטן יום-כּפּור, נאָר ער ווייס נישט, וואָס מיט אים איז געווען. ער האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן... נאָר דעמאָלט איז ער נאָך נישט געווען אַזוי גרויס... אָבער מאָרגן מוז ער... מאָרגן מוז ער אויסהאַלטן... ער איז זיכער, אַז ער וועט אויסהאַלטן... ער האָט שוין אַפילו יינגלעך אין חדר געזאָגט, אַז ער גייט פאַסטן דעם תּשעה-באב.

ביי טאָג איז משהלע מיט אַ קאָמפּאַניע יינגלעך אַוועקגע-לאָפן אויפן בית-עולם, וווּ זיי האָבן געטראָפן אַ מחנה ווייבער קניען איבער קברים און וויינען, ווער שטיל, ווער אויפן קול. משהלע האָט דערפילט שווער, מאָדנע שווער. ער האָט לאַנג אויפן בית-עולם נישט געוואָלט בלייבן און איז מיט אַ פּאָר פון זיינע חברים אַוועק אין דעם דערבייאיקן וואַלד אָנקלייבן באַרעלעך אויף צו וואַרפן דעם עולם אין שול צו קינות. אמת, ער איז שוין אַפילו אַ בר-מצוה-בחור און ס'פּאַסט נישט מער פאַר אים אַזעלכע זאַכן צו טון. ער וועט עס טאַקע אפשר אויך

מער נישט טון היינט צו קינות... נאָר ער מוז מיטנעמען עטלעכע בערעלעך אין קעשענע. ער האָט זיי שטאַרק ליב...

אַהיים פון וואַלד איז משהלע געקומען שוין רעכט פינס־טערלעך. די מאַמע איז שוין געווען אין פאַרדרוס איבער אים. אָבער צו פאַרפאַסטן איז נאָך נישט געווען שפעט. יידן זענען נאָר וואָס געגאַנגען אַהיים פון מנחה צום פאַרפאַסטן. אַז ער האָט אַליין נישט געדאַוונט קיין מנחה בצבור, איז קיין בייז, ער קאָן דאַוונען אין שטוב. און אַגב איז מנחה גאָר נישט אַזוי וויכ־טיק... ער האָט קיינמאָל מנחה נישט ליב, עפּעס דוכט זיך אים, אַז מנחה איז איבעריק...

די מאַמע האָט משהלען געגעבן צו פאַרפאַסטן מילכיקס, פּאָקשן מיט בלינצעס. געגעבן אים צו פאַרטרינקען טיי, עס זאָל אים נישט דורשטן, און משהלע איז אַוועק אין שול, אויסגעטון די שיך און זיך געזעצט אויף אַן איבערגעקערטן שטענדער זאָגן קינות. משהלע האָט געהאַט אין קעשענע עטלעכע בערעלעך, אָבער געוואָרפן זיי האָט ער נישט. ער האָט געפילט, אַז ער איז בר־מצוה און מער פּאַסט נישט פאַר אים אַזעלכע קונדסעוואַטע שטיק. אין האַרצן איז ער שטאַרק מקנא געווען זיינע חברים, וועלכע האָבן נאָך יאָ געמעגט וואַרפן די יידן בערעלעך אויף די קעפּ...

גייענדיק אַהיים פון שול האָט משהלע באַמערקט, ווי צוויי עלטערע יידן האָבן זיך פאַרקוקט אויפן הימל. איינער האָט גע־זאָגט צום צווייטן:

„ס'קלייבט זיך אַ רעגן אויף מאָרגן...”

דער צווייטער ייד האָט נאָך העכער פאַררייסן דעם קאָפּ צום הימל און געענטפערט:

„וואָס רעדט איר, ר' בנימין! איר זעט דאָרטן דעם רויטן פּאַס אויפן ראַנד הימל, וואָס איבערן וואַלד?... אוי, וועט עס מאָרגן זיין אַ היץ!...”

אַ היץ!...

משהלע איז פאַרציטערט געוואָרן. ער מוז דאָך מאָרגן אויסהאַלטן דעם תּענית... אַ תּענית אין אַ היץ!... און משהלע האָט שוין דערפילט, ווי אין האַלז ווערט אים טרוקן...

די נאַכט האָט משהלע איבערגעשלאָפן געשמאַק. עפּעס האָט אים זיך געפּלאָנטערט אַ חלום, וואָס ער געדענקט נישט און אויפגעשטאַנען איז ער אַ רואיקער און אַ מונטערער. ער האָט געפילט געוואָגט כּח אויסצוהאַלטן דעם תּענית, כאָטש ערגעץ אין אַ ווינקל מח האָט אים געעגבערט אַ געדאַנק, וואָס האָט אים גע-שראָקן...

אין שול צו קינות האָט משהלע פּלוצלינג דערפילט, אַז ס'הערצל ווערט אים שוואַך, און ס'נעמט אים ווי טון דער קאָפּ... אין שול איז געוואָרן אַ שטיקעניש און ער איז אַרויס אין דרויסן. דאָ האָט ער פרישער אויפגעאָטעמט, כאָטש די לופט האָט שוין אָנגעהויבן פאַרענען פון שטייגנדער היץ. דער טאָג האָט פאַר-שפּראָכן צו זיין אַ הייסער. משהלע האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום שול אַ רעכטע ווייַלע און איז אַוועק אַהיים אַביסל פריער פאַרן עולם. די מאַמע איז נאָך אויך געבליבן אין שול.

אַריינקומענדיק אין שטוב האָט משהלע געטראָפן זיין ייִנ-גערן ברודערל חיימל, אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען, און זיין שוועס-טערל שרהלע, אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעקס. זיי זענען געזעסן ביים טיש און עפּעס געגעסן. משהלע האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ. ער האָט געהערט זאָגן, אַז ווען מען פאַסט, טאָר מען נישט קוקן ווי יענער עסט. וואָרום מען טאָר נישט רייצן דעם יצר-הרע...

זיין שוועסטערל האָט אים אָבער צוגערופן:

„משהלע, דו פאַסט?... דו נישט וויל עסן?..."

משהלע האָט געוואָרפן אויף איר אַ בייזן בליק, נישט גע-ענטפערט אַ וואָרט, איז אַריין אין צווייטן חדר אין זיך צוגע-

ליגט אין בעט. ער האָט באַשלאָסן איבערשלאָפן אַ האַלבן תענית... ער האָט געהערט, אַז דאָס מעג מען... נאָר דער שלאָף האָט צו אים נישט געוואָלט קומען. משהלע האָט געהערט, אַלע חושים האָבן געפילט, אַז אין צווייטן חדר עסט מען... ער האָט זיך לאַנג געקערט אויף אַלע זייטן, ביז דער שלאָף האָט אים דאָך גענומען.

ווען משהלע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער אין פלוג פאַרגעסן, וואָס פאַר אַ טאָג היינט איז... דער קאָפּ איז אים געווען שוואַך, די גלידער האָבן געבראָכן, און אַרום איז עפּעס אַזוי ליידיק און שווער... אַ רגע — און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט איז תשעה־באב, זיין ערשטער תענית, און ער מוז אויסהאַלטן... ער האָט נישט געוווסט, ווי שפּעט עס איז, נאָר אַז ער האָט אַרויסגעקוקט אין פענסטער, האָט ער געזען, אַז די זון שטייט נאָך הויך אין הימל... די היץ האָט געפּאַרעט...

„נאָך לאַנג צו פאַסטן...“ איז אים אַדורך אַ מחשבה, און שווער איז אים געוואָרן צו מוט. אין דער אייגענער רגע איז צוגעקומען די מוטער, אַליין אַ בלאַסע, מיט טריבע אויגן.

„ווי פילסטו, משהלע?“ האָט די מוטער געפרעגט.

„אביסעלע דער קאָפּ טוט וויי...“ האָט משהלע געענטפערט און נישט געוואָלט קוקן דער מוטער אין די אויגן.

די מוטער האָט אָפּגעזיפצט און זיך אָפּגעקערט. קענטיק, אַז דאָס האַרץ האָט איר וויי געטון פאַר דעם קינד. אַ רגע האָט זי פאַרגעסן, אַז משהלע איז שוין אַ בר־מצוה־בחור... נאָר באַלד האָט זי זיך דערמאָנט. זי וויל דאָך ער זאָל זיין אַ פאָלגנער מענטש, קאָנען אַליין אין אַ נויט זיין שטעטל באַשטיין... ער באַדאַרף האָבן מוט און קאָנען אויסהאַלטן...

משהלע האָט געפּרוווט אַרומגיין אַ פּאָר מאָל איבערן שטוב די ערד האָט גענומען פאַרשווינדן אים אונטער די פיס. ער האָט זיך צוריק אַריינגעוואָרפן אין בעט. אַ שוויס האָט אים באַ־

דעקט. פון גיין צו מנחה איז שוין האָט ער שוין נישט געקלערט. ער האָט געהאַט איין מחשבה: אויסהאַלטן דעם תענית... די מחשבה האָט זיך שוין אָבער אויסגעמישט מיט משונהדיקע געדאַנקען, וועלכע האָבן זיך געצונדן און אויסגעלאָשן ווי אַ בליץ... ער האָט אויף עפּעס געוואַרט...

און ס'איז געקומען. זיין שוועסטערל שרהלע איז פּלוצלינג צוגעלאָפן צו זיין בעט מיט אַ הויפן קאַרשן אין האַנט און פריידיק אויסגערופן:

„זע, משהלע, וואָס מאַ מיר געגעבן!...“

דאָס קינד האָט אויסגעשטרעקט אַ הענטל און אים אַריינגעוואָרפן אַ קאַרש אין מויל... דאָס מויל איז אָפן געווען.

משהלע איז אין פלוג געבליבן ליגן ווי צעמישט. נאָר באַלד איז ער געקומען צו זיך און אויסגעשפּיגן דעם קאַרש אויף דער ערד. ער האָט גענומען רופן די מוטער נישט מיט זיין קול. די מוטער איז צוגעלאָפן אַ דערשראָקענע.

„וואָס איז געשען, משהלע?“

„שרהלע האָט מיר אַריינגעוואָרפן אַ קאַרש אין מויל... מיר צעשטערט דעם תענית... איאָ, מאַמע, זי'ט מיר צעשטערט דעם תענית?...“

די מוטער האָט אָנגעקוקט משהלען מיט אַ בלאַנזשענדיקן בליק. זי האָט שטיל געזאָגט:

„יאָ, משהלע, איצט מעגסטו אָנבייסן. דיין תענית איז ממילא אַ צעשטערטער...“

משהלע האָט אָנגעביסן. די מוטער האָט דערפילט אַ פרייד, וואָס איר קינד קוועלט זיך נישט מער אין אַזאַ הייסן שווערן תענית. די אַנטוישונג אָבער, וואָס איר משהלע איז נאָך נישט קיין פאַלנער מענטש און קאָן נאָך אַליין נישט אויסשטיין אַ פּרוּווונג האָט איר מוטער-האַרץ פאַרקלעמט. משהלע אַליין האָט נאָכן צובייסן באַ זונען-ליכט דערפילט זיך אי גרינגער, אי שווערער. אים האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס ער וועט נישט קענען שרייבן

דעם טאַטן אין אַמעריקע, און ער האָט שוין אויסגעהאַלטן אַ תענית.

אויך פאַר זיינע חברים אין חדר האָט זיך משהלע געשעמט. זיך אַזוי פיל געגרייסט פאַר זיי און נישט אויסגעהאַלטן.

תשליך

א גאַנצן זומער זענען די פענסטער פון גרויסן בית-המדרש געשטאַנען אָפן. דער וויינענדיקער גמרא-ניגון פון די העלע, יונגע העלזער פון די בחורים האָט זיך דורך זיי געטראָגן אין דרויסן און באַזייט די סביבה אַרום מיט קדושה, ערפורכט און בענקעניש.

פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך דער אַל-טער ניגון געגאָסן דורך די פענסטער. אין דער פרי האָט ער גע-זוכט ביי דער אייפגייענדער זון אַ נייעם תיקון, ביי דער נאַכט איז ער אַ מידער און בענקענדער לאַנגזאַם איינגעשלאָפן.

טיף אין די ווינקעלעך פונם בית-המדרש האָבן זיך פאַר-קליבן די פרושים און די מתמידים, כדי פון דעם פאַרפירערישן דרויסן, וואָס רייסט זיך דורך די אָפענע פענסטער, נישט גע-שטערט צו ווערן אין עבודת-הבורא

די מער לייכטזיניקע און היציקע בחורים, וועמענס בלוטן עס צעשפּילן זיך צוגלייך מיטן פרילינג, האָבן זייערע שטענדערס באַלד נאָך פּסח געשטעלט צו די אָפענע פענסטער און ראָמאַנ-סירט מיט דעם זומערדיקן דרויסן.

יאָ, אַנטקעגן דעם בית-המדרש איז אַ הויז געשטאַנען, אַ הויז מיט אָפענע פענסטער און יידישע טעכטער.

און די יידישע טעכטער זענען פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן איבער ניי-מאַשינען, ווייסע לאַנגע העמדער מיט בלויע שלייפן פאַר כלות געניייט און אין די שטעך איינגע-

וועבט זייערע מיידלשע חלומות, וואָס האָבן זיך אין לידער, איי־ביק בענקענדע און אייביק זינגענדע לידער, אויסגעגאָסן, זיך גע־טראָגן דורך די אָפענע פענסטער אין דרויסן און דאָרטן מיט דעם אַלטן גמרא-ניגון באַהעפט.

געווען צווישן די בחורים אין בית-המדרש אַ יינגל, וואָס האָט געהאַט אַ וווקס פון אַ שלאַנקער בעריאָזע, אַ פּנים געוועבט פון זונען-שטראַלן, אויגן — צוויי הימלען, און האָר גאָלדיק און לייכט קרויזיק.

און אין דעם הויז פון אַנטקעגן, מיט די אָפענע פענסטער און יידישע טעכטער, איז אַ מיידל געווען, האָט דאָס מיידל רונדע, בויגיקע גלידער געהאַט, אַ הויט באַקושט פון דער מזרח־זון, האָר — שוואַרצע, שפּיגלדיקע, ווי געבאָדן אינם ירדן, אויגן טונקעלע, סודותדיקע, ווי זיי וואָלטן די פּירטויזנט-יאָריקע יידישע אוצרות אין זיך פאַרבאָרגן...

וואָלטן יידן אַ מלוכה געהאַט, אַ קעניג, אַ הויף, פּרינצן, גראַפן, לאָרדן, וואָלט דאָס מיידל געוויס געווען די טאָכטער פון אַ יידישן פּרינץ און דאָס יינגל דער זון פון אַ נשיא.

זענען אָבער יידן אין גלות, ווערט דאָס מיידל געבוירן ביי אַ פאַראָרעמטער למדנישער משפּחה און דאָס יינגל ביי אַ דיין ערגעץ אין אַ קליין שטעטל.

פאָרט דאָס יינגל אַוועק אין אַ ווייט שטעטל, זיצט יום ולילה איבער דער גמרא, לערנט תורה און דערהאַלט די יידישע קרוין.

און דאָס יידישע מיידל זיצט ביי דער מאַשין, נייט העמ־דער פאַר כּלות און דערהאַלט דעם יידישן שטאָלץ — טהרת המשפּחה.

ווערט אומעטיק דעם יינגל ביי דער גמרא, זינגט ער, צע־גיסט ער זיך אין דביקות, הערט דאָס מיידל זיין געזאַנג, נעמט איר ברוסט ראַשער שלאָגן, פאַרבן זיך אירע באַקן, די אויגן ווערן פול, און זי זינגט זיך אַ ליד, איר ליד...

טרעפן זיך זייערע געזאַנגען צוזאַמען ערגעץ אין דער

לופטן, צעקושן זיך, און ביידע הערצער פילן דעם קלאַנג פון קוש...

ס'קומט אַ ווייכער, שפּילעוודיקער זומער-פרימאָרגן, ציט דעם יינגל צו דעם אָפענעם פענסטער פון בית-המדרש, דאָרטן אין דרויסן, אַריבער-אַנטקעגן, צו דעם הויז מיט די אָפענע פענסטער און יידישע טעכטער ביי די אָפענע ניי-מאַשינען, וואָס קלאַפּן אַזוי זינגענדיק און באַוועגן זיך אַזוי שנעל... נעמט דאָס יינגל זיין שטענדער, טראָגט אים איבער פון ווינקל בית-המדרש און שטעלט אים אַוועק ביים אָפענעם פענסטער. די בליקן פון דער יידישער פּרינצעסין ביי דער מאַשין וואַרטן אויף אים...

געוויס, ער ווייס, אַז ער זינדיקט. שוין לאַנג שטייט ער אויף אַן אָרט אין דער גמרא און ער גייט נישט ווייטער. דער קאָפּ איז פול מיט מחשבות זרות, דאָס האַרץ מיט שכרות... עס ציט אים אין דרויסן. זיין גוף באַקומט פליגלען... ער וואָלט גע-קאָנט דורכפליען דורכן פענסטער, אַריינפליען דאָרטן אין הויז, און זי אַוועקטראָגן תחת כנפיו...

זי, די פרומע, כשרע יידישע טאָכטער, ווייס אויך, אַז זי זינדיקט: צופיל וועבן זיך אירע חלומות איין אין דעם יינגל מיט די גאָלדיקע האָר, אין זיין לויטערן פּנים, אין זיינע שטערן-אויגן. זי נייט די ווייס-צייג, דאָס רעדל פון מאַשין דרייט זיך, די נאָדל טאַנצט, און אויף אַלץ און אַרום אַלץ שוועבט זיין גע-שטאַלט, רוט זיין גייסט...

יאָ, זי ווייס, זי פילט, אַז זיין גייסט, זיין געמיט רוט נישט מער איבער דער גמרא... ער פאַרלאָזט גאָטס תורה און באַהעפט זיך מיט איר, מיט איר נשמה... עס איז אַ זינד, אַ גרויסע זינד, וואָס זי רייסט-אָפּ אַ בן-תורה פון לערנען. נאָר איין גאָט אין הימל ווייס, אַז זי איז נישט שולדיק. זי וויל דאָך נישט מער ווי קוקן אויף אים... אָט אַזוי זיצן ביים פענסטער און קוקן...

אלול. דער שופר נעמט פאַרקינדיקן יעדן אינדערפרי, אַז עס קומען אָן שווערע, מוראדיקע טעג פון משפט, כפור עבירות און עונש. בלעטער אויף די בוימער נעמען ציטערן, און יידן צו-זאַמען מיט זיי.

דאָס מיידל ביי דער מאַשין הערט יעדן פּרימאָרגן דעם שופר, דאָס האַרץ ציטערט, איר יונג-מיידלשער שטערן קנייטשט זיך, די זינד פּלאָגט... יאָ, גאָט וועט זי משפּטן, אָבער נישט שטרענג... זי איז נישט שולדיק, וואָס ע ר פאַרלאָזט זיין תורה... ער, גאָט, זעט, אַז זי איז נישט שולדיק... זי וויל דווקא ע ר זאָל לערנען, ווערן אַ רבֿ... און זי?... ניין, זי וויל מער נישט ווי זיצן און קוקן אויף אים... אייביק אַזוי קוקן אויף אים, אויף זיינע האָר, אויף זיין שטערן... ניין, ער וועט איר דאָך פאַר דעם נישט שטראָפן, איר מוחל זיין די זינד... יאָ, זי וועט ביי תשליך אַלע אירע עבֿירות אַריינוואַרפן אין טייך... ביז דער קלענסטער עבֿירה אויסטרייסלען... און זי וועט ווידער זיין אַ ריינע, כשרע יידישע טאָכטער.

און דאָס מיידל וואַרט אויף תשליך.

ראש-השנה. יידן, ווער אין שוואַרצן, ווער אין קיטלען, וויי-בער אין בונטע קליידער און טערקישע פּאַטשיילעס, לאָזן זיך באַרג-אַראָפּ צום טייכל, צו תשליך. דאָס טייכל איז נישט ווייט. פאַרביי זייער פענסטער גייען זיי אַלע... אויך ער, דאָס יינגל. גייט, דעם קאָפּ צו דער ערד, די בליקן זוכן עפּעס אין זאַמד... גאָט, ווי פרום, ווי גאָטספאָרכטיק ער זעט אויס!... מאַמע!... ווו איז די מאַמע?... זי גייט מיט איר צו תשליך...

און אָט שטייט זי שוין ביים טייכל נעבן דער מאַמען און אַ קופּע ווייבער. די מאַמע זאָגט עפּעס פון אַ סידור צי פון אַ מחזור, די ווייבער זאָגן נאָך, זיך ווישנדיק די נעזער. נאָר זי הערט נישט, וואָס די מאַמע זאָגט... זי וויל אַפילו נאָכזאָגן, נאָר זי הערט נישט... דער מאַמעס וויינענדיקער קול דערגייט נישט צו אירע אויערן... דער ווינט ברענגט צו טראָגן אַן אַנדער קלאַנג, אַן אַנדער קול... און דאָרטן שטייען אַן עדה יידן, זאָגן, מורמלען עפּעס, קערן איבער די קעשענעס, טרייסלען זיי אויס אין טייך און צעגייען זיך פּאַמעלעך... יאָ, אויך ע ר איז דאָרטן... זי זעט אים... ער קוקט נישט אַהער... ניין, ער קוקט נישט... ער ווייס נישט געוויס, אַז זי איז דאָ... ווען נישט, וואָלט ער דעם קאָפּ אַהערגעקערט. יאָ, ער וואָלט עס געטון... ווי דען אַנדערש?... ווען

ער שענקט איר איצט איין בליק!... איין בליק נאָר, כּל־זמן עס איז נישט שפּעט... כּל־זמן זי האָט נאָך אירע עבֿירות אין טייך נישט אויסגעטרייסלט... זי וויל איצט זען זיין ליכטיק פּנים, אויפֿציטערן פֿון זיין בליק... נאָך אַ בליק, נאָך אַן עבֿירה אין טייך אַריין!... זאָל ער קוקן איצט וואָס מער... אַך, יאָ, אָט קערט ער אַהער דעם קאָפּ... ער קוקט בלינד, ער זעט זי נישט... „אָט בין איך... אָט זענען מיינע אויגן... זע מיך!...” שרייט אַ קול אין איר, און איר קערפּער נעמט זיך ציען, גרויסן... יאָ, אָט זעט ער זי!... זיין קערפּער האָט אַ ציטער געטון... פֿון איר בליק, פֿון איר הייסן, זודיקן בליק... ווי גרויס און ברייט זיינע אויגן קוקן! נאָר ווי טונקל, ווי פֿאַרנעפּלט... ער איז טרויעריק. וואָס טראַכט ער?... איבער איר אפשר?... ניין, מלאך, טרויער נישט!... זי וועט אים טרייסטן, זי וועט אים דעם טרויער פֿון די אויגן אויסקושן...

„קום, טאָכטער, אַהיים”, דערהערט זי פּלוצלינג דער מאַמעס קול.

דאָס מיידל ציטערט און דערוואַכט: תּשליך!... זי איז דאָך געקומען אויסליידיקן די עבֿירות... וואָס האָט זי געטון?... ניין, שטראָף זי נישט, גאָט!...

אויף גיך טרייסלט זי אויס די עבֿירות אין טייך און גייט נאָך דער מאַמען מיט לייכטע, זינגענדיקע טריט.

לייזער ר׳ חיימס סוכה.

האָט מען אויסגערעכנט די גדלות און גבירות פון לייזער ר׳ חיימס, האָט מען אויך נישט פאַרגעסן אַריינצורעכענען זיין סוכה.

געוויס פאַסט זיך פאַר לייזער ר׳ חיימס צו האָבן אַ סוכה פון די אַנטיקן. וואָרים לייזער ר׳ חיימס דער גביר, דער למדן, דער בעל־יועץ, דער בעל־דעה, דער תקיף באַם פריץ און באַ נאַטשאַלסטוואָ, איז געווען אַן אויסנאַם מיט אַלץ, הייַנט פאַרוואָס אויך נישט מיט אַ סוכה?

אַ סוכה צו אַ סוכה איז אָבער נישט גלייך. מענטשן, וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו זיצן אין לייזער ר׳ חיימס סוכה אַ פּאָר מינוט, האָבן דערציילט, אַז דאָס איז נישט קיין סוכה, נאָר אַ היכל, אַ פּאַלאַץ. אַ פרינץ מעג דאָרטן וווינען.

מילא, אַז די סוכה האָט געהאַט אַ פליגל, וואָס מען פלעגט קענען אויפהייבן און אַראָפּלאָזן אַזוי ווי אויף ספּרוזשינעס, איז

שוין אָפּגערעדט. אין לייזער ר׳ חיימס סוכּה האָט נישט אַריינגע־רעגנט. אָט האָט זיך דער דאַך געעפנט און אָט האָט ער זיך אַראָפּ־געלאָזט. נאָר מען פלעגט גאָרנישט דאַרפן צראָפּלאָזן דעם אָפּדאַך איבערן סכך, אום זיך צו שיצן פון רעגן. מען האָט זיך געקענט זיצן און לייזער ר׳ חיימס סוכּה עסן, טרינקען, שמועסן, לערנען, דער רעגן זאָל אינדרויסן גיסן און אין סוכּה זאָל מען עס נישט פילן. . .

ר׳ בענצע דער מלמד, אָדער ווי ער האָט געהייסן מיט זיין צונאָמען, בענצע דער וועלט־ליגנער, האָט אַפילו דערציילט נאָך גרעסערע וווּנדער פון לייזער ר׳ חיימס סוכּה.

„איינמאָל — האָט בענצע דער מלמד דערציילט — בין איך געזעסן מיט לייזער ר׳ חיימס אין זיין סוכּה אַ גאַנצע נאַכט און געלערנט צוזאמען תורה. פּלוצלינג דערהער איך אינדרויסן גיסט און רעגנט. מאַך איך צו ר׳ לייזערן: איר הערט? — זאָגט ער: „יאָ, איך הער“, זאָג איך צו אים: הלמאי רעגנט נישט אַריין?... שמייכלט ער: „איר, ר׳ בענצע, זייט אַ פּנים נישט קיין היגער...“ קיק איך אַרויס דורכן סכך, זע איך אַ לויטערן הימל און פינקלע־דיקע שטערן... ווער איך אַ צעציטערטער און שווייג שוין גאָר. וואָרים, אַז איך בין זוכה צו זיצן אין אַ סוכּה, וואָס אַז עס רעגנט אין איר נישט אַריין, אַז מען זעט בעת מעשה דורך דעם הימל און די שטערן, איז נישטאָ קיין לשון, באַדאַרף מען שווייגן...“

אַזוי פלעגט דערציילן ר׳ בענצע דער מלמד.

נאָר דאָס איז נאָך נישט געווען דאָס גאַנצע וווּנדער מיט לייזער ר׳ חיימס סוכּה. מען האָט דערציילט וועגן איר, אַז זי איז געווען אַזוי גרויס, דאָס שמחת תורה פלעגן טאַנצן אין איר אַ מנין יידן און בשעת הדחק וואָלט אין איר געקאָנט ווינען אַ הויז־געזינד זאַלבע צענט. די סוכּה איז געווען אַן אמתער בנין, געהאַט אמתע פענצטער און אַן איינגעבויטע טיר, — אַז מען שמועסט אַ פּאַלאַץ איז דאָך נישט שייך.

דערצו באַדאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז לייזער ר׳ חיימס

האָט זיין סוכּה געלאָזט בויען נישט ערגעץ אין אַ ווינקל הויף, ווו עס טראָגט זיך אָפּט אַ שלעכטער ריח פון שטאַל, נאָר בּאַ דער זייט הויז, ווו ס'הויבּט זיך אָן זיין גרויסער פרוכט־גאָרטן, מיט די אַלטע געדרייטע בּוימער, וועמענס צווייגן עס פאַלן איבּער דער סוכּה און גלעטן דעם דאַך פונם הויז.

פון לייזער ר' חיימס פרוכט־גאָרטן האָט מען זיך אויך אָנ־דערציילט, נסים ונפלאות מענטשן, וואָס האָבּן אים געקענט, האָבּן דערציילט, אַז דער גאָרטן איז אַזוי גרויס און געדיכט, דאָס מען קאָן אין אים אַזש פאַרבּלאָנדזשען. ווער עס האָט אין שטעטל אַ האַנט און אַ פוס, קריכט אין אים, יאָר איין יאָר אויס, און גנבעט פרוכטן. פונדעסטוועגן שטייט בּאַ הינדע לייזער ר' חיימס, קיין עין הרע אָן, אַלמער מיט אָנגעפּרעגלטע זאַפטן און פרוכטן פון זייער אייגענעם פרוכט־גאָרטן, אַז עס בּלייבּט נאָך איבּער פון יאָר צו יאָר, און ואחרי ככלות הכל, פאַרדינגט נאָך אַמאָל לייזער ר' חיימס אַ טייל פון זיין גאָרטן צו פּעסיע דער גערטנערקע.

פאַרשטייט זיך, אַז לייזער ר' חיימס טוט עס נישט צוליבּ די פּאָר רובּל. נאָר פּשוט כּדי גאָטס גאָבּ זאָל נישט אין ניוועץ גיין און זאָל אָן אָרעמע פרוי פאַרדינען אַ פּאָר רובּל. און אַז פּע־סיע די גערטנערקע האָט זיך געגוויטיקט אין פּרנסה, האָט יע־דערער געוווּסט. אַ פרוי, יינג בּלוט און מילך, איז פאַרבּליבּן אַן עגונה מיט אַ קליין קינד. דער מאַן, אַרטשיק דער גערטנער, האָט זי איבּערגעלאָזט ווי זי שטייט און גייט, איז אַוועק מיטן טייוול און לאָזט פון זיך נישט הערן. אויף צו דערהאַלטן דאָס לעבּן דינגט פּעסיע יעדעס יאָר אָפּ אַ פּאָר סעדער און שלאָגט זיך דורך.

נאָר בּאַ לייזער ר' חיימס, זאָגט מען, האַנדלט זי אַלע מאָל אַ געוואַלדיקע מציאה. וויפיל זי גיט, אַזוי פיל נעמט ער, לייזער ר' חיימס צו. דערבּיי העלפט ער איר אַמאָל אַרויס מיט אַ פערד און וואָגן, אויף אָפּפירן די פרוכט אין מאַרק אַריין. דערפאַר, אַז עס קומט סוכּות, קלויבּט פּעסיע די גערטנערקע אויס די שענ־

סטע פרוכט פון גאָרטן און הענגט זיי אויס אין לייזער ר׳ חיימס סוכּה. ווען לייזער האָט זי צום ערשטן מאָל געטראָפן בײַ דער אַרבעט, זאָגט מען, האָט ער צופרידן געשמייכלט, אָבער גאָרנישט געזאָגט. זי, פּעסיע, האָט זיך ווידער פאַרשעמט און אויך געשוויגן. פון דעמאָלט אָן האָט לייזער ר׳ חיימס סוכּה באַקומען נאָך אַ גרעסערן שם מיט זיין אינעווייניקסטער פּראַכט. נישט אומזיסט שלאָפט לייזער ר׳ חיימס אַ גאַנץ סוכּות אין דער סוכּה. לצים פלעגן זיך וויצלען און זאָגן, אַז אויף צו וועלן שלאָפן אין לייזער ר׳ חיימס סוכּה, באַדאַרף מען גראָד נישט זיין קיין פרומער ייד.

אַזוי האָט געשמט לייזער ר׳ חיימס מיט זיין סוכּה, ווי ער האָט געשמט מיטן זיין עשירות, תּורה חכמה, תּקיפות, צדקה און געראָטענע קינדער. איינמאָל אָבער האָט מיט לייזער ר׳ חיימס פּאַסירט אַ זאַך, וואָס דאָס שטעטל האָט בשום אופן נישט משיג געווען. אויף מאָרגן נאָך יום־כּפּור, ווען געוויינטלעך פלעגט מען בײַ ר׳ לייזערן זיך אָנהייבן מכין זיין אויסצופּוצן און אויסצושטאַטן די סוכּה מיט אַלדאָס גוטס, האָט לייזער ר׳ חיימס געלאָזט רופן צוויי גויים, באַפוילן צו צעהאַקן די סוכּה אויף שטיקלעך, אַוועקפירן דאָס האָלץ און פאַרברענען. . .

דאָס שטעטל האָט זיך געחידושט, געקוועטשט מיט די פּלייצעס און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. ווען דער רב האָט פון דעם זיך דערוווּסט, האָט ער אַ ציטער געטון און אויסגערופן: „חסר דעה, חס ושלום!“

ר׳ לייזער אַליין איז אַרומגעגאַנגען און גאָרנישט גערעדט, מיט פאַרביסענע ליפּן, דעם קאָפּ געבויגן, די הענט פון הינטן, איז ער אַרומגעגאַנגען בײַ זיך אין חדר און קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיך. אַ באַפעל אויף בויען אַ נייע סוכּה האָט ער אויך נישט געגעבן. אַז זיין ווייב הינדע האָט אים מיט שרעק אַ פרעג געטון: „וואָס וועט זיין, לייזער?“ האָט ער אַ צייט נישט געענטפערט, דערנאָך האָט ער זי אָנגעקוקט און שטיל געזאָגט:

„עס וועט גאָרנישט זיין. מיר וועלן סוכּות זיצן אין שטוב“.

„וואָס רעדסטו, לייזער ?" האָט די דערשראָקענע הינדע אויס-געשריען.

לייזער ר' חיימס האָט ווייטער געשוויגן. עס איז געווען קענ-טיק, אַז עפּעס פּרעסט אים אויפן האַרץ, ער וויל געפינען ווער-טער, נאָר ער קען נישט. ענדלעך האָט ער הינדען צוגערופן צו זיך און האָט איר וואָס געזאָגט אויפן אויער. זי האָט זיך צעוויינט אויפן קול, דערנאָך שטילער, דערנאָך אויסגעווישט די אויגן און פאַרלאָזט דאָס חדר.

אַ גאַנץ סוכּות איז דאָס שטעטל געווען פול מיט פאַרשידע-נע קלאַנגען. לייזער ר' חיימס איז געקומען אין שול דאַווענען, אָבער אַ גאַנץ סוכּות איז ער געזעסן אין הויז. פריינט און שכנים האָבן אים געבעטן צו זיי אין סוכּה מאַכן קידוש, אָבער לייזער ר' חיימס איז נישט געגאַנגען. צוויי מאָל האָט מען אים נישט גע-בעטן. מען האָט געוווסט זיין נאַטור, אַז ער זאָגט איינמאָל ניין, איז ניין. די קלאַנגען אַרום דער פּאַסירונג זענען געווען אי לע-גענדאַרישע, סודותדיקע אי ציניש, נבולפּהדיקע. בענצע דער מלמד האָט די זאַך. דערקלערט מיט קבלה ווען לייזער ר' חיימס, האָט ער געזאָגט, האָט געקענט ערב סוכּות צעשטערן זיין סוכּה, וואָס איז ממש געווען אַ היכל, און בלייבן זיצן אַ גאַנצן סוכּות אין שטוב, איז אַ שלעכטער סימן און מען קען זיך ריכטן אויף מלחמות... בייזע צינגער האָבן געהאַט אַן אַנדערן טייטש. לייזער ר' חיימס זון, מאַרקוס, דער סטודענט, איז אויף מאָרגן נאָך יום-כּפּור פאַרשוווּנדן געוואָרן פון שטעטל. עס האָט געהייסן, אַז אַ פּראָפעסאָר האָט אים אַרויסגערופן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין. די בייזע צינגער האָבן געוואָלט האָבן, אַז ר' לייזערס תּכשיט, דער סטודענט, איז עפּעס געווען צופיל באַפריינדעט מיט פעסיע דער גערטנערקע. ער פלעגט ליגן טאָג און נאַכט אין גאָרטן און איר העלפן שאָקלען די ביימער, גאָרנישט ווי עס פּאַסט פאַר לייזער ר' חיימס אַ זון. נו, האָבן די בייזע צינגער דערציילט, אַז אין דער נאַכט פון מוצאי יום כּפּור, ווען לייזער ר' חיימס איז געגאַנגען באַזוכן די סוכּה, האָט ער דאָרטן געטראָפן זיין בן מיט

פּעסיע דער גערטנערקע אין דער פינצטער אויסהענגענדיק עפּל
אין סכך...

אויף מאָרגן האָבן עס די גויים, אויף לייזער ר׳ חיימס באַ-
פעל, צעטראָגן די סוכּה.

II

אַרבעטער

דער באַרויבטער דיכטער.

דאָס שטעטל איז צו יענער צייט נאָך נישט געווען פאַר־כאַפּט נישט פון דער רעוואָלוציע, נישט פון דער מאָדערנער קול־טור. דער גייסט פון אידעאַלער ראָמאַנטיק האָט נאָך באַהערשט די הערצער און מוחות פון דער יוגנט אין איר.

דער גרויסער, געדיכטער וואַלד, געמישט פון סאָסנעס און בעריאָזעס, וואָס פאַנגט זיך אָן א וויאָרסט פון שטאָט אויף דעם לינקן ברעג פון סוויעטאַ, וואָס האָט געבילדעט די גרענעץ צווישן ליטע און קורלאַנד און איז געווען דער אָנזאָגער פון א העכערער און שענערער קולטור, איז דעמאָלט נאָך געווען דער צענטער פון ליבע, באַגייסטערונג און ראָמאַנטישן ענטוזיאַזם פאַר דער יוגנט פון שטעטל.

דאָ אונטער דעם ריח פון סאָסנעס און גרינע בערעלעך, אין דעם העלן שאָטן פון שלאַנקע בעריאָזעס, אַרום די ברעגעס פון דעם „וואָלפּ־גרוב“, האָט נישט איין ברוסט צום ערשטן מאָל דער־פילט די הייסע כוואַליע פון אומבאַשטימטן בענקען, איז נישט איין האַרץ צום ערשטן מאָל געטראָפן געוואָרן פון אַמאָרס פיילן, און

נישט זעלטן איז דאָס פאַרשווונדעטע האַרץ אויסגעגאַנגען אין שטילן בענקען.

אַהער האָט זיך זומער, אין יעדן שבתדיקן נאָכמיטאָג און אָפט אין אַ שיינעם וואָכעדיקן פאַרנאַכט פאַרזאַמלט דאָס ביסל יינגוואַרג פון שטעטל. דאָ האָט מען צום ערשטן מאָל געזען גלאַנצן די נייע קאָסטיומען, פריש־צאַפּלדיקע קאַפּעליושלעך און בלאַנקע שיך פון די בחורים, און העלע בלוזעס, געשטרייפטע קליידער און פאַנטאַסטישע מיצלעך פון די מיידלעך.

און איז אַ יינגערמאַן, וואָס האָט אַ זמן אָדער צוויי געשעפט־לעך פאַרווײלט אין ריגאַ, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ יום־טוב אַהיים אין אַ קאָסטיום און הוט, וואָס לויט זייער שניט, פאַסאָן און פאַרב זענען זיי געווען מיט אַ פערטל יאָרהונדערט ווייטער פונם לעצטן געשמאַק אין שטעטל, דאַן האָט יעדער איינער פון אים געוווסט און ער איז געווען דער טאָג־געשפּרעך בײַ די מיידלעך פון זיין מדרגה. האָט דער בחור געשטאַמט פון אַ העכערער פאַמיליע, האָבן שוין אַלע אָן אויסנאַם פון אים גערעדט.

און האָט אַ מיידל פון די „פני", מיט אַ חברטע אונטערן אָרעם, געלע שיך אויף די שלאַנקע פיסלעך און גאָלדענע פענסנע אויף דער פאַרריסענער נאָז, זיך אין אַ שבת פאַרנאַכט אין וואַלד באַוויזן, איז זי געוואָרן די קעניגין פונם וואַלד, האָט אַלע הער־צער בײַ די יינגעלייט געריבט און זיי פאַרחלומטע טעג און שלאָפ־לאָזע נעכט פאַרשאַפט. . .

דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל, פאַר דער רעוואָלוציע. שפּע־טער האָבן זיך אין וואַלד אָנגעהויבן באַווייזן שוואַרצע בלוזעס און רויטע יאַקעלעך. די ביימער האָבן מער נישט געהערט קליינ־שטעטלדיקע שמועסן, בענקנדע, אומקלאָרע פראַזן און צאַרטע, פאַרשעמטע ליבעס־ווערטער. ווערטער פול מיט האַרטן קאַמף, האָבן זיך איבער וואַלד געטראָגן און די ביימער ציטערן געמאַכט. . .

נאָר די מעשה, וואָס איך גיי אייך דערציילן, געהערט צו דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער, ראָמאַנטישער צייט.

און פאַטירט האָט זי מיט אַן אָרעמען דיכטער.

אויב דער העלד, פון וועמען איך גיי אייך דאָ דערציילן, איז היינט אויך אַ דיכטער, ווייס איך נישט. דעמאָלט, בשעת די געשיכטע הייבט זיך אָן, האָט מען אים אין שטעטל גערופן דניאל דער פּאָעט.

דאָס איז געווען אַ הויכער, בלאָנדער יינגערמאַן, מיט אַ בלאַס-לענגלעך פּנים, גרויסע פאַרחלומטע אויגן, און איז שטענדיק גע-גאַנגען איינגעבויגן אַזוי, אַז מען האָט געקענט מיינען, דאָס ער טראָגט דעם יאָך פון דער מענטשהייט אויף זיינע שמאָלע, דאַרע פּלייצעס.

געווען איז ער אַ קינד פון אַ פאַראָרעמטער באַלעבאַטישער משפחה און געלערנט אין דער אָרטיקער ישיבה. דעם נאָמען פּאָעט אָדער משורר, ווי זיינע חברים פון דער ישיבה פלעגן אים רופן, האָט ער באַקומען דערפאַר, ווייל אַלע טאָוולען פון די גמרות האָט ער באַשריבן מיט חרוזים און לאַנגע שירים. שפּע-טער האָט מען אים שוין אויך געטראָפן מיט גאַנצע פּעק יידישע לידער.

אַלע אין שטעטל האָבן אים, נאַטירלעך, געקענט. בחורים פלעגן קוקן אויף אים מיט באַגייסטערונג און קנאה. עס האָט אויך נישט געפעלט קיין שפּאָט איבער אים. מאַנכע, ענטוזיאַסטן, האָבן געהאָפט, אַז ער וועט אַמאָל באַלויכטן מיט זיין פּאָעטישן גייסט די יידישע ליטעראַטור און שטאָלץ מאַכן דעם נאָמען פון זיין גע-בורטס-שטעטל. מיידלעך האָבן אים באַשאַנקען מיט זייערע בליקן; פּשוטע — מיט אַ שמייכל דערביי; מער ראָמאַנטישע — מיט אַ זיפץ און אַ פאַרבאָרגענעם פאַרלאַנג צו ווערן די געטין פון זיינע טרוימען...

נאָר דניאל האָט נישט באַמערקט די בליקן פון די מיידלעך. נישט געוווסט אויסצונוצן אַזאַ אוצר פון פרייד. ער האָט נאָר גע-זעען הימל און זון, לבנה און שטערן און אין דער לופטן — מיל-יאָנען געשטאַלטן פון פאַנטאַסטישע בילדער.

א דיכטער!

איז דער דיכטער אָבער אויך נאָר א מענטש, האָט אים אָנ־געהויבן ציען אין וואַלד, דאָרטן, וווהין ס'לאָזן זיך ארויס שפּאַ־צירן גאַנץ פּראָזאַישע בחורים און נישט גאָר פּראָזאַישע מיידלעך.. בפּרט נאָך, אַז איידעלע דעם חונס האָט דעם וואַלד מיט איר שטי־מע פאַרקלונגען... נישט אומזיסט האָט זי געהייסן די נאַכ־טיגאַל.

ווי מאָדנע זיס און ווארעם איר שטימע האָט געקלונגען! ווען דניאל האָט זי געהערט זינגען, האָט זיך דער הימל פאַר אים געשפּאָלטן און מלאכים זענען פאַר זיינע אויגן געפלויגן...

און דאָ הויבט זיך אָן א מעשה, פון וואָס איך וואָלט, אייגנט־לעך, באַדאַרפט אָנשרייבן א גאַנץ דיקן ראָמאַן. נאָר מיר לעבן דאָך אין א צייט פון עקאָנאָמיע, אין א צייט, ווען מיר צעשפּאַלטן א סעקונדע אין זעכציק חלקים... איך וועל דעריבער זיין קורץ.

אינגיכן איז איידעלע דעם חונס געוואָרן די געטין פון דניאלס טרוימען, די מוזע פון זיין דיכטונג.

לידער, געשריבן אין יאַמבען און טראָכעען, דאַקטילן און אַמפיבראַכן, סאָנעטן, אָדען און פּאָעמעס האָבן זיך אָנגעהויבן גיסן פון דניאלס פּען אויף לאַנגע צאַרט־ווייסע בויגעלעך פּאַפּיר אין צאַצקעדיקע אותיות, מיט אָרנאַמענטישער באַצירונג, און אַלע, אַלע זענען זיי געווען געווידמעט איידעלען... אויב נישט שריפטלעך, געוויס במחשבה...

און נישט בלויז ווידמונגען זענען דאָס געווען. סאָנעטן, גע־שריבן אויף די ראשי תיבות פון „איידעלע דעם חונס", האָבן זיך געמערט ווי שוועמלעך נאָך א רעגן. שפּעטער זענען געקומען אויך לידער, ווו דער פאַרליבטער דיכטער האָט שוין גערעדט דירעקט צו איידעלען...

האָט איידעלע געוווּסט, אַז די צאַרטע נשמה פון א דיכטער צאַפּלט זיך אין א ים פון זיסע געפילן, וואָס זי, אוּן נאָר זי האָט

אין אים דערוועקט ?... ווער ווייסט ? איז דען מעגלעך אריינצו־דרינגען אין די קדשי־קדשים פון א שטאָלץ קליינשטעטליש ליט־וויש מיידל ?

ווען דניאל האָט זי אין גאָס געטראָפן, פלעגט ער אַראָפּ־לאָזן די אויגן און רויט ווערן. דאָס האַרץ פלעגט בא אים דעמאָלט אַזוי שטאַרק קלאַפּן, אַז מער ווי די באַוועגונג פון אירע לייכטע טריט האָט ער נישט געשפּירט... אמת, ער האָט אויך געפילט, ווי אַ מין וואַרעמקייט טראָגט זיך פון איר צו אים אַריבער... ער איז אָבער נישט זיכער געווען, צי איז דאָס אַן ענטפער אויף די כוואַליעס געפילן, וואָס האָבן זיך פון זיין טיפער ברוסט צו איר געריסן...

ווען איידעלע, אין אַ קאָמפּאַניע פון חברטעס, איז געזעסן אין וואַלד, ערגעץ אַרום „וואָלפן־גרוב“, און אירע לידער געזונ־גען, האָט דניאלן אויסגעפּעלט קרעפטן צוצוטרעטן נאָענט. אים איז געבנוג געווען, אַז ער האָט איר שטימע פונווייטנס געהערט. יאָ, פונווייטנס האָט איר שטימע פיל העלער און זיסער געקלונגען. ער איז באַרוישט געווען, ווען די פאַרביקע שאָטנס פון וואַלד האָבן אים געבראַכט אַ גרוס פון אירע צוויי לאַנגע גאָלדענע צעפּ...

אוי, ווי ער האָט דעמאָלט געוואָלט, אַז איידעלע זאָל זיינע לידער זינגען, זיינע, און נישט קיין אַנדערנס! ווען זי זאָל כאָטש וויסן פון זיי... וואָס וואָלט ער נישט מקריב געווען דערפאַר! ווען אַ געהיימע האַנט זאָל זיך באַווייזן, בא אים די לידער צונע־מען און צו איידעלען אַוועקטראָגן, ווי גליקלעך ער וואָלט עס געווען, ווי גליקלעך!... ער וואָלט די געהיימע האַנט געקושט און אין נייע לידער באַזונגען...

און די געהיימע האַנט איז געקומען אין דער געשטאַלט פון אַ בחור, אַ יינגערמאַן מיטן נאָמען אליהלע האַדאַסין, אַ זון פון אַן אויפגעקומענעם סוחר אין שטעטל, איז געווען נישט לאַנג צו־ריקגעקערט אַהיים פון אַ יעריקער אָפּוועזנהייט אין די גרויסע

מקומות. אַט דער אליהלע איז געקומען צו דניאלן, מיט וועלכן ער האָט זיך געקענט פונוויטן, און אים געבעטן ער זאָל אָנשרייבן אַ „ליד אין אַלבאָם" פאַר אַ מיידל. די זאַך באַדאַרף, פאַרשטייט זיך, בלייבן אַ סוד.

„ווי הייסט דאָס מיידל?" האָט דער דיכטער געפרעגט.

„איידעלע", האָט אליהלע האַדאַסין זיך אַ ביסל פאַרשעמט.

„איידעלע דעם חזנס", האָט דניאלן אַ צופּ געטון אין האַרץ.

„יאָ, פאַר איר..." האָט שוין אליהלע קיין ליגן נישט געוואָלט זאָגן.

דניאל איז געבליבן שטיין צעמישט. וואָס באַדאַרף דער אליהלע אַ ליד אין אַלבאָם פאַר איידעלען... ליבט ער זי?... אַט דער בחור מיט דעם פּעטן, מגושמדיקן פּנים ליבט איידעלען?... ס'קאָן דאָך נישט זיין... איידעלע מיט די צוויי לאַנגע גאָלדענע צעפּ, מיט ז'ער שטים פון אַ נאַכטיגאַל, וועט אים נישט ליבן, געוויס נישט!... אַזאַ זאַך האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן, ער פילט עס מיט זיין פּאָעטישן חוש... נאָר צו וואָס באַדאַרף ער איר שרייבן אַ ליד אין אַלבאָם?... ער קומט פון אַ גרויסער שטאָט, וויל ער זיך געוויס אויספּיינען... זאָל ער!.:. ער האָט דאָך דערווייל די געלעגנהייט, איידעלע זאָל לייענען זיינע לידער און אפשר אויך זינגען...

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט אים דניאל געהייסן קומען. אמת, „לידער אין איידעלעס אַלבאָם" האָבן אים נישט געפעלט. אַ גאַנצן פּאַק האָט ער פון זיי געהאַט פאַרטיקע. ער האָט אָבער נישט געוואָלט זיך אַליין אַרויסגעבן.

אויף מאָרגן, ווען אליהלע איז געקומען צו דניאלן, האָט ער געהאַט פאַרטיק אַ גאַנץ האַלב טוץ „לידער אין אַלבאָם" פאַר איידעלען. אליהלע האָט זיי אַלע גענומען. שפּעטער האָט אים דניאל צוגעשטעלט לידער פון אַלע סאָרטן. אין די לידער איז

איידעלע באַזונגען געוואָרן אַלס די מלכּה פֿון יידישע טעכטער, די נאַכטיגאַל פֿון וואַלד, „די רויז צווישן דערנער"...

דניאל האָט שוין דעמאָלט נישט גערוט. באַטאָג האָט ער נישט געלערנט און באַנאַכט נישט געשלאָפֿן. זיין פּאָעטישער חוש, וואָס איז געווען לויט זיין גלויבן, בבחינת נבואה, האָט אים אָנגעזאָגט דעם מאָמענט, ווען איידעלע זיצט און לייענט זיינע לידער... ווייסט זי, אַז די לידער זענען זיינע?... אליהלע האדאסין גיט זיי געוויס אַרויס פֿאַר זיינע אייגענע. זאָל ער! אָבער גלייבט דען איידעלע, אַז אָט דער בחור, מיטן מגושמדיקן פּנים, שרייבט לידער?... ער איז זיכער, אַז זי גלייבט נישט, אַז זי פֿילט, דאָס די לידער זענען זיינע... און אויב נישט, אַרט עס אים אויך נישט, אַבי איידעלע לייענט זיינע לידער, דערקוויקט זיך מיט זייער שיינקייט און די שטורמישע געפֿילן, וואָס ווערן אין זיי אויסגעגאָסן צו איר ווען...

און מאָדנע האָט דניאל געפֿילט, ווען ער האָט דערנאָך איידעלן אין גאַס געטראָפֿן. ער האָט, ווי געוויינטלעך, געוואָלט אַראָפּלאָזן די אויגן צו דער ערד. נאָר איידער דאָס איז געשען, האָט ער דערפֿילט, ווי איידעלעס ליכטיקע אויגן האָבן אויף אים אַ גאַס געטון אַ כוואַליע הייסע שטראַלן... ער איז געבליבן שטיין געפֿאַנגען. דער קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען... אַ נעפּל האָט זיך פֿאַר זיינע אויגן באַוויזן... דורך דעם נעפּל האָט ער, דאַכט זיך, קלאָר געזען, ווי אויך איידעלע איז שטיין געבליבן... קוקט אויף אים און רייסט זיך צו אים צו גיין... ווי לאַנג דער מאָמענט האָט געדויערט, ווייסט נישט דניאל. דערוואַכט האָט ער דעמאָלט, בשעת ער האָט דערשפּירט ווי אירע לייכטע טריט טראָגן זיך אים נאָענט פֿאַרביי און ווערן לאַנגזאַם פֿאַרקלונגען אויפֿן טראָטואַר...

האָט איידעלע געוואָלט צו אים צוגיין?... רעדן מיט אים?... פֿרעגן בא אים וועגן די לידער?... די געדאַנקען האָבן דניאלן געמאַטערט און אָנגעפֿילט זיין האַרץ מיט ספקות און יסורים.

און נאָך שמערצלעכער האָט דניאל דערפילט, ווען אליהלע האָדאָסין האָט אויפגעהערט קומען צו אים נאָך לידער פאַר איי־דעלען. ער האָט דעמאָלט מער ווי פריער זיך געלאָזט פֿון אָוונט גיין אויסער דער שטאָט אין דער ריכטונג פון וואַלד... איינ־מאָל, אין אַ שפּעטן אָוונט, צוקומענדיק צום ברעג פון וואַלד, האָט ער געזען צוויי געשטאַלטן פאַרשווינדנדיק הינטער די ביי־מער... דניאל וואָלט שווערן געקענט, אַז דאָס איז געווען איידע־לע מיט אליהלען...

און באַלד טאַקע האָט צו זיין אויער דערגרייכט דער אָפֿע־נער סוד, אַז אליהלע, לייזער האָדאָסינס זונדל, איז אַ חתן געוואָרן פאַר איידעלע דעם חזנס.

איינמאָל, אין אַ שבת פאַרנאַכט, האָט דניאל, איינער אַליין מיט זיינע מחשבות, זיך געלאָזט גיין ווייט אין וואַלד אַריין, לעבן דעם ברעג פון דער סוויעטאַ. זיין האַרץ האָט געוווסט, וווּ עס פירט אים. ער האָט פלוצלינג דערהערט אַ געשפּרעך און זיך אָפּ־געשטעלט. מיט אָן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט ער געהאָרכט...

יאָ, ער האָט קיין טעות נישט געהאַט. דאָס איז געווען איידעלעס קלינגענדע קולעכל. אַ צייט האָט ער די שטימע געהאָרכט מיט פאַר־מאַכטע אויגן. ווען זי איז פּלוצלינג שטיל געוואָרן, און אַ מענער קול, אליהלעס קול, האָט אין דעם עכאָ פון וואַלד אָפּגעקלונגען, האָט דניאל די אויגן געעפנט... פון צווישן די ביימער האָבן ווייערע פיגורן דייטלעך אַרויסגעקוקט. זיי זענען געזעסן האַרט איינער לעבן אַנדערן, אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים און זיך אָנגע־קוקט... דאַכט זיך, אַז איידעלעס האַנט האָט אין אליהלעס גע־רוט... דניאל איז געפאַלן אויף די קני, דערנאָך מיטן פּנים צו דער ערד און דאָס גראָז געקייט. וווי האָט איידעלע געשיינט! און ווי האָבן אירע צוויי דיקע גאָלדענע צעפּ זיך חנעוודיק אויף אירע יינגע ברוסטן געשפּילט!... און וואָס הערט ער?... עפּעס זינגט זי אַ ליד, אַ ניי ליד... דאַכט זיך, אַז ער קען די ווערטער!... זיין ליד!... איידעלע זינגט זיינס אַ ליד!.. ווי גליקלעך ער איז!... נאָר צו וואָס איצט דאַרט אָט יענער בחור לעבן איר!...

זע נאַר, ווי ער קוועלט אָן... אוי, גאָט! אײדעלע מײנט דאָך, אַז זי זינגט זײנס, אליהלעס אַ ליד... נײן! ווי קען ער עס צו־זען!... ווי קען ער עס פאַרשווײַגן!... ער וועט צוגײן צו אײדעלען, פאַלן צו אירע פיס און איר זאָגן, אַז ער, אָרעמער דניאל, איז באַרויבט געוואָרן... אַז אָט דער מגושמדיקער בחור. וואָס זיצט לעבן איר, האָט אים באַרויבט... האָט בײַ אים אויסגע־כאַפּט די בעסטע לידער זײַנע, אַוועקגערויבט זײַנע טײַערסטע גע־פילן... אַלץ, אַלץ האָט ער בײַ אים צוגענומען... ער וועט ווײַ־נען פאַר איר, אַזוי לאַנג ווײנען, ביז פון זײַנע טרערן וועט ווערן אַ טײַך אַרום זײ... און ווײַטער ווײסט ער שוין נישט, וואָס וועט זײַן...

און דניאל האָט דערשפּירט, אַז זײַן מויל קײַט נאַסע, בלאָ־טיקע ערד...

ער איז אויפגעשפּרונגען ווילד און זיך געלאָזט לויפן ערגעץ, וווּהין די פיס האָבן געטראָגן...

אַהײם איז דניאל געקומען מיט דעם פעסטן באַשלוס אָנצו־שרײַבן אַ ליד, אַ לאַנג ליד, וווּ ער זאָל זיך געזעגענען מיט דער שײנער וועלט און מיט דער נאָך שענערער אײדעלען און דערנאָך... יאָ, דערנאָך וואָלט אין אַ שײנעם פרימאָרגן דער וועכטער פון וואַלד געוויס אַרויסגעצויגן אַ טויטן קערפּער פון טײַך. דאָס וואָלט געווען דניאל. און אויב אײדעלע וואָלט נאָך זײַן לוויה נישט גע־גאַנגען, וואָלט זי געוויס אין אַ פאַרשלאָסענעם חדר לאַנג נאָך אים טרערן פאַרגאָסן. נאָר דער שיקזאַל האָט אַנדערש געוואָלט, פּונקט זעלבן מאָרגן איז אָנגעקומען אַ ייִדישע צײַטשריפט מיט אַ ליד, און אונטער אים איז מיט פעטע אותיות געשטאַנען דניאל כּרמלי. דאָס איז געווען אונזער דיכטער דניאלס אַ ליד. לאַנג האָט דניאל מיט פאַרלאָפענע אויגן געקוקט אויף זײַן געדרוקטן נאָמען און זיך כּמעט נישט געגלייבט, אַז דאָס מײנט מען אים. ווען דער פאַקט איז געווען רעאַליזירט, האָט ער אויפגעגעבן דעם געדאַנק צו שרײַבן אַן אָפּשײדס־ליד... ער האָט געפילט, אַז ער געהערט איצט נישט זיך, נאָר דער ייִדישער ליטעראַטור, דעם ייִדישן

פאָלק... און ער האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל מיט דעם באַהאַל־טענעם געדאַנק צוריקצוקערן אין איר אַלס אַ געקרוינטער דיכטער.

און דאַן זיך טרעפן מיט איידעלען...

דער געלער מויער *)

ר׳ זיסלס מויער איז אין שטעטל געווען דער איינציקער אין זיין מין. ר׳ זיסלס משפחה האָט אָבער אויך צו זיך קיין גלייכן נישט געהאַט.

אזוי ווי אן אלטער שלאָס, וואָס די בלויזע ווענט דערציילן אייך זיין שטאָלצע פארגאַנגענהייט, אזוי האָבן אויך די מאַסיווע ווענט מיט די הויכע, טיף איינגעמויערטע פענצטער פון ר׳ זיסלס צווייגשטאָקיקן מויער אייך דערציילט די פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט פון רב זיסלס משפחה, פארקינדיקנדיק שוין איינוועגס אויך איר צוקונפט...

דער קאָליר פון דעם מויער איז שוין לאַנג נישט געווען קיין באַשטימטער. עס האָט געקאָנט הייסן, אז ער איז גרוי, ברוין, שוואַרץ אפילו, און דאָך האָט מען אים גערופן „דער געלער מויער“.

די געלע מויער איז געשטאַנען אין צענטער פון דער הויפט־גאַס, ווו די יוגנט איז שבת און יום־טוב געגאַנגען שפּאַצירן אין דער ריכטונג צום שלאָס און וואַלד, ווו דער דיליזשאַנס האָט זעקס

---

*) די דערציילונג, וואָס איך האָב געדרוקט אין 1916, האָט מיר איז 1924 געדינט אלס גרונטשטיין צו מיין דראַמע מיטן זעלבן נאָמען.

טעג אין וואָך געפּירט די פּאַסאַזשירן צו דער באַן נאָך מיטוי און ריגאַ.

ר׳ זיסלס מויער איז באַשטאַנען נישט נאָר פון צוויי שטאָק, נאָר אויך פון צוויי באַזונדערע וועלטן. אין דעם אונטערשטן טייל הויז האָט געוווינט ר׳ זיסל מיט זיין משפּחה, אויף דעם צווייטן שטאָק האָט זיך איינגעפונען דאָס געווערק-הויז פון די באַרשטן-בינדער, וווּ מען האָט אויסגעאַרבעט חזיר-האָר פאַר לייפּציג, וווהין רב זיסל איז געפאָרן אַ פּאָר מאָל דורכן יאָר.

די פענצטער פון דעם אונטערשטן שטאָק זענען תמיד געווען פאַרמאַכט, פאַרצויגן מיט שווערע גאַרדינען. די שויבן האָבן טונקל אַראָפּגעשיינט אויף די פאַרבייגייער און זיי געוואָרנט, אַז אומזיסט איז זייער מי, זייערע בליקן וועלן קיינמאָל נישט אַריינדרינגען אינעווייניק...

דערפאַר זענען די פענצטער פון צווייטן שטאָק געשטאַנען תמיד שפּאַן-אָפן, און דאָס זינגען פון די באַרשטן-בינדער האָט פאַרהילכט די גאַס ווייט אַרום. האָט אַ נײַ יידיש ליד דערגרייכט דאָס שטעטל, האָט מען עס צו ערשט געהערט פון די אָפענע פענצטער פון ר׳ זיסלס מויער. מיידלעך, וואָס זענען אויפן שפּאַציר געגאַנגען, האָבן בײַ ר׳ זיסלס מויער פאַרלאַנגזאַמט זייערע טריט, צוגעהאָרכט דאָס זינגען, געכאַפּט בגנבה אַ קוק צו די אָפענע פענצטער און, באַגעגנענדיק דעם בליק פון אַ בחורש אויג, זיך פאַרשעמט און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ ווייטער געגאַנגען.

און וואָס די געשלאָסענע פענצטער פון דעם ערשטן שטאָק האָבן פאַרבאָרגן, האָבן די אָפענע פענצטער פונם צווייטן שטאָק מגלה געווען. די צוויי באַזונדערע וועלטן אין דעם הויז האָבן דאָך געהאַט אַ נאָענטן שייכות צווישן זיך. ווי ר׳ זיסלס משפּחה איז נישט געלעגן פאַרשלאָסן אין איר וועלט, האָט דאָך דאָס גאַנצע שטעטל געוווּסט, ווי עס גייט ר׳ זיסלען, און וואָס עס טוט זיך הינטער די פאַרהאַנגענע פענצטער.

דאָס גערויש, געזאַנג און די פריילעכקייט, וואָס האָבן זיך געטראָגן דורך די אָפענע פענצטער פונם צווייטן שטאָק, האָט פון

Free Public Library, Newark, N. J.

יאָר צו יאָר אָנגעהויבן ווערן שוואַכער און פאַרלאָזענער. דאָס האָט באַרקינדיקט דעם שטעטל, אַז די געשעפטן בא ר׳ זיסלען גייען אַלץ מער און מער בארג אַראָפּ. ר׳ זיסל איז נאָך אַלץ געפאָרן אויף די לייפּציגער מערק, נאָר שוין נישט אַזוי אָפט ווי אַמאָל. עפּטער און עפּטער האָט זיך ר׳ זיסל אָנגעהויבן צו באַווייזן אין גאַס, פאַרטראַכטער און צעשטרייטער ווי תמיד; די שפּיציקע, לענגלעכע באָרד איז געוואָרן גרויער, דער קאָפּ געזונקענער, און עפּטער ווי אַלע מאָל האָט מען ר׳ זיסלען געהערט רעדנדיק צו זיך.

רב זיסל איז פון תמיד אָן ארומגעגאַנגען צעשטרייט. אַזוי אויך אַלע זיינע קינדער און אויך זיין פרוי, שרה רב זיסלס. דאָס וואָרט „משוגע”, „חסר דעה” האָט מען זייער אָפט אָנגעווענדט אָן דער גאַנצער פאַמיליע, נישט לגנאי, — ר׳ זיסלס הויז איז זייער נעכטעט געווען אין שטעטל — נאָר ווייל מען האָט קיין אַנדער וואָרט נישט געהאַט צו באַצייכענען די צעשטרייטקייט און צעדרייטקייט פון אַט דער פאַמיליע.

מיט רב זיסלען זיך צונויפרעדן איז געווען שווערלעך. און נאָך שווערער מיט זיינע קינדער עפּעס האָבן זיי אַלע געהאַט אַזעלכע „שאַרפע קעפּ”, אַז די געדאַנקען בא זיי זענען תמיד געגאַנגען קאַפּויר, פאַרדרייט, נישט צוגלייך מיט אַלעמען. ר׳ זיסל אַליין איז תמיד געווען פאַרזונקען אין עפּעס, און גייענדיק אין גאַס האָט ער קיינעם נישט דערקענט, אפילו נישט זיינע נאָענטסטע באַקאַנטע. האָט מען רב זיסלען אָפּגעשטעלט מיט א „גאָט העלף”, א „שלום עליכם”, האָט ער פריינדלעך געענטפערט. עס איז גענוג געווען א רעד צו טון מיט ר׳ זיסלען אַ פּאָר מינוט, אַז מען זאָל אַוועקגיין מיט דעם איינדרוק, אַז עפּעס איז ר׳ זיסל „נישט מיט אַלעמען”...

ר׳ זיסלס קינדער — דריי זין און דריי טעכטער — האָבן זיך ווייניק געווין צווישן מענטשן, און דאָך האָט דאָס שטעטל געוווסט, אויף וואָס יעדער פון זיי איז „משוגע”. מען האָט געוווסט, אַז דער עלטערער, יאָסל, איז אַמאָל אָפּגעלעגן א יאָר צייט פאַרשפּאַרט אין אַ חדר איבער אַ דערפינדונג, וואָס

האָט אים אַזוי אָפּגעשוואַכט, דאָס דאָקטוירים האָבן אים קוים גע־קענט ראַטעווען. דער צווייטער זון, בן־ציון, פלעגט סתם אַרומגיין אַ פאַרטראַכטער, ס׳רוב באַנאַכט, מיט די אויגן צום הימל, ווי ער וואָלט דאָרטן עפּעס זוכן. און אַז מען האָט אים טאַקע אַמאָל גע־פרעגט: „בן־ציון, וואָס זוכסטו אין הימל?״ פלעגט ער ערנסט ענטפערן: „איך וויל דאָרט וואָס דערגיין״.

דער דריטער זון, דער ייִנגסטער, איז אַזוי לאַנג געלעגן פאַרבאָרגן איבער ביכער און צו דער זעלבער צייט פאַרזאַמלט אַ הויף מיט טויבן, ביז ער איז אַנטלאָפן פון דעם היים, אַוועק קיין ריגאַ, דאָרפּעט, און מענטשן אין שטעטל האָבן דערנאָך דערציילט, אַז מען האָט דעם „תכשיט״ געזען אין בלאַנקע קנעפּ.

יאָסל און בן־ציון האָבן גיך חתונה געהאַט, זיך באַזעצט בײַ טאַטע־מאַמען אין הויז, אָנגעפּלאָדעט אַ פולע שטוב מיט קינדער־לעך. ס׳האָט געהייסן, אַז זיי העלפן דעם טאַטן פירן דאָס געשעפט. אין דער אמתן אָבער זענען זיי אַרומגעגאַנגען מיט פאַרלייגטע הענט, יאָסל, וואַרטנדיק אויף דער גרויסער ירושה, וואָס דער פע־טער לייזער וועט אים באַלד איבערלאָזן, בן־ציון, חלומענדיק פון אַ ייִדישער מלוכה אין ארץ־ישׂראל.

דער צווייטער שטאָק, פונוואַנען ר׳ זיסלס הויז־געזונט האָט געצויגן חיונה, איז וואָס אַ יאָר געוואָרן ווײַסטער און פאַרלאָזענער. די מחיצה צווישן אונטן און אויבן, איז ווי אַלע מאָל פאַרבליבן אַ שטרענגע. אַן אַרבעטער האָט קיינמאָל נישט געוואַגט אַרויפגיין אויבן און באַטרעטן דעם שוועל פון ר׳ זיסלס וווינונג. דער איינ־ציקער, וואָס האָט דאָס רעכט געהאַט אַרײַנצוגיין אין ר׳ זיסלס הויז, איז געווען דער מייסטער פון די באַרשטן־בינדער, דוד, אַ הויכער, שלאַנקער, ברונעטער בחור, מיט אַ ווײַס געאיידלט גע־זיכט, וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן פון דער ישיבה. אָט־אָ־דער דוד איז געווען דער פאַרמיטלער צווישן „קאַפּיטאַל און אַרבעט״. ער פלעגט אָפּגעבן אונטן חשבון פון דער אַרבעט און דורך זיין האַנט האָבן די אַרבעטער באַקומען זייער געצאָלט.

סכסוכים צווישן „אַרבעט און קאַפּיטאַל״ זענען נאָך דעמאָלט

געוועזן פרעמד דעם שטעטל. נאָר ביסלעכווייז האָבן זיך אויפגעעפנט נייע פלעצער פון הויז-האַר-אינדוסטריע, ווו אַרבעטער פון ווייטע מקומות זענען געבראַכט געוואָרן, און די לופט איז פול געוואָרן מיט קאַמף און סטאַטשקעס.

אַט-אָ-דער נייער ווינט איז אויך אַריינגעדרונגען אין דעם צווייטן שטאָק פון ר' זיסלס מויער. דעמאָלט האָט זיך דוד דערזען אין אַ פאַרפלאָנטערטער לאַגע. ער האָט געמוזט זיין אי דער אַרבעטער-פירער אי דער באַלעבאָס, ווייל, אייגנטלעך, איז איבער דעם צווייטן שטאָק קיין אַנדערער באַלעבאָס אַ חוץ אים נישט געווען. ר' זיסל האָט זיך אָפטער ווי אַלע מאָל אָנגעהויבן זוימען אין לייפציג, און געזאָגט האָט מען, אַז ס'איז פשוט דערפאַר, וואָס ר' זיסלס סחורה ווערט „פאַרבּרענט" אויף די לייפציגער מערק און ער שעמט זיך צו קומען אַהיים... און אַז ר' זיסל האָט שוין יאָ צוריקגעקערט אַהיים, האָט מען זיך אַלץ ווייניקער געקענט מיט אים צונויפרעדן. אגב האָט ר' זיסל זיין גאַנץ לעבן נישט געהערט, אַז אַן אַרבעטער זאָל בּאַ אים זיין נישט צופרידן. וואָס הייסט, אַן אַרבעטער איז נישט צופרידן? אויב ער איז נישט צופרידן, מוז דאָך דאָרטן עפעס זיין, קען מען דאָך דאָס גוט-מאַכן... און גוט=מאַכן האָט שוין געקענט דוד אַליין, איז דען ז"ין קאָפּ דערביי?...

דוד האָט עס געוווּסט און געטון אַלץ, וואָס אין זיין מאַכט. הגם האָבן די אַרבעטער געשטעלט נייע פאָדערונגען נישט אַזוי, ווייל זיי זענען נישט צופרידן געווען מיט ר' זיסלען, ווי זיי האָבן געמוזט דערפילן די באַפעלן פון צ. ק. דער געהיימנישפולער „צ. ק." האָט געהאַט מאַכט. אפילו ר' זיסלס אַרבעטער האָבן אים געפאָלגט, נישט איבערפרעגנדיק קיין וואָרט.

דאָך איז צו סטאַטשקעס אין אויבערשטן שטאָק פון ר'זיסלס מויער נישט געקומען. דוד האָט נישט דערלאָזט. די אַרבעטער האָבן געפילט, אַז עס איז שוין באַלד נישטאָ קעגן וואָס צו קעמפן. דאָס ריזיקע אַרבעטס-הויז איז געוואָרן פאַרלאָזענער, אַבלדיקער, מאַטעריאַל צום אַרבעטן איז אַריינגעקומען אַלץ ווייניקער און נאָך ווייניקער איז אַרויסגעגאַנגען גוטע אויסגעאַרבעטע

סחורה, מיט וואָס רב זיסל זאָל זיך קענען שפּיגלען אין לייפּ־ציג.

איינמאָל איז רב זיסל צוריקגעקומען נאָך אַ לאַנגער נסיעה פון לייפּציג אַ שטומער... איניקע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען און האָט אַ וואָרט נישט אויסגערעדט. דאָס פּנים שוואַרץ, איינגעדאַרט, דעם קאָפּ געבויגן, די שולטערן איינגעקאָרטשעט, די הענט צו־זאַמענגעלייגט אין די אַרבל, די אויגן מידע, פאַרזונקענע, נישט דערקענט כמעט די הויז־מענטשן. דערנאָך האָט רב זיסל יאָ אָנ־געהויבן עפּעס רעדן, נאָר קיינער האָט אים נישט פאַרשטאַ־נען, אפילו נישט זיין מיטלסטע טאָכטער הינדע, וואָס האָט דעם טאַטן אַלע מאָל מער פאַרשטאַנען און זיך מער מיט אים אָפּגע־געבן.

באַ רב זיסלען אין שטוב איז געוואָרן חושך. די מוטער, שרה, איז שוין לאַנג געלעגן קראַנק פון עגמת נפש. די זין, יאָסל און בן־ציון, האָבן זיך פלוצלינג אַרומגעזען, אַז דער טאַטע איז טאַקע קראַנק, מסוכן, די געשעפטן גייען שלעכט, און זיי האָבן גאָרנישט געטון אים עפּעס באַהילפיק צו זיין. נאָר יאָסל האָט גע־פילט, אַז ער איז נישט שולדיק, וואָס דער רייכער פעטער לייזער וויל נישט שטאַרבן... בן־ציון איז אויך נישט געווען שולדיק, וואָס די ישועה פאַרן פאָלק ישראל וויל אַזוי גיך נישט קומען... זיי וואָלטן שוין דעמאָלט אויך באַגליקט געוואָרן...

נאָר ערגער פון אַלעמען האָבן זיך דערפילט די מיידלעך. דריי טעכטער, איינע און איינע אין שידוכים, האָבן זיך פלוצלינג דערזעען פאַריתומט. דאָס האַרץ האָט זיי געזאָגט, אַז דער טאַטע איז אָפּגעשטאָרבן פאַר זיי, פאַר די געשעפטן, און דאָס הויז בלייבט ווי אַ שיף אָן אַ רודער. די עלטערע, צירל, וואָס פלעגט זיך נישט באַווייזן צווישן מענטשן אויס מורא, וואָס „אַלע בחורים קוקן אויף איר", האָט זיך פלוצלינג צעוויינט, ווען זי האָט געזעען, אַז דער טאַטע קאָן אַ וואָרט נישט אויסרעדן. עס איז איר אפילו נישט איינגעגאַנגען מער צו זיצן הינטער די גאַרדינען און אַרויס־קוקן פון איר באַהעלטעניש אויפן גאַס, ווי איר טבע איז געווען, גאַנצע טעג... די יינגערע האָט געזאָגט, אַז זי וועט ערגעץ

אָוועקפאָרן געבן שטונדן, אָבער נישט צוקוקן דעם צער פון הויז.

איין הינדע האָט דעם קאָפּ נישט פאַרלוירן. זי איז אַלעמאָל געווען די באַלעבאָסטע פון שטוב, דער איינציקער „קלאָרער קאָפּ" אין דער משפחה. הינדע האָט געפילט, אַז זי מוז עפּעס טון, אונטערנעמען. דאָס הויז, די פירונג, טאָר אַזוי נישט בלייבן, עפּעס מוז געטון ווערן. לאַנג האָט זי געקלערט און באַשלאָסן — אַריבערגיין די מחיצה...

די מחיצה, וואָס איז געלעגן צווישן ביידע עטאַזשן: צווישן יחוס, טראַדיציע, אָפּגעהיטקייט פון איין זייט, און שווערער אַרבעט און קאַמף פאַר דעם לעבן פון דער אַנדערער זייט.

און הינדע האָט באַטרעטן דעם צווייטן שטאָק, איז צוגעגאַנגען צו דודן און געזאָגט:

„דוד, דער טאַטע איז קראַנק, ווייסט גאָט אויב ער וועט געזונט ווערן... דאָס געשעפט קען נישט פאַרלאָזט ווערן... נעמט אַלץ איבער אויף זיך... איך וועל אייך העלפן..."

באַ די לעצטע ווערטער איז הינדע רויט געוואָרן. אויך דודס בלאַסע געזיכט האָט זיך אָנגעהויבן רויטלען. ער האָט אַ קוק געטון אויף הינדען. זי איז געשטאַנען לעבן אים מיט אָפענע, דורכזיכטיקע אויגן, געקוקט אים גלייך אין פּנים אַריין און געוואַרט... איר אָפענער, גרויסער, רבנישער שטערן האָט זיך גערונצלט. ערגעץ אַרום מויל האָט געצוקט אַ מוסקול, זיך געלייגט אַ קנייטש פון ליידן און באַקלעמונג... הינדע?!... ער האָט נאָך קיינמאָל אַזוי הינדען נישט געזען... וואָס האָט זי נאָר וואָס געזאָגט?... „איך וועל אייך העלפן"... אים, דודן, וועט זי העלפן... און ער האָט דערפילט, ווי אַן אַלטער פאַרבאָרגענער געדאַנק איז אין אים אויפגעגאַנגען: הינדע וועט זיינע זיין...

און הינדע איז געוואָרן זיינע. דעמאָלט איז שוין ר' זיסל געווען אין אַ משוגעים-הויז אין ריגאַ, די מוטער האָט די שווערע קלעפּ נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. איר, זיסלס סוף, הינדעס חתונה מיט אַן אַרבעטער פון אויבן... ניין, שטאַרבן איז שוין

גרינגער... און זי איז געשטאָרבן. יאָסל און בן-ציון האָבן זיך אַרויסגעקליבן און זיך גענומען צו עפּעס אַ באַשעפטיקונג.

דער געלער מויער, וואָס האָט געהאַט אַ מיתה-משונה-קאָליר, האָט באַקומען אַ באַשטימט אויסזעען. דעמאָלט האָט מען אין שטעטל באַמערקט, ווי עס ווערט לעבעדיקער אויף דעם צווייטן שטאָק פון ר׳ זיסלס מויער. די פענצטער שטייען אָפן, מען הערט זינגען, נאָר אויך די פענצטער פון אונטערשטן שטאָק האָבן זיך געעפנט שפּאַן-אָפן... זיי האָבן גאָרנישט געהאַט מער צו פאַר-באָרגן. צירל, די עלטערע, איז אַנטלאָפן צו אַ קרוב. עס האָבן זי געשראָקן די אַרבעטער פון אויבן, די בחורים, וואָס זענען געוואָרן אָפטע געסט פון איר שוועסטערס מאַן, און געוואָרפן אויף איר בליקן... זי האָט פאַרלאָזט דעם מויער, איר געבורטס ווינקל, וואָס האָט אַן אַנדער קאָליר באַקומען. זי האָט זיך געשראָקן פאַר איר שוועסטער, וואָס איז אַריבער די מחיצה.

וועץ ציגנער רעדן.

כאַצקל איז געווען אַ זון פון אַ מיוחסדיקער, באַלעבאַטי־שער משפחה, וואָס האָט געלעבט מער פון איר יחוס, ווי פון איר עשירות.

ליבע איז געווען די איינציקע טאָכטער פון קיילע די דאַרע, וואָס איז זומער ווי ווינטער געזעסן אין מאַרק און פאַרקויפט פרוכט און באָב.

ווי ווייט קיילעס יחוס איז געגאַנגען האָט מען אין שטעטל נישט געוווסט. מען געדענקט נאָר, אַז מיט אַ צוואָנציק יאָר צוריק איז זי אַראָפּגעקומען מיט איר מאַן, וואָס האָט געהאַט אַן איידעלן אויסזען און קיין באַשטימטע באַשעפטיקונג. זי אַליין איז געווען אַ שלאַנקע און אַ שיינע. איגגיכן איז דער מאַן געשטאָרבן. זי איז פאַרבליבן מיט אַ טעכטערל און אַן אלמנה ביז היינטיקן טאָג.

ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבן זיך באַווייזן אויפן מאַרק, און זיך געוואָרפן אין האַנדל הין און הער, און ביסלעכווייז איז זי פאַרהושכט געוואָרן און באַקומען דעם נאָמען קיילע די דאַרע.

דאָס איז אַלץ, וואָס מען האָט געוווסט פון ליבעס צד. פון איר לעבן אַליין האָט מען נאָך ווייניקער געוווסט. זי איז גע־

דאַקסן ערגעץ אין אַ לאַך-שטיבל אין אַ זייטיק, בלאָטיק געסל, אומבאַמערקט פון גאָט און וועלט. ווער, מ'שטיינס געזאָגט, קוקט זיך דאָס אום אויף אַ יידיש קינד, וואָס איר מאַמע זיצט אויפן מאַרק?

ניין, נישט ריכטיק. גאָט האָט יאָ געמוזט האָבן אַן אויג אויף דעם קינד. פון דער נאַטור באַשאָנקען מיט די שענסטע קער-פער-ליניעס — און ווער ווייסט, אפשר אויך מיט אַ שיינעם גייסט? — איז דאָס מיידל אויסגעוואַקסן אין דעם פאַרוואָרפענעם בלאָטיקן געסל צו אַ שיינע פאָרנעמע יידישע טאָכטער.

און אַז ליבע איז אָפּגעווען אַ יאָר אין ריגאַ, בײַ פריינט, וווּ זי האָט זיך געלערנט אַ מלאכה, און צוריקגעקערט אויף פּסח אַהיים, האָט דאָס גאַנצע שטעטל זי פּלוצלינג באַמערקט און באַוווּנדערט.

„אַזאַ שיינע בלום איז אויסגעוואַקסן בײַ אַן אָרעמער מאַמען!" האָבן זיך די ווייבער נעהידושט און מיט חשד געקוקט אויף זייערע זין.

יאָ, מאַמעס פילן, אַז אַ מיידל, הויך און שלאַנק ווי אַ בעריאָזע, מיט אויגן, וואָס שניידן ווי מעסערס, אַ געזיכט צאַרט און רויק ווי מאַרמאָר, האָר ווי ראָבן-פליגלען און אַ גאַנג פון אַ שטרויס-פויגל, איז געפערלעך פאַר זין מיט יינג בלוט.

און אַז כאַצקל האָט ליבען פּסח דערזעען אין גאַס שפּאַצירן מיט אַ חברטע אין אָרעם, איז ער שטיין געבליבן, ווי אַ בליץ וואָלט אים געטראָפן.

„כאַצקל, וואָס איז דיר?" האָט אים פאַרוווּנדערט געפרעגט זיין כלה, וואָס איז מיט אים שטיין געבליבן.

כאַצקל האָט געשוויגן. ער האָט נישט באַגריפן, וואָס מיט אים קומט פאָר. אָט דאָרטן גייט אַ מיידל... אין דעם לייכטן רויש פון אירע טריט הערט ער זיין האַרץ קלאַפן... אָ, ווי שמערצלעך-זיס זיין האַרץ צאַפּלט זיך דאָרטן, ווו עס פאַרקלינגען אירע טריט...

„כאַצקל?...“

ער האָט דערוואַכט. ער האָט פּלוצלינג דערזעען בײַ זײַן זײַט אַ מיידל, אַ פרעמד מיידל, און נישט באַגריפן, וואָס טוט זי דאָ...

ערשט מיט אַ מינוט פריער האָט ער געוווּסט, געפילט, וואָס פאַר אַ שייכות דאָס מיידל דאָ האָט מיט אים, און איצט? ניין, ער ווייסט נישט, וואָס דאָ טוט זיך... ער הערט נאָר דעם לעצטן שאָרך פון ליבעס טריט...

„פּערל!“... ער האָט דערפילט אַ דריק אין זײַן אָרעם און ער האָט פּלוצלינג דערזען. יאָ, דאָ, לעבן זײַן זײַט, גייט פּערל זײַן קרובה, די יתומה, מיט וועלכער ער איז געוואַקסן צוזאַמען און פאַרקנסט געווען כמעט אין וויגל. ער האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס גראַד מוז פּערל זײַן בײַ זײַן זײַט און נישט יענע, ליבע, אָט דאָס הויכע, שלאַנקע מיידל, וואָס האָט אויף אים נאָר איין בליק געוואָרפן און אים מיט זיך אַוועקגעטראָגן...

און כאַצקל האָט שוין נישט גערוט. ער האָט אָנגעהויבן זיכן מיטלען באַקאַנט צו ווערן מיט ליבען, מיטלען, וואָס האָבן יאָ און נישט געפּאַסט פאַר זײַן יחוסדיקן נאָמען.

ער האָט זיך נישט איינמאָל פאַרגנבעט פון אָוונט אין יענעם נעסל, ווו ליבע האָט מיט איר מוטער געוווינט, דאָרטן, ווו זײַן פוס האָט ביז איצט זעלטן די ערד באַטראָטן. און ווי האָט ער זיך דערנידעריקט! ווי אָפט אין אַן אָוונט איז ער פאַר איר הויז פאַרבײַגעגאַנגען און אין פענצטער אַרײַנגעקוקט. און באַמערקט האָבן שכנים, אַז כאַצקל ר' יאָטלס פאָדערט עפּעס צופיל אַרום פענצטער פון ליבקע קיילע דער דאַרערס...

ס'האָט לאַנג נישט גענומען און כאַצקל האָט די שוועל פון ליבעס צימער באַטרעטן. ער האָט פאַר איר באַלד זײַן האַרץ געעפנט. און אַנטדעקט האָט ער, אַז אויך זי, ליבע, האָט וועגן אים געטראַכט און אויף אים אַרויסגעקוקט. שוין דעמאָלט, פּסח אין גאַס, ווען ער איז שטיין געבליבן אויף איר קוקן, האָט ער איר האַרץ געטראָפן... זי האָט אויך געפילט זײַנע בליקן הינ-

טער זיך און אירע טריט פאַרקלענערט. האָט ער עס דען נישט באַמערקט?...

יאָ, דאַכט זיך, אַז ער האָט עס באַמערקט.

יאָ, געוויס. שטורמיק האָבן זייערע הערצער געשלאָגן, ווען זייערע ליפּן האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַרירט. די מוטער איז גראָד געווען אַרויסגעגאַנגען עפּעס קויפן. דער קוש האָט געמעגט לאַנג געדויערן.

און אויב ווענט האָבן בכלל אויערן, האָבן זיי אין אַ קליין שטעטל אויך אויגן און צינגער. מען האָט שוין געהערט, געזען און דערציילט, וואָס צווישן כאַצקל ר׳ יאָסלס און ליבקע קיילע דער דאַרערס קומט פאָר...

אַ שטורם האָט אויסגעבראָכן אין הויז פון כאַצקעלס על־טערן. דער טאַטע האָט געסטראַשעט, די מאַמע האָט געוויינט, אַז זי קאָן די חרפּה נישט איבערלעבן. זי האָט געוואָרנט דעם זון, ער זאָל דאָס הויז נישט פאַרשוועכן. ווייסט דען כאַצקל פון וועמען ער שטאַמט? ניין. ער ווייסט נישט. ווען ער וואָלט געוווּסט, וואָלט ער זיך דאָך נישט געלאָזט פאַרפירן פון קיילע דער דאַרערס מויד... און ווו איז זיין וואָרט צו פעטערן? ער פאַרזינדיקט דאָך קעגן אַ יתומה. גאָט וועט אים דערפאַר האַרב שטראָפן.

אָבער דער גאַנצער שטורם, אַלע רייד און סטראַשונקעס זענען כאַצקלס אויערן פאַרבייגעגאַנגען. ליבעס געשטאַלט איז פאַר זיינע אויגן געשטאַנען, איר שטימע האָט אין זיינע אויערן געקלונגען. ער האָט נישט געקענט קיין אַנדערע זאַך זען, נישט געוואָלט פון עפּעס אַנדערש הערן.

מען האָט געפּראַוועט אַ שטילע חופּה, אַ פאַר־זיכדיקע חתונה. דער טאַטע איז פאַר חרפּה פון שטעטל אַוועקגעפאָרן. די מאַמע האָט אַ „קניפּ געטון די באַק, די פאַרב זאָל שטיין" און איז צו דער חופּה געקומען.

דאָס יונגע פּאָרל האָט זיך געדונגען אַ דירה אין אַ זייטיק געסל, באַר נישט אין אַזאַ שמוציקס און ענגס, ווי דאָס געסל, וווּ ליבע איז אויפגעוואַקסן.

די פרייד איז געווען פאַרפוילט, נאָר איינס האָט געפעלט: פרנסה.

באַם טאַטן אין הויז, אויב ס'האָט געפעלט עשירות, האָט מען צייטנווייז צוגעלעבט מיטן יחוס. דאָ, אונטער איין דאַך מיט קיילע די דאַרע, האָט מען מיט דעם נישט געקענט לעבן.

ס'איז געבליבן, אַז כאַצקל פאָרט נאָך אַמעריקע זוכן זיין גליק, דאָרטן, ווי פיל פונם שטעטל האָבן שוין געפונען.

מיט דריי חדשים שפּעטער איז שוין כאַצקל געזעסן אויף דער שיף, און דאָס יינגע ווייבל איז פאַרבליבן וואַרטן אויפן בריוו, געלט און אַ שיפסקאַרטע.

געהערט אָבער אַמעריקע צו די מדינות, וואָס גליק אין איר געפינט תמיד אַן אַנדערער. בריוו פון כאַצקלען זענען געקומען, נאָר געלט מיט אַ שיפסקאַרטע זיינען פאַרבליבן צווישן די פאַר־שפּרעכונגען.

ליבע האָט געוואַרט און זיך געקוויקט מיט כאַצקלס בריוו, פול מיט טרייסט־ווערטער און האָפנונגען. חדשים זענען געפלויגן, ווען־נישט־ווען האָט זי געזען פון אים אַ פּאָר דאָלאַר, נאָר אַ שיפסקאַרטע, האָט כאַצקל געשריבן, קאָן ער נישט שיקן, ביז ער וועט נישט שטיין פעסט מיט אַ „ביזנעס”, אַ געשעפט הייסט עס.

האָט ליבע געקלערט, אַז מען דאַרף בייהילפיק זיין און שפּאָרן די פּאָר דאָלאַר, וואָס ער שיקט איר. נאָר וואָס קאָן זי טון? האָט זי באַשלאָסן צו פאַרדינגען דעם צווייטן חדר צו אַ קוואַר־טיראַנט, אום איינצושפּאָרן כאָטש דירה־געלט.

אַ יינגער בחור, אַ גאַרבער, וואָס איז נישט לאַנג געווען גע־קומען פון דווינסק, האָט באַ איר דאָס צימער געדונגען מיט עסן און האָט אַ גוטן פּריז געצאָלט. באַלד האָט דער בחור אַ פּאָר פון זיינע חברים צו זיך געבראַכט און ליבע האָט שוין געקאָכט עסן פאַר זיי אויך.

האָבן ציינגער געגומען רעדן. כאַצקל האָט אָנגעהויבן באַ־קומען אַנאָנימע בריוו וועגן זיין פרויס אויפפירונג. סם איז אין

זיין בלוט אַריינגעגאָסן געוואָרן. נאָר ער האָט אויף זיין ליבען אַלץ נישט געוואָלט גלויבן.

נאָר אינגיכן איז אים אָנגעקומען אַ בריוו פון זיין מוטער, ווו זי האָט געשריבן „ליבער זון! דו האָסט אונז געגעבן די אויגן פאַרשוואַרצט... איך קאָן זיך פאַר מענטשן נישט באַווייזן. דאָס גאַנצע שטעטל קאָכט פון דער חצופה.. זי האָט זיך נישט גע־שעמט צו באַווייזן פאַר מענטשן מיטן גרויסן בויך... איצט איז זי אַוועקגעפאָרן זיך אויסליידיקן... קום צו פאָרן און איבערצייג זיך. באַפריי אונזער הויז פון דער חרפה..."

און כאַצקל איז געקומען אומדערוואַרט.

שוין דער פורמאַן, וואָס האָט אים פון באַן אַהיימגעבראַכט, האָט עדות געזאָגט, אַז זיין מוטער האָט דעם ריינעם אמת געשריבן. ער האָט מיטן פורמאַן וועגן דעם אפילו אַ וואָרט נישט גערעדט. נאָר ער האָט אין זיינע אויגן און רחמנותדיקן שאָקלען מיטן קאָפּ דערקענט, אַז אַלץ, אַלץ איז אמת...

כאַצקל איז צו די עלטערן אַריינגעפאָרן און געלאָזט שיקן דעם רבס שמש נאָך ליבען, זי זאָל קומען צום רב...

זי איז געקומען. אַליין מיט איר שטאָלץ און שאַנדע איז זי געקומען. כאַצקל איז שוין געזעסן אין דער באַגלייטונג פון טאַטע־מאַמע אין רבס חדר. ווען זי האָט די טיר געעפנט, איז אַלץ אין הויז שטיל געוואָרן. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט... כאַצקלען האָט זיך געדאַכט, אַז זיין האַרץ איז שטיין געבליבן... אויך זי, ליבע, איז אין דער אָפענער טיר געבליבן שטיין און אַ צייט די טיר הינטער זיך נישט פאַרמאַכט... ווי מאַיעסטעטיש זי איז דאָ געשטאַנען! אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז פאַר דער צייט נאָך יינגער און שענער געוואָרן... אירע בלייכע באַקן האָבן געמאָנט און געפאָדערט אַ קוש... יאָ, אָט דערהייבט ער זיך און פרעסט אָפּ אַ קוש אויף אירע באַקן... זיי וועלן זיך רויטלען... זי וועט אויסקוקן שיין... און דעמאָלט?... ער ווייסט נישט, וואָס דעמאָלט וועט זיין. ער פילט נאָר, די כוחות פאַרלאָזן אים... כמעט צוויי יאָר האָט ער זיין ליבען נישט געזעען... און איצט שטייט זי דאָ

פֿאַר אים אַזאַ שלאַנקע און שטאָלצע, מיט אַזאַ מאָדנעם רייץ אין קערפּער, און ער קאָן צו איר אפילו די האַנט נישט אויסשטרעקן... פֿאַ וואָס? . זי האָט געזינדיקט... מיט אַ פֿרעמדן מאַנסביל געזינדיקט... אָט דער שיינער קערפּער, אָט די שטאָלצע פֿרוי האָט געזינדיקט?... קאָן דאָס זיין?... ווייסט ער דען? אַזוי זאָגן אַלע... אָבער ער פֿילט עס נישט... פֿאַרוואָס פֿילט ער עס נישט?... פֿאַרוואָס ציט אים אַזוי צו איר? פֿאַרוואָס?...

עמעץ האָט דעם רב צוגעאיילט, ער זאָל תּיכּף דורכפֿירן דעם גט. דער רב האָט זי געפֿרעגט:

„טאָכטער, וואָס האָסטו דערויף צו זאָגן?"

זי האָט געענטפֿערט:

„גאָרנישט, רבי... אַז „ער" וויל אַ גט, וויל איך אויך..."

כאַצקל האָט דערפֿילט אַ ריס אין האַרץ און ער האָט שיער־שיער נישט אויסגעשריגן, אַז ס'איז אַ ליגנט, אַז ער וויל גאָר קיין גט נישט... אַז ער ווייסט אַליין נישט, וואָס ער וויל און וואָס מיט אים טוט זיך... די ווערטער זענען אים אָבער אין האַלז שטעקן געבליבן, די האַנט האָט די פֿעדער נישט געפֿילט, די אויגן האָבן די אותיות נישט געזען, ווען ער האָט זיין נאָמען אויף דעם גט געחתמעט.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט צו כאַצקלס אויערן דערגרייכט דאָס נייעס, אַז ליבע האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייכן סוחר פֿון דווינסק. און אין אמתן האָט ער זי, ליבען, אין אַ פֿאַרנאַכט געזען פֿאַרבייגיין זייער הויז אין דער באַגלייטונג פֿון אַ מיטל־ווּקסיקן ייִנגנמאַן, שיין געקליידט און אין עלטער פֿון עטלעכע און דרייסיק. זי איז געגאַנגען אַזוי שטאָלץ און רויִק ווי שטענדיק. עפּעס האָבן נאָר אירע אַקסלען אַ לייכטן ציטער געטון, ווען ער האָט די גאַרדין פֿון פֿענצטער אַ ביסל פֿאַרבויגן... איר געזיכט איז געווען בלייענד־פֿאַרביקער, ווי דעמאָלט באַם רב... און ער, דער מאַן? ווי גליקלעך, ווי צופֿרידן ער האָט אויסגעקוקט!... ווייסט ער דען נישט, אַז די פֿרוי, וואָס מאַכט

אים גליקלעך, האָט געהערט צו אַ מאַן און אויך צו אַנדערע מע־
נער ?... יאָ, ער ווייסט עס... און דאָך איז ער אַזוי גליקלעך...
פאַרוואָס האָט ער, כאַצקל, נישט געקענט איצט זיין בײַ דער זייג
פון אָט דער פרוי און זיך אויך פילן גליקלעך ?..
פאַרוואָס ?...

יונג בלוט.

פיל יאָרן זענען זייט יענער צייט אַוועק. איך האָב אָן דעם עפּיזאָד, וואָס איך גיי איצט דערציילן, לאַנג געהאַט פאַרגעסן. בשעתו האָב איך וועגן אים פיל נאָכגעטראַכט און עס פּשוט נישט באַגריפן. אין די רייען יאָרן האָב איך זיך איינציקע מאָל אָן אים דערמאָנט און זיך פאַרטראַכט. איצט האָט אַ גאַנץ צופעליקן זאַך מיך אָן אים דערמאָנט און איך האָב דערפילט, אַז ער ליגט טיף איינגעקריצט אין מיין נשמה, אַז ער וועט נישט צעשווומען ווערן אין מיר, איך וועל אים אייביק מוזן מיטטראָגן ביז, אפשר, איך וועל אים אייך דערציילן...

איך בין דעמאָלט אַלט געווען נישט קיין פולע זעכצען יאָר, קערפּערלעך אַנטוויקלט פאַר אַ פּאָר יאָר מער. האָב אָבער וועגן דער וועלט געוווּסט נישט מער פון אַן אַכטיעריק אַנטוויקלטן ייִנגל פון היינט,

איך האָב געלערנט אין אַ ישיבה אין איינעם פון די אָנגעזעענע ליטווישע שטעטלעך, אויף דער גרענעץ פון קורלאַנד, אַ מייל צוואַנציק פון מיין געבורטס־שטעטל ב. קיין טעג האָב איך נישט געגעסן. מיינע עלטערן זענען געווען ווייט פון רייך, באַר דער איינגעבוירענער שטאָלץ פון דער גרויסער יחוסדיקער משפחה האָט זיי נישט דערלאָזט, דאָס זייער זון זאָל עסן טעג אַפילו צוואַנציק מייל ווייט פון דער היים.

צו יענער צייט איז אין דער ישיבה אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע השכלה=באַוועגונג. מען האָט בסתר און אויך בפרהסיה געלעזן העברעישע ביכער. געלערנט שפּראַכן און דיסקוטירט אפּיקורסותדיקע פראַגן. איך בין פון דעם שטראָם פאַרכאַפּט געוואָרן, און אין אַ קורצער צייט האָב איך פאַרשלונגען אַלע העברעישע ביכער פון דער אָרטיקער ביבליאָטעק.

אין דעם שטעטל איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען... — נאָר צו וואָס זאָלט איר זיין נאָמען וויסן? — עס וועט אייך גענוג זיין, אַז איר וועט וויסן, אַז דער ייד איז געווען אַ האַלבער אַדוואָקאַט, אַ האַלבער סוחר, געהאַט אַ שטיקל ידיעה אין דאָקטאָריע, און אינזיינעם איז דאָס געווען אַ גרויסער דריי=קאָפּ, געהאַט אַ האַלב שטעטל יידן בײַ זיך אין קעשענע און געפירט אַ רייך אַריסטאָקראַטיש הויז. זיינע קינדער האָט ער געשיקט לערנען אין די גימנאַזיעס אין ריגאַ. אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, מיטן נאָמען אידאַ, איז שוין געווען צוריקגעקערט פון דאָרטן אַ געענדיקטע, אַ ייִנגל האָט נאָך דאָרטן געלערנט. בײַ זיך אינדערהיים, פלעגט מען דערציילן, הערט מען קיין אַנדער לשון נישט רעדן אַ חוץ דייטש. דער ייד האָט נאָך געהאַט אינדערהיים צוויי ייִנגלעך פון אַ יאָר צען און צוועלף, וועלכע פלעגן אַרויסגיין אין גאַס פריציש אָנגעטאָן, מיט דעם דאָקטאָרס קינדער צוגלייך, און זעלטן פלעגט מען זיי זעען אין גאַס אָן דער באַגלייטונג פון דער שוועסטער אָדער אַ דינסט. די פרוי זיינע האָט מען אין גאַס געזען זייער זעלטן, ווייל זינט עטלעכע יאָר, האָט מען דערציילט, קרענקט זי און ליגט מער צו בעט, ווי זי גייט אַרום.

איינמאָל, ווען איך בין געשטאַנען אין דער אָרטיקער לייביבליאָטעק און געקליבן פאַר זיך אַ העברעיש בוך, איז אַריינגעקומען דער ייד און געפרעגט דעם ביבליאָטעקאַר, אויב ער קען אים נישט פאַרשאַפן אַן אָנשטענדיקן ייִנגנמאַן, אַ העברעער, וואָס זאָל קענען געבן פּריוואַט=שעהן זיינע ייִנגלעך. ער וויל אָבער דער לערער זאָל נישט זיין קיין אָפּגעלאָזענער ישיבה=בחור, נאָר זאָל האָבן אַ לייטישן אויסזעען אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר זיין הויז. דער ביבליאָטעקאַר האָט אים, אַפּנים, אָנגעוויזן אויף מיר. זיי האָבן

עפּעס שטיל גערעדט און איך בין צוגערופן געוואָרן. איך האָב נישט געהאַט פיל צו רעדן. פאַר מיר האָט שוין גערעדט דער ביבליאָטעקאַר, וועלכער האָט מיך געלויבט אין זיבעטן הימל אַלס אַ גרויסן העברעער. איך האָב צו אַלץ מסכּים געווען, נישט געפרעגט וועגן פּרייז, נאָר ווען און וועלכע טעג איך באַדאַרף קומען. דריי מאָל אַ וואָך האָט דער ייד געפונען פאַר גענוג, צו וואָס דער ביבליאָטעקאַר האָט אויך מסכּים געווען.

איך וועל דאָ נישט שילדערן מיט וואָס פאַר אַ קלאַפּנדיק האַרץ איך האָב דאָס ערשטע מאָל אָנגעקלונגען אין דעם הויף פון אַט דעם אַריסטאָקראַטישן ייד. דאָס איז נישט וויכטיק. אַ דינסט האָט מיר געעפנט די טיר, האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ זייטיקן קליינעם צימער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין גאָרטן. די קינדער זענען אַריינגעקומען, האָבן זיך העפלעך פאַר מיר פאַרבויגן, געזאָגט אַ קלינגענדיקן דייטשישן „גוטען טאָג!“ און דאָס לערנען האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ נייער, פון מיר געבראַכטער מאָדערנער העברעישער מעטאָדע. דעם אמת זאָגנדיק האָב איך זיך שטאַרק געשעמט פאַר מיינע „דייטש-שפּרעכנדע“ תּלמידים מיט מיין פּשוטן יידיש, בפרט נאָך, אַז דאָס וועט געוויס געוויר ווערן די שוועסטער זייערע אידאַ, וואָס האָט געענדיקט אַ גאַנצן גימנאַזיום אין ריגאַ..

בעת די ערשטע פאַר לעקציעס האָב איך קיינעם אין הויז נישט געזען. בײַ מיין קומען און אַוועקגיין איז די דינסט געווען דער איינציק לעבעדיקער מענטש, וועמען איך האָב אין הויז געטראָפן אַ הוץ מיינע תּלמידים.

אויף דער צווייטער וואָך האָט פּאַסירט, דאָס בעת איך בין, נאָך דער שעה, דורכגעגאַנגען דעם זאַל אויפן וועג צו דער הויזטיר, איז אידאַ דאָרט געזעסן אויף אַ וויג-שטול און געלעזן אַ בוך. אין דעם מאָמענט, וואָס איך האָב זיך אין דער אָפענער טיר באַוויזן, האָט זי דעם קאָפּ אויפגעהויבן און מיך ברייט אָנגעקוקט. איך האָב זי געגריסט, באַרירט שעמעוודיק מיט צוויי שפּיץ פינגער דעם ראַנד פון מיין הוט און זי האָט מיר שטום און פריינדלעך געענטפערט. און כאָטש זי האָט דעם קאָפּ באַלד אין בוך צו

ריק באהאלטן, האָב איך אָבער געפילט, ווי אירע בליקן באגלייטן מיך ביז צו דער טיר אַרויס...

שפּעטער האָט פּאַסירט, דאָס בשעתן לערנען האָט אידאַ אָנגעקלאַפּט באַ אונז אין טיר, זיך אַנטשולדיקט, וואָס זי שטערט אונז. זי דאַרף זייער נייטיקס צו נעמען אין דעם צימער... איך האָב נאָכגעקוקט ווי זי זוכט דאָ אין קאָמאָד, דאָ ערגעץ אַנדערש, און עפּעס איז איר שווער צו געפינען וואָס זי זוכט... מערערע מאָל, בשעתן לערנען, האָבן זיך צו אונז אין צימער אַריינגעטראָגן שטאַרקע אַקאָרדן פונם זאַל. דאָס האָט אידאַ געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ.

איינמאָל, נאָך אַ שעה, האָב איך אין זאַל באַגעגנט אידאַן. מיר האָבן זיך באַגריסט. זי האָט מיך אָפּגעשטעלט מיט אַ שמייכל:

„לערנען די קינדער פלייסיק, הער מירטעל?"

איך האָב געענטפערט:

„די קינדער זענען זייער פלייסיק. אויף זייערע קעפּלעך קאָן מען זיך אויך נישט באַקלאָגן".

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ געשפּרעך. זי האָט גערעדט ריין דייטש און איך אַ געבראָכענעם יידיש מיט געמישטע דייטשישע ווערטער (איך בין זיך מודה, אַז צייט איך האָב אָנגעהויבן באַזוכן דאָס הויז, האָב איך געלערנט דייטש פון אַ מעטאָדע). זי האָט מיך אויסגעפרעגט, וואָס איך טו, וואָס איך לערן, צו וואָס איך שטרעב. איך האָב נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. מיינע עלטערן האָבן פון מיר געוואָלט מאַכן אַ רב. מיינע געדאַנקען זענען שוין געגאַנגען אין אַן אַנדערע ריכטונג. וווּהין?... ווייט און פאַרנעפּלט איז דער וועג געלעגן. איך האָב געבליקט אין דער ווייטקייט און געשוויגן. איך האָב באַשטימטט פאַר זיך נישט געזעען. ווי לאַנג איך האָב זיך אַזוי פאַרטראַכט, געדענק איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז איך האָב פּלוצלינג דערפילט איר וואַרעמען הויך אויף מיין האַלז, אויף מיין ברוסט... איך האָב אויפגעבליקט. אין דעם מאָמענט האָט זי אָפּגעקערט דעם קאָפּ און זיך פאַרקוקט אויף דעם זינג-פייגעלע אין שטייגל, וואָס איז דערביי איבערן פענצטער געהאָנ-

נען. דאָס פּיגעלע איז אַרומגעפֿלויגן און געצוויטשערט, זיך גע־ייסן אינדרויסן. זי האָט אַ קלאַפּ געטון מיט אַ פֿינגער אָן שטייגל און אויסגערופֿן: „אָרמעט ווערזען...“

באַלד נאָכדעם האָט זי זיך אומגעקערט צו מיר און גערעדט אין מעסיק־רויקן טאָן פֿון פֿריער. זי האָט מיר פֿאָרגעשלאָגן, אויב איך וויל, וועט זי מיט מיר לערנען רוסיש און דייטש. צוויי מאָל אַ וואָך האָט זי צייט. איך בין פֿון דעם פֿאָרשלאָג אַזוי איבער־ראַשט געוואָרן, אַז איך האָב פֿאַרגעסן צו דאַנקען. אונזער לערנען האָט זיך אָנגעהויבן. איך מוז צוגעבן, אַז ס'איז צוגעגאַנגען זייער פּינקטלעך און שטרענג. זי פֿלעגט זיך אַפֿילו בייזערן, ווען איך האָב נישט אַזוי ריכטיק געמאַכט מיין לעקציע.

מיר פֿלעגט אויסקומען צו זיין אין הויז ס'רוב פֿאַרנאַכט. אידאַ האָט מיך אָפֿט איינגעלאַדן צו טיי. אין עס־צימער האָט שוין אויף מיר געוואַרט טיי, קוכן און זאַפֿט. טרינקען פֿלעג איך גע־ווינלעך אַליין. אַ פּאָר מאָל נאָר האָט פּאַסירט, דאָס איך האָב אין עס־צימער געטראָפֿן די קראַנקע מוטער, וועלכע פֿלעגט מיך שטאַרק בעטן, איך זאָל די קינדער מאַכן פֿאַר יידן.

איינמאָל, דאָס איז געווען נאָך אַ העברעיִשער שעה, זאָגט מיר די דינסט, אַז טיי וואַרט אויף מיר אין עס־צימער. איך בין אַריינגעגאַנגען, און ווי תּמיד האָב איך זיך דערפֿילט איינזאַם אין טונקעלן צימער. באַלד אָבער איז אַריינגעקומען אידאַ און זיך פֿריינדלעך מיט מיר באַגריסט, אָן, נאַטירלעך, די האַנט צו געבן. זי האָט זיך אָנגעגאָסן טיי, איז צוגעגאַנגען צום בופֿעט, אַרויסגע־נומען ליקער מיט צוויי גלעזלעך, אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן טיש און אָנגעגאָסן. איך האָב שטום און פֿאַרשעמט צוגעקוקט. זי האָט זיך געזעצט אַנטקעגן מיר פֿון דער צווייטער זייט טיש. זי האָט אויס־געקוקט צו זיין פֿון עפּעס פֿאַרשיכורט. זי האָט מיך אָנגעקוקט און געפֿונען, אַז די האָר זענען היינט בייַ מיר גאָר שענער פֿאַרקעמט ווי אַלע מאָל... זי האָט אַריינגענומען איר גלעזל ליקער אין האַנט, געהייסן מיר נעמען מיין גלעזל, האָט אָנגעקלאַפּט „לחיים“, און מיר האָבן אויסגעטרונקען... זי, אַלס פֿרוי, אַ פֿערטל גלעזל, איך אויס העפֿלעכקייט — אַ האַלבס...

זי האָט אויף איר שטול ניִשט געקאָנט איינזיצן. אירע באַקן האָבן געברענט, די אויגן אומהיימלעך געשמייכלט, די ליפּן געציטערט, די נידריקע ברוסט זיך האַסטיק געהויבן און איר גאַנצע, קליינע, כובטעלע פיגור האָט זיך געקאָרטשעט און געשלענגלט. זי האָט עפּעס געמורמלט, געקוקט אַלץ צו מיר, גערעדט, דאַכט זיך, אומפאַרשטענדלעכע און נאַרישע ווערטער. איך האָב גאָרניִשט באַגריפן, געקוקט אויף איר מיט אומשולדיקע אויגן, און ס'האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, פאַרוואָס זי זעט אין דעם מאָמענט אויס אַזוי נאַריש... לאַנג האָט עס ניִשט אָנגעהאַלטן. זי האָט זיך פלוצלינג אויפגעהויבן פון איר אָרט און אָן אַ וואָרט פאַרלאָזט דאָס צימער...

נאָך דעם טאָג האָט זיך אידאַ געהאַלטן אַזוי ווי ס'וואָלט גאָרניִשט פּאַסירט. איך האָב גראָד נאָכגעטראַכט וועגן איר מאָדנע אויפפירונג בײַ דער טיי, איר רויקע און שטאָלצע האַלטונג דערנאָך האָט אָבער פאַרטריבן אין מיר יעדן זייטיקן געדאַנק. נאָר מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט פּאַסירט דאָס, וואָס איך וויל אייך אייגנטלעך דערציילן.

איר מוטער, וועלכע האָט זייט יאָרן געקרענקט, איז פלוצלינג געפערלעך קראַנק געוואָרן. דער אָרטיקער דאָקטאָר האָט איר אָפּגעזאָגט. אַ ספּעציאַליסט, וואָס איז געברענגט געוואָרן פון ריגאַ, האָט אויך קיין גרויסע האָפנונגען ניִשט געגעבן. די קראַנקייט איז געווען אַ שווערע און פאַר דער קראַנקער אַ פּיינלעכע. זי האָט שרעקלעך געליטן. אידאַס נערוון האָבן ניִשט אויסגעהאַלטן. אָפט פלעגט זי דערנאָך אַליין ליגן בײַ זיך אין צימער מיט אַ קאַלטן טוך צום קאָפּ. איך האָב דאָס הויז ניִשט אויפגעהערט באַזוכן. אַרײַנקומענדיק איינמאָל, אין אַ נאָכמיטאָג, געוויר ווערן, האָט די דינסט, בײַם עפענען מיר די טיר, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, אַז די ווירטין האַלט שלעכט. דערבײַ האָט זי מיר דערציילט, אַז אידאַ האָט אַ גאַנצע נאַכט געוואַכט אַרום דער מוטערס בעט און דאָס זי ליגט איצט בײַ זיך אין צימער זייער קראַנק. אויב איך וויל קען איך צו איר אַרײַנגיין. איך האָב לייכט אָנגעקלאַפּט אין טיר,

און דערהערנדיק אַ שטילן „קומט אַריין״ בין איך אַריין צו אידאַן אין צימער.

זי איז געלעגן אויף איר בעט, האַלב געקליידט, בלייך, מיט צוגעמאַכטע אויגן, די הענט איבער איר קאָפּ, איר נידעריקע ברוסט האָט זיך קוים באַוועגט. איך האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול לעבן איר בעט, און כאָטש איך האָב אַ וואָרט נישט אויסגערעדט, האָט עס געשיינט, אַז זי ווייסט, ווער עס האָט דאָס צימער באַטרעטן. איך האָב געפילט איר וואָס צו זאָגן, צו טרייסטן, און איך ווייס נישט ווי אַזוי, נאָר איך האָב לאַנגזאַם איר האַנט אָנגענומען. איר האַנט איז קאַלט געווען. זי האָט פּלוצלינג מיט פאַרמאַכטע אויגן אויסגערופן:

„אַך, גאָט! וואָס קוועלט זי זיך אַזוי לאַנג!...״

דאָס פאַרמוטשעטע קינד האָט פון דער גוסטדיקער מוטער געטראַכט.

דערביי האָט זי געמאַכט אַ באַוועגונג מיט די הענט און איז געבליבן מיט געפּרעסטע ליפּן אין אַ צושטאַנד פון אָנמאַכט. איך האָב זיך נישט פאַרלוירן. אין ווינקל איז געשטאַנען אַ שיסל וואַסער, האָב איך עס צום בעט צוגעטראָגן, אַריינגעשטעקט אין דעם אירע הענט, דערנאָך האָב איך מיט אַ האַנטוך איר די הענט געטריקנט און האָב זיי אין מיינע געהאַלטן. שרעקלעך קאַלט זיינען אירע פינגער געווען. איך האָב זיי געוואַרעמט. בלייך, קאַלט און אויסגעמוטשעט איז פאַר מיר דאָס מיידל געלעגן. איך האָב געוואָלט זי טרייסטן און נישט געוווסט מיט וואָס. און דאָ דערפיל איך, ווי אירע הענט הויבן אָן וואַרעמער ווערן... זיי בריען מיינע פינגער... אירע בלייכע באַקן רויטלען זיך... די ליפּן באַקומען פאַרב און די מויל־מוסקולן ציטערן. זי עפנט די אויגן, קוקט מיך אָן, לייגט אַרויף אַ האַנט אויף מיין האַלז און מורמלט:

„אַך, הער מירטעל, ווי גוט איר זייט!...״ זי ציט מיך צו זיך... קושט מיינע ליפּן, מיין שטערן, מיינע אויגן... עפּעס גליטשט זיך אויס אונטער מיינע פיס און אך פאַרליר זיך...

פון קראַנקן־צימער אין ווייטן פליגל האָט זיך דערהערט אַ געוויש... איך בין צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי אויפגעעפנט און

מיט שרעק באַמערקט, אַז זי איז געווען נישט פאַרשלאָסן... די דינסט איז פאַרבייגעלאָפן און האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. איך האָב אין דער האַנט-באַוועגונג דערקענט דעם צייכן פון טויט... איך האָב צוריקגעקערט צום בעט, ווו אידאַ איז געלעגן ווי אין אַ חלום, מיט צוגעמאַכטע אויגן. איך האָב זי באַ דער האַנט אָנגענו־מען. זי האָט די אויגן לאַנ.זאַם געעפנט און מיך ברייט אָנגעקוקט. אַ קוואַל פון לעבנס-פרייד האָט פון ז.ירע אויגן אַרויסגע־שטראָמט... איך האָב פאַרשעמט און מיט אַ געזונקענעם קאָפּ אַרויסגעמורמלט:

„דיליידן דאַרט האָבן זיך געענדיקט...“

„גאָט צו דאַנק !...“ — האָט זי אויסגערופן, און פעסטער מיין האַנט געדריקט.

דאָס אַמעריקאַנער מיידל.

די ערשטע גרויסע עבירה, וואָס האָט זיך שוין געציילט אויף מיין חשבון און נישט אויף טאַטע-מאַמעס, בין איך באַגאַנגען צו-ליב אַ מיידל.

און געשעען איז עס אין אַזאַ מוראדיקן טאָג ווי ראש-השנה.

איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר פערצען. דאָס מיידל, וואָס האָט מיך געבּרענגט צו דער עבירה אום ראש-השנה, האָט אויך געמוזט זיין אין מיין עלטער.

דאָס מיידל איז געווען אין אונזער שטעטל אַ פנים חדשות. זי האָט זיך צו אונז אַראָפּגעלאָזט פון אַן אַנדערע וועלט, האָט אונז, יינגלעך, איבערראַשט און געמאַכט אונז חלומען פון נייע וועלטן... זי איז געווען אַ קינד פון אַמעריקאַנער „פריידיס".

צום ערשטן מאָל האָט זיך דאָס אַמעריקאַנער מיידל באַוויזן מיט איר פאָטער, אַ הויכער, דאַרער ייד, מיט אַ שפּיציק בלאָנד בערדל, וועלכער האָט זי געבּראַכט צו פירן אין שטעטל אויף אַ פור, קענטיק פון אַ דאָרף, צוזאַמען מיט נאָך אַ קלענער מיידעלע און אַ יינגל. זיי זענען אַריינגעפאָרן צו לייבע דעם שענקער.

עס איז געווען אַ שיינער זומער-פאַרנאַכט.

איך האָב דעמאָלט אַרומגעשפּאַצירט מיט מיין חבר אַלבערט. דעם צאָן-אַרצטס זון, איבער דעם מאַרק פון שטעטל, נאַשנדיק פּרוכטן און שטיפנדיק גלאַט אין דער וועלט אַריין. אַז מיר האָבן דערזען דאָס מיידל אויף דער פור, זענען מיר שטיין געבליבן

פאַרגאַפטע און איינער דעם אַנדערן זיך אַ צופּ געגעבן פאַר׳ן אַרבל.

„דו זעסט ?...״

„איך זע...״

דאָס רונדע, אָפענע געזיכט פונם מיידל, אירע גרויסע, בלויע, לאַכנדיקע אויגן, דאָס זאַפטיקע, אָפענע מיילעכל, וואָס האָט אַנטפּלעקט צוויי רייען ווייסע פּערל־ציין, די רונדע, פולע שול־טערן, די האַלב־נאַקעטע עלנבויגנס, איר שטיפערישס זיצן אויף דער פור און דאָס קוקן אויף אונז, ווי מיר וואָלטן שוין יאָרן באַ־קאַנט געווען, — דאָס אַלץ האָט אונז, צוויי קליינשטעטלדיקע יינג־לעך, אַזוי שטאַרק איבערראַשט, אַז מיר זענען שוין נאָכגעגאַנגען די פור, ווי אַנגעצויגענע מיט שטריק...

מיר האָבן באַלד זיך דערוווּסט, אַז דער ייד הייסט הירשע סקייזגערער, — אַזוי האָט מען אים טאַקע אַמאָל גערופן, ווייל זיין טאַטע און טאַטנס טאַטע האָבן געהאַלטן אַ שענק אין דעם דער־בייאיקן דאָרף סקייזגערע, — אַז ער איז מיט יאָרן צוריק אַוועק־געפאָרן נאָך אַמעריקע, האָט דאָרט חתונה געהאַט, איז רייך גע־וואָרן, און אַזוי ווי זיין פרוי איז אים אָפּגעשטאָרבן און די קינ־דער וואַקסן אויס גוים, איז ער אַראָפּגעקומען צוריק אַהיים, כּדי זיינע קינדער צו מאַכן פאַר יידן.

דער ייד האָט אין פלוג אויף מיר געמאַכט אַ שווערן, אומ־אָנגענעמען איינדרוק. נאָר דאָס וואַרפן אַ רייכטום אין אַמעריקע און דאָס אַראָפּקומען אַהיים אויף צו מאַכן די קינדער פאַר יידן האָט אין מיר אַרויסגערופן אַן אָפּשיי פאַר אים... און דאַן האָט ער דאָך עפּעס אַ טאָכטער, אַ יידיש מיידל, מיט אַ פּריציש אויסזען...

פאַרשטייט זיך, אַז איך מיט מיין חבר אַלבערט האָבן נאָך דעם אייגענעם טאָג געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט דעם אַמעריקאַנער מיידל. נאָך זיצנדיק אויף דער פור, האָט זי אונז צוגעלאַכט און צוגעשמייכלט, און אַז די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן לייבע דענס שענקערס טיר, האָט זי אַ האַסטיקן שפרונג דערלאַנגט אויף דער ערד, איז צוגעלאָפן צו אונז און, אָננעמענדיק ביידע פאַר די

הענט, האָט זי געזאָגט יעדן באַזונדער אין אַ געבראָכענעם יידיש...

„דו נישט אוועקגיין... איך וויל, דו בלייבן דאָ..."

דערביי האָט זי אַרויסגעזאָגט נאָך עטלעכע ווערטער אין ענגליש, וואָס מיר האָבן שוין נישט פאַרשטאַנען. נאָר דער העלער שמייכל אויף איר ליכטיקן פּנים און די פרייד פון אירע אויגן האָבן געציינט, אַז זי מיינט גוט.

איך האָב זיך דערפילט מאָדנע. די באַרירונג פון אַ מיידלס האַנט, דאָס הערן „דו" פון אַ מויל, וואָס איז פרעמד און שיין, דאָס בעטן צו בלייבן מיט איר, — דאָס אַלץ האָט מיך אַזוי צעטומלט, אַז איך האָב נישט געוווסט, אויף וועלכער וועלט איך בין...

איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף מיין חבר אַלבערט און האָב אים נישט דערקענט. אַלבערט איז געווען אַ ביסל יינגער פון מיר, נאָר אין „הלכות נשים" איז ער געווען אַ גאַנצער למדן. פונוואַנען ער האָט די למדנות גענומען, ווייס איך נישט; איך ווייס נאָר, אַז יעדעס מאָל פלעג איך פון אים דערפאַרן עפּעס נייעס. דאָס איז געווען אַ בלאָנד, מאָגער יינגל, הויך געוואַקסן, אַ פרעך געזיכט, און פלינק אויף לשון. וועגן מיידלעך האָט ער נישט אויפגעהערט רעדן.

אַלבערט איז געשטאַנען פאַר דעם מיידל מיט פאַרדרייטע פיס, אַ צעשמאָלצענער, דאָס פּנים נאַריש-פריילעך, האָט גערדרייט מיט דער צונג, געפּאַטשט מיט די ליפּן, נאָר געזאָגט האָט ער גאָר נישט. פּלוצלינג האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר ענגלישע ווערטער, וואָס ער האָט זיך געהאַט אויסגעלערנט פון זיין טאַטן, וועלכער איז געווען נישט לאַנג צוריקגעקומען פון זיד-אַפריקע, און פלעגט שיטן ענגלישע ווערטער.

דאָס מיידל איז פּלוצלינג ערנסט געוואָרן, האָט זיך אויסגעדרייט פון אונדז ביידע, זיך געשטעלט אין אַ ערווירדיקער דערווייטערונג און זיך ווענדנדיק צו אַלבערטן, האָט זי געזאָגט:

„דו יו ספּיק אינגליש?"

דער אָרעמער אַלבערט איז רויט געוואָרן, האָט זיך נאַריש צעלאַכט און געזאָגט:

„ניין, מער קען איך נישט..."

דעם מיידלס פּנים איז ווי טרויעריק געוואָרן, זי האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט, קוקנדיק מיט פאַרנעפּלטע אויגן אין דער ווייט־קייט אַריין... נאָר באַלד איז דער וואָלקן פאַרשוווּנדן און איר פּנים האָט ווידער געשמײַכלט.

מיר האָבן פאַרבראַכט מיט דעם מיידל ביז שפּעט אין אָוונט. די גאַנצע צייט האָט זי געהאַלטן אין איין רעדן און פּלוידערן און דערציילן מעשיות. ווי שלעכט זי האָט גערעדט יידיש, האָט זי דאָך נישט געוואָלט אָפּזאָגן זיך פון דעם פאַרגעניגן צו רעדן. זי האָט אונז דערציילט פון דעם שיינעם „קאָנטרי־שטעטעלע" אין אַמעריקע, ווו זי איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן, פון דעם לעבן דאָרטן, פון אירע פריינט און חברטעס, פון די פעלדער, טייכן און בערג, וואָס רינגלען דאָס שטעטל אַרום, און וועגן אַלץ האָט זי גערעדט אַזוי גלייך, רויק, אָן אַ טרויעריקע נאָטע אין איר שטימע. ווען־נישט־ווען איז זי פּלוצלינג שטיל געבליבן און זיך אויף אַ רגע פאַרקלערט. וועגן דעם לעבן אין דאָרף סקייזגערע האָט זי נישט געוואָלט פיל רעדן. קענטיק, אַז איר פאָטער האָט איר אַזוי פאַר־זאָגט... זי האָט נאָר געהאַט איין פראַזע: „מאַמע געשטאָרבן, פּאַפּאַ וויל מיר זאָלן זיין „היער"...

ביז ראש השנה, דעם טאָג, ווען איך בין די עבירה באַגאַנגען, האָב איך זיך מיט דעם אַמעריקאַנער מיידל געהאַט געזען נאָך אַ פּאָר מאָל. יעדעס מאָל האָט זי מיך און אַלבערטן באַגעגנט פריינטלעך, שפּילעוודיק, אָבער מיט אַ געוויסער קאַלטקייט, וואָס איז פאַר אונז, קינדער פון דער ליטאַ, נישט געווען באַגרייפלעך. אַ קאָמבינאַציע פון פריינטשאַפט און קאַלטקייט איז געווען פרעמד אונזער נאַטור. אמת, אַלבערט האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק וועגן דעם, איך האָב זיך אָבער געפונען באַליידיקט.

ראש השנה, — ס'איז דאַכט זיך געווען דער צווייטער טאָג, — האָב איך מיט אַלבערטן זיך געלאָזט גיין באַלד נאָכן עסן פאַרביי לייבע דעם שענקערס הויז. מיר האָבן איינער דעם צווייטן נישט געזאָגט, אַז מיר ווילן באַגעגענען לילי (אַזוי האָט דאָס אַמעריקאַנער מיידל געהייסן). ס'איז געווען אַ פאַרשטענדלעכע זאַך. לילי,

איז אין פענצטער געשטאַנען. אירע אויגן האָבן אַ לאַך געטון, די פערל־ציין האָבן זיך באַוויזן, ווען זי האָט אונז דערזעען.

מיט אַ רגע שפּעטער איז דאָס מיידל אין דרויסן געשטאַ־נען, זיך צערייגעשטעלט צווישן אונז ביידע און שנעל־שנעל עפּעס דערציילט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מיט עטלעכע מינוטן שפּעטער האָבן מיר שוין שפּאַצירט אויסערן שטאָט, אויפן וועג צו דעם דאָרף סקייזגערע. אָפּגייענדיק אַזוי אַ רעכטן מהלך פון שטעטל, האָט לילי אונז פּלוצלינג פאָרגעשלאָגן צו מאַכן דעם שפּאַציר ביז סקייזגערע. דערביי האָט זי אונז פאַרשפּראָכן מכבד צו זיין מיט די בעסטע פרוכטן פון זייער גאָרטן. ס'איז איצט קיינער אין הויז נישטאָ, און מיר וועלן דאָרטן גוט קאָנען פאַרברענגען. מיר האָבן דעם פאָרשלאַג אָנגענומען. דאָס דאָרף איז אינגאַנצן געלעגן אַ פינף וויאָרסט פון שטעטל און מיר זענען שוין געווען אריינגע־גאַנגען אין צווייטן וויאָרסט...

פון הינטער אונז איז געפאָרן אַ גוי מיט אַ ליידיקער פור. ער האָט אונז באַגריסט, געשמייכלט דורך דעם רויך פון דער לאַנגער פּיפּקע און אונז צוגעווונקען, מיר זאָלן זיך אריינזעצן... דאָס מיידל האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, און דער גוי איז שטיין געבליבן. אַלבערט איז געווען דער ערשטער, וואָס איז אריינ־געשפּרונגען אין וואָגן. מיט אַ לייכטן שפּרונג איז לילי געזעסן אויף דער פור, מיטן רוקן צום פערד, די שטאַרקע, שטיפערישע פיסלעך אַרויסהענגענדיק פון פור... איך האָב זיך אָפּגעזאָגט. איך האָב דערקלערט, אַז איך קען גיין צופוס, איך וויל אום ראש השנה נישט פאָרן. אַלבערט האָט געשוויגן, נאָר לילי האָט געלאַכט.

דער וואָגן איז געפאָרן טריט בײַ טריט, און איך בין נאָכגע־גאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, זיך געשעמט צו קוקן לילין אין די אויגן. איך האָב זיי אין האַרץ מקנא געווען, וואָס זיי קענען פאָרן אום ראש השנה, און איך נישט... דער וואָגן האָט אָנגע־הויבן צו פאָרן שנעלער — איך האָב געמאַכט שנעלערע שפּ־ייזן. דער גוי האָט אַ קנאַל געטון מיט דער בייטש, דאָס פערד האָט אַ צי געטון, — איך נאָך אים... איך לויף, הייב ווייל־ע־ווייז אויף די אויגן, לילי קוקט אויף מיר און לאַכט, מאַכט מיט די הענט,

ווי זי וואָלט געצויגן מיט די לייצעס, און באַוועגט שנעל שטיפּע־ריש מיט די פּיס... אוי, די פּיס!... מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט אָנהענגען אָן זיי און נאָכפאָרן... אַלבערט זיצט לעבן איר זייט אַ פאַרשעמטער, כמעט אַן אָנגעברוגזטער... וואָס ער וויל, ווייס איך נישט. איך פיל, אַז ס'פעלט מיר אויס אָטעם, איך קען שוין מער נישט לויפן... צום טייוול! אירע פיס!... וואָס באַוועגט זי זיי אַזוי ראַשיק!... איך מאַך אַ שנעלע באַוועגונג, האַלט שוין אירע פיס אַרומגענומען און שלעפּ זיך נאָך...

איר געפעלט עס. זי לאַכט, האַלט זיך פעסט מיט די הענט אָן וואָגן, זי זאָל נישט אַראָפּפאַלן, און קיצלט מיטן שפּיץ פון אַ שוך מיין האַלז... פלוצלינג דערפיל איך אַ זעץ אין קאָפּ און איך פאַל אום... דאָס האָט מיר אַלבערט אַ בריק געטון... אַ רגע בין איך געלעגן אַ צעטומלטער... נאָר אָט שטיי איך שוין אויף די פיס און לאָז זיך מיט געביילטע פויסטן נאָך דער פור... איך האָב פאַרגעסן, אַז ס'איז ראש השנה. איך זיץ שוין אויף דער פור, ניין, שטיי אויף די קני און וואַרף מיינע פויסטן אַלבערטן איבערן קאָפּ, איבערן פנים, ווו איך טרעף...

לילי קוקט עס צו, מאַכט באַוועגונגען מיט די הענט און רופט עפּעס ווערטער אין ענגליש... קענטיק, אַז איר געפעלט עס... דער גוי רויכערט זיך די פּיפּקע און פאָרט ווייטער, דענקט געוויס, אַז מיר שפּילן זיך... פלוצלינג רופט לילי אויס: „גאָ־אָן!”, דערלאַנגט אונז ביידע אַ שטויס פון וואָגן און מיר ליגן שוין אויף דער ערד... די פור איז זיך ווייטער געפאָרן.

אַהיים זענען מיר געגאַנגען אויף ביידע זייטן וועג, פאַזע גראָבן, ברוגזע, אָנגעכמורעטע. פון דער זייט האָב איך באַמערקט, אַז אַלבערט האָט זיך געהאַלטן אין איין ווישן די אויגן, דעם שטערן די נאָז... קענטיק, אַז איך האָב אים פאַרוווּנדעט ביז בלוט. דאָס האָט מיך אַפילו פאַרדראָסן, נאָר צוגיין צו אים האָב איך נישט געוואָלט.

אייניקע וואָכן זענען מיר געווען ברוגז. איינמאָל גייט צו מיר צו אין גאַס אַלבערט און זאָגט:

„דו ווייסט, זי איז דאָך מער נישטאָ?...”

„װער?” האָב איך געפרעגט אים נישט קוקנדיק גלײַך אים אין די אויגן.

„זי, דאָס אַמעריקאַנער מײדל...”

„װוּ איז זי דען?”

„זײער הויז אין דאָרף איז אָפּגעבריענט געװאָרן. דער טאַטע איז מיט איר און די קינדער פאַרשװוּנדן אײנמאָל אין אַ מיטן דער נאַכט...”

„צום טײַװל!...”

מיר האָבן זיך געגעבן די הענט און גוט געװאָרן.

דעם דאָקטאָרס טאָכטער.

ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך נישט געקענעטן פון אזא שטאָף, ווי ליבע זאָל זיך קענען לייכט אָנקלעבן, און דאָך האָט מיט מיר פּאַסירט א פאַל, וואָס איז גאָרנישט אזוי אלטעגלעך.

דאָס איז געווען מיט שיינע עטלעכע יאָר צוריק. איך בין דעמאָלט פאַרוואַרפן געווען — ריכטיקער: אַדמיניסטראַטיוו פאַרשיקט — אין אַ קליין ליטוויש שטעטל, אין איינעם פון יענע ווינקעלעך, ווו בלויז יחידים קומען אין באַרירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט. ס'פאַרשטייט זיך, אַז נישט קוקנדיק, וואָס מיין פערזאָן וואַרפט זיך זייער ווייניק אין די אויגן, האָט אין איין מעת לעת דאָס גאַנצע שטעטל געוווסט פון מיר, נאָך אַ רעכט ביסל מער, ווי מען האָט פון מיר אַליין געקענט אַרויסקריגן.

מיר אַליין האָט אויך נישט גענומען לאַנג צו קענען דאָס גאַנצע שטעטל, וויסן איר לעבן מיט אַלע איינצלהייטן, קענען די נעמען פון די רעדל-פירער, די אַריסטראָקראַטיע און די אינטעליגענץ, וואָס מען האָט געקענט ציילן אויף די פינגער און וואָס האָט געהאַט אין איר מיט אַ יידישן דאָקטאָר, בּאַ וועמען די פרוי איז געווען נישט לאַנג געשטאָרבן און וועלכער האָט געלעבּט, צוזאַמען מיט זיין זיבּעצן-יעריקער טאָכטער, אין דעם שענסטן הויז פון שטעטל אויף אַ בּערגל, אַרומגעצוימט מיט אַ גאָרטן.

דעם דאָקטאָרס מיידל האָב איך איינציקע מאָל געזען אין גאָס אין באַגלייטונג פון אַ דיקער ייִנגער בלאָנדינקע — די לערערקע פון דער מיידל-שולע — און געהערט זיי רעדן רוסיש. ווען מיר וועלן נאָך צורעכענען דעם אַפּטייקער, פּראָוויזאָר, ווינקל-אַדוואָקאַט, פּאָסט-מייסטער, טעלעגראַפיסט און אַ יינגערמאַן, וועלכער פלעגט באַקומען די קלענערע אויסגאַבע „בירזשעוויאַ וויעדאָמאָסטי", ווו ער פלעגט אַמאָל אַליין אַריינשרייבן אַ קאָרעספּאָנדענץ, וועלן מיר באַקומען כמעט די גאַנצע אינטעליגענץ פון שטעטל. ווען איך זאָל נישט געווען זיין קיין אומלעגאַלע פּערזאָן און זיך נישט דאַרפן אָפּט מעלדן באַם אוריאַדניק, וואָלט איך געוויס פאַר מיין גוטן רוסיש רעדן אַריינגענומען געוואָרן אין דער קאָמפּאַניע פון דער שטעטלישער אינטעליגענץ.

די נויט האָט מיך אָנפאַנגס געצוואונגען אָנצונעמען רוסישע פּריוואַט-שעהן. אַזוי נאָך בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט דער לערערקע פון דער מיידל-שולע, פרייליין ד. באַלד בא דער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט מיר געשיינט, אַז זי געפינט אין מיר אַ באַזונדערן אינטערעס. דערפאַרנדיק צו וועלכער פּאַרטיי איך געהער, האָט זי דערקלערט, אַז זי באַלאַנגט אויך צו דער אייגענער, אַז אינדערהיים, אין דווינסק, האָט זי פיל געאַרבעט פאַר דער פּאַרטיי, נאָר פאַר דעם יאָר, וואָס זי איז דאָ, איז זי מודה, אַז זי האָט גאָרנישט געטון. ווען איך האָב בדעה צו אונטערנעמען אַן אַגיטאַציע, וועט זי מיר באַהילפיק זיין.

מיר איז אָבער שוין צו יענער צייט ווייניק וואָס געלעגן אין זיינען פּאַרטיי-אינטערעסן. נאָך איידער איך בין אַדמיניסטראַטיוו פאַרשיקט געוואָרן, בין איך שוין געווען אין פולן צווייפל איבער מיין גאַנצער וועלט-אָנשויונג. לאַנגזאַם איז מיין צווייפל אַריבער אין אַ שפּאָטישע פאַרנייגונג פון אַלעם, וואָס איז הייליק, באַגלייט פון אַ מיאוסן ציניזם.

פאַרזונקען ווי איך בין געווען אין מיין אידעאַל, האָב איך געפירט אַ לעבן, וואָס איז געווען ענלעך צו דעם לעבן פון אַן אַסקעט אין וואַלד. דאָס האָט זיך אָפּגערופן. דאָס געצוימטע בלוט

אין מיר האָט רעוואָלטירט און געמאָנט. געמאָנט אויך פאַר די פיל יאָרן פון מיין פרושדיק לעבן.

ס׳איז דעריבער קיין וווּנדער נישט, אַז ווי איך האָב נאָר באַמערקט בײַ דער דיקער בלאָנדינקע אַ געוויסע נייגונג צו מיר, האָב איך געפילט, ווי דאָס האַרץ הויבט זיך מיר אָן באַוועגן און איך ווער באַהערשט פון שטראָמען געפילן. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און איך האָב געוווּסט, אַז איך בין פאַרליבט.

פרײַלין ד. איז געוואָרן צו מיר מיט יעדן טאָג אַלץ פרײַנדלעכער און צוגעלאָזטער. איך האָב אָבער איר פאַרהאַלטונג נישט געקאָנט אָנגעמען אַלס אַ צייכן פון ליבעס-געפילן. אַליין האָב איך קיין מוט נישט געהאַט איר מײַנע געפילן צו אַנטפּלעקן. האָט זי געמערקט, אַז איך בין אין איר פאַרליבט? דאָ האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז יאָ, און באַלד דערויף איז געקומען די אַנטוישונג.

אָפט פלעגט פּאַסירן, דאָס זיצנדיק בײַ איר אין צימער, פלעג איך פּלוצלינג אַרײַנפאַלן אין אַ מין מעלאַנכאָליע און, זינקענדיק דעם קאָפּ אין די הענט, בלײַבן בײַם טיש זיצן און שטאַר קוקן אין אַ צײַטונג אָדער אין אַ בוך אַרײַן. אין אַזאַ מאָמענט פלעגט זי דאָס רוב צוגיין צו מיר פון הינטן, אָנשפּאַרן איר רונדע פולע ברוסט אָן מײַן שולטער און אַ זאָג טון:

„עפּעס אינטערעסאַנטס, הער שאַרקין?...“

איך פלעג אויפציטערן ווי דורך דער באַרירונג פון איר קערפּער אַזוי דורך דעם וויל-קלאַנג פון איר שטימע. אַ מאָמענט — און איך וואָלט אויסגעשטרעקט מײַנע הענט נאָך הינטן, זי אַ כאַפּ געטון אַרום איר דיקן האַלז און צוגעפּרעסט איר געזיכט אָן מײַן נאַקן... זי פלעגט אָבער באַלד אָפּטרעטן, זיך אַ דריי טון איבערן צימער און אַרויסזינגען אַ לידל.

ס׳איז באַגרײַפלעך, אַז איך בין צו יענער צײַט אַרומגעגאַנגען ווי אין פיבער, געהאַט שלאָפלאָזע נעכט, שווערע האַלב-וואַכעדיקע חלומות, און קאָפּ-שמערצן איז געווען בײַ מיר אָן אָפּטער גאַסט, איבערהויפּט דעמאָלט, ווען איך פלעג זי נישט באַקומען צו זען. און דאָס האָט פּאַסירט זייער אָפט, ווײַל טעג און נעכט פלעגט

זי פאַרוויילן באַם דאָקטאָר אין הויז. איך האָב אָנגעהויבן ווערן אייפערזיכטיק צום דאָקטאָרס הויז, צו אים אַליין, צו זיין טאָכטער, צו דער דינסט אַפילו.

איינמאָל, אין אַ שבת פאַרנאַכט, האָב איך פלוצלינג דערפילט אַ שרעקלעכן קאָפּ-וויי און איך האָב מיר געלאָזט גיין צום דאָקטאָר. אָנגעקלונגען, האָט די דינסט מיר די טיר געעפנט, און אויף מיין פראַגע, אויב איך קאָן זעען דעם דאָקטאָר, האָט זי מיר אָנגעוויזן אויף דער טיר לינקס, אַז ער איז איצט באַ זיך אין קאַבינעט מיט אַ פּאַציענטין. זי האָט מיך געבעטן זיך צו זעצן און וואַרטן. איך האָב געפאָלגט. פלוצלינג דערהער איך פון קאַבינעט אַ שטיל געשפרעך. די פרויען-שטימע האָט מיר געקלונגען באַקאַנט... איך האָב שאַרפער אָנגעשטעלט מיינע אויערן... יאָ, יאָ, דאָס איז איר שטימע... פריילין ד. איז באַ אים אין קאַבינעט!... גאָט מיינער, וואָס טוט זי דאָרטן?... ווי פרעך איר שטימע קלינגט!... און פלוצלינג האָב איך זיך דערמאָנט, אַז בשעת איך האָב אָנגעקלונגען, האָב איך דערזעען, ווי דאָס פענצטער לינקס, דאָס פענצטער פון קאַבינעט, איז פאַרצויגן מיט אַ גרינעם שטאָר...

ווי דער קאָפּ האָט מיר נישט געקלאַפּט, האָב איך קלאָר און דייטלעך דערזעען פאַר מיר אַ בילד — אַ בילד, וואָס האָט געמאַכט קאָכן דאָס בלוט אין מיינע אָדערן און אין באַוועגונג געבראַכט די האָר אויף מיין קאָפּ. איך ווייס נישט, וואָס אין דעם מאָמענט וואָלט פּאַסירט, ווען דעם דאָקטאָרס טאָכטער זאָל פלוצלינג פאַר מיינע אויגן נישט שטיין.

„הער שאַרקין, וואָס איז אייך? וואָס קוקט איר אַזוי שרעקלעך אויס?...“

איר שטימע האָט געציטערט. ניין, איר גאַנצער קערפּער האָט געפיבערט... די באַקן האָבן געפלאַמט און אין די אויגן האָט אַן אומהיימלעך פייערל געלויכטן... וואָס ציטערט זי? ווייסט דאָס קינד, וואָס דאָ הינטער דער פאַרמאַכטער טיר קומט פאָר?... יאָ, יאָ, זי ווייסט... ווייסט און ליידט... איבער וועמען ליידט זי?... וואָס שמערצט איר?... מערקווירדיק, מיר האָבן זיך נישט גע-

קענט, און זי רופט מיך באַם נאָמען... ווייסט זי פון מיינע געפילן צו פרײלין ד.?... פילט זי זיך שולדיק פאַר איר פאָטער... פאַר איר פריינדין?... אָדער ליידט זי, וואָס אירע יינגע מיידלשע געפילן ווערן פון איר פאָטער און פריינדין באַם שיין פון דער זון אַזוי אָפן און ציניש פאַרלעצט?...

איך האָב קוים אַרויסגעשטאַמלט:

„שרעקלעכע קאָפּ שמערצן".

ווי וואַרעם איר שטימע האָט געקלונגען:

„עס טוט מיר לייד... דער פּאַפּאַ איז איצט פאַרנומען... ווילט איר, קומט צו מיר אין צימער, וועל איך אייך געבן טראָפּנס..."

איך בין איר נאָכגעגאַנגען. אַ מוראדיקער געדאַנק איז מיך פּלוצלינג באַפאַלן, און איך בין איר נאָכגעגאַנגען... מיינע אויגן האָבן דעמאָלט געמוזט שרעקלעך אויסקוקן.

מיר האָבן דורכגעקרייצט אַ פּאָר חדרים און אַריין אין אַ קליין צימער. אַלץ אַרום האָט אָנגעצייגט, אַז דאָ וווינט אַ יינג מיידל. דאָס בעט איז געווען אין אומאָרדנונג. וואָס?... איז דאָס קינד דאָ ערשט געלעגן און קאָנוווּלסירט פון שמערצן און שאַנדע?... אַ פרייליכער געלעכטער האָט זיך פּלוצליג דערהערט... איך האָב זיך אומגעקוקט. דורך אַ וואַנט מיט אַ פאַרשפּאַרטער טיר האָט זיך דאָס געלעכטער אַריינגעטראָגן. איך האָב דאָס געלעכטער דערקענט. דאָס האָט „זי" געלאַכט... אהא, דאָ אין דעם דערבייאיקן צימער זענען זיי עס!... פאַר מיר איז דאָס מיידל געשטאַנען און געציטערט. איך האָב זי באַ די הענט אָנגענומען און אַ דריק געטון... זי האָט דאָס מויל געעפנט, אויסצושרייען. דאָ האָב איך זיך איבער איר אַ האַסטיקן בייג געגעבן און שטיל גאָר שאַרף איר אין אויער אַריינגעשיפּעט:

„שטיל, שטיל מוזסטו זיין!..."

דאָס מיידל איז פאַר מיר געפאַלן. איר קליינע, יינגע ברוסט האָט האַסטיק, האַסטיק געקלאַפּט...

אמת, דאָס מיידל האָט נישט פּראָטעסטירט. נאָר ווען איך

וואָלט אין יענעם מאָמענט באַדאַרפֿט געוואָלט באַגיין. וואָלט איך עס געוויס געטון.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָב איך באַקומען געלט דורך דער פּאָסט און באַנאַכט זיך אַרויסגעגנבֿעט פֿון שטעטל און זיך געלאָזט אויף דעם וועג קיין אַמעריקע.

דער טויטער שמייכל.

זי איז אַרומגעגאַנגען אין שטעטל אַ בויגיק־שלאַנקע, אַ מעלאַנכאָליש־עלאַסטישע, לייכט באַרירנדיק די ערד, ווי זי וואָלט זיך אויף איר געפילט נישט היימיש, פרעמד, איבעריק, דעם קאָפּ אַ ביסל נאָכלעסיק אויף דער ברוסט, די שולטערן רונדע, מיד־אַראָפּהענגענדיקע און די אויגן צוגלייך מיט זיי.

עס האָט געשיינט, אַז דאָס מיידל האָט ווייניק אינטערעס אין דעם, וואָס זי גייט אַזוי אַרום אויף גאָטס וועלט און נאָך ווייניקער אינטערעס אין דעם, וואָס קומט פאָר און באַוועגט זיך אַרום איר.

זי האָט כמעט נישט אויפגעציטערט בשעת אַ גערויש אין שטוב אָדער גאַס, נישט אויסגעשריגן בשעת אַ שמערץ און נישט אויפגעלאַכט בשעת אַ פרייד.

אַז מען האָט דאָס מיידל אָנגעקוקט, באַטראַכט איר פיגור, וואָס האָט פאַרבאָרגן אַזוי פיל לעבן, פאַרשלייערט אַזוי פיל גליק, ווען מען האָט איר געזיכט באַטראַכט, אַ געזיכט, דאַכט זיך, רויק און קוים באַוועגלעך, ליפּן טרוקן און געשלאָסן, אויגן גרויס און טיף, וואָס קוקן אויף דער וועלט אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען, האָט מען געפילט אַז דאָ גייט אַ מענטש, פאַר וועמען די זון שיינט אַנדערש ווי פאַר די אַרומיק

און די נאַכט ברענגט איר נישט קיין בענקען נאָך אומאַרמונג און ליבע...

ניין, בלינד איז דאָס מיידל נישט געווען, זי האָט געזעען אַזוי ווייט, ווי זי האָט געוואָלט, באַטראַכט אַלץ וואָס זי האָט גע־ברויכט, נאָר אַלץ איז איר געלעגן גלייך, ווייט און נאָנט, און באַ־מערקט האָט זי אויך אַלץ און אַלעמען גלייך.

און שטום איז זי אויך נישט געווען. אירע געשלאָסענע ליפּן האָבן זיך אָפּטמאָל געעפנט און באַוועגט, אַנטפּלעקנדיק צוויי רייען ציין־פּערלען און לאַזנדיק הערן אַ שטימע, וואָס האָט געשמעקט ווי פּערפום און פאַרשיכורט ווי וויין.

זעלטן אָבער האָט עס פּאַסירט. אירע ליפּן זענען ס׳רוב גע־בליבן פאַרפּרעסט, און אַ שמייכל, אַ שווידערלעך אומבאַגרייפלע־כער שמייכל האָט אויף זיי זיך געשפּילט...

און האָט אַ בחור זי געזען, אַ בחור, וואָס האָט אומאַר־מונג און ליבע פאַר איר געטראָגן, האָט ער נאָר איר שמייכל באַ־דאַרפט דערפילן און ער האָט באַלד דערשפּירט, אַז עפּעס ווערט אין אים געטויט, עפּעס ווערט אין אים באַליידיקט...

יאָ, אַזוי האָט געפילט יעדער איינער, וואָס האָט דאָס מיידל געקענט פון דער נאָענט. אָדער נאָר באַטראַכט פון דער ווייטן.

איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין דעם שטעטל אַ בחור, אַ לערער, אַ יונג, פייערדיק ייִנגל פון די ווייטע גרויסע מקומות, מיט אַן אָריענטאַליש פּנים, האָט דאָס ייִנגל אין זיך צופיל בלוט און פאַנ־טאַזיע געטראָגן פאַר די פאַרשלאָפענע מיידלעך פון דעם קליינעם שטעטל.

און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט דאָס ייִנגל דאָס פרעמדע מיידל מיט דעם פאַרדעכטיקן שמייכל געטראָפן: קאַלט איז איר דערשיינונג געווען און פראָסטיק איר בליק.

נאָר דאָס פייערדיקע ייִנגל איז פון איר פראָסטיקייט אָנגע־צונדן געוואָרן מער ווי פון הייסע בליקן פון אַ פאַרליבטער הגרות־מיידל. ער האָט באַלד דערפילט, אַז ער מוז איר פראָסטיקייט

אונטער זיין פייער צעשמעלצן אָדער... זי וועט זיין פייער פאַר־פרירן...

ער האָט נישט לאַנג געוואַרט, איז צו איר צוגעגאַנגען און געזאָגט:

„פרעמד מיידל, זאָג, ווער ביסטו?"

„איך בין אַ מענטש, וואָס לעבט אין טויט און איז טויט אין לעבן..."

„איך וועל דיך באַקעמפן, דו פראַסטיק מיידל. דו מוזסט מיט מיר לעבן אין דיין לעבן... אָדער מיך טויטן אין דיין טויט..."

„ניין, מיין שיינער פרינץ, איך האָב געלעבט מיט איינעם אין לעבן און יענער איז איצט טויט... לעב איך איצט אין טויט... אין זיין טויט... דעריבער בין איך אויך טויט אין לעבן פאַר יעדן אַנדערן..."

און זי האָט אַ שמייכל געטון... דאָס יינגל האָט אויפגע־ציטערט: ער האָט דעם שמייכל דערקענט... עס איז געווען דער טויטער שמייכל פון איינעם, וואָס שטאַרבט לאַנגזאַם פונעם הענ־קער... ער האָט אויסגעשריגן:

„הער אויף צו שמייכלען ווען דו ווילסט מיך נישט טויטן!..."

זי האָט אים בײַ דער האַנט אָנגענומען:

„יינגער פרינץ, איך וויל דו זאָלסט לעבן... נאָר אָן מיר... וואָרים איך קען דיר געבן אין לעבן במתנה נאָר דאָס, וואָס איך האָב באַקומען בירושה פון מיין איינציקן פרינץ: דעם טויטן־שמייכל, וואָס האָט געשוועבט אויף זיינע ליפּן, בעת ער איז פאַר מיינע אויגן אויסגעגאַנגען... ווילסטו עס?..."

זי האָט געשמייכלט מיטן טויטן שמייכל און אים אַריינ־געקוקט טיף אין די אויגן. ער האָט דערפילט אַ פראָסט אין זיינע אָדערן האָט געבויגן דעם קאָפּ און שטיל געוויינט. זי איז צוגעגאַנגען, אָפּגעדריקט אַ קוש אויף זיין פייערדיקן שטערן און פאַרשוווּנדן...

ווען ער האָט דערוואַכט, זיך דערזעען אַליין און אין שפּיגל איינגעקוקט, האָט ער געפילט, אַז עפּעס אומהיימלעכעס שוועבט איבער זיין פּנים. ער האָט דעם טויטן־שמייכל דער־ עען...

דאָרט, אויפן בערגל.

(פון אַ חברס פּאַפּירן)

...אַז איר וועט פאַרבלאָנדזשען ווער אויף דעם וועג, וואָס ליגט צווישן די צוויי ליטווישע שטעטלעך בריגיאַן און מייגישאַק, דורכגיין בשלום דעם גרויסן, געדיכטן סאָסנע-וואַלד, ווו נישט איין ייִד איז נהרג געוואָרן, דערגרייכן דאָס בערגל, וואָס דערהויבט זיך איבער אים מיט זיין גרויען, זאַמדיקן גלאַנץ, דאַן בעט איך אייך, זאָלט איר אָנהאַלטן בײַ זיינע צוויי אַלטע דעמבעס, וואָס זייערע שווערע צווייגן שפּרייטן זיך ווייט איבערן וועג, זיך לאָזן גיין מיט דעם וועגל, וואָס שניידט זיך דורך די צוויי דעמבעס און אַ ריי יינגע ביימלעך, און אַרייגגיין אין דעם הויז, מיט די גרינע לאָדנס און שינדל-דאַך, צו דעם באַקאַנטן נאָטע אַרענדאַר.

און אַז איר וועט טרעפן בײַ אים זיין טאָכטער פריידל, אָט די מיט די גרויסע בלויע קינדערישע אויגן און מיט די קאַשטאַנענע צעפּ, געפלאָכטן אין אַ קראַנץ איבערן קאָפּ, ווי זי שטייט איבער אַ בילד, קושט עס און קען פון אים די אויגן נישט אָפּרייסן, דאַן זאָגט איר, איך בעט אייך, אַז איך לאָז זי גריסן און אַז איך קוק נאָך אַזוי אויס, ווי אויפן בילד...

זאָל זי חלומען פון דעם, ווען זי האָט געקענט, נישט פון דעם, ווען זי קען מער נישט...

און אויב איר וועט מיך טרעפן מיט א קינד בא דער ברוסט, און מיט א פאר אנדערע בא דער זייט, אין א פארשמירט קאפטל און פארטוך, די הענט בלאטיק, די באקן פליישיק, די אויגן וואכעדיק, די פיגור צעפלאסן און די האר נישט פארקעמט און דער מאן, מיט דער רויטער בארד, אין טלית און תפילין, שטייענדיק שמונה עשרה און כאפנדיק פון דער זייט א קוק אויף דער „אשתו", דאן מעגט איר איר פארטרויען, אז מיין קאפ איז גרוי, די באקן איינגעפאלן, די אויגן אויסגעלאשן, און צייט איר טאטע האט מיך פון הויז ארויסגעטריבן, קען איך קיין ארט נישט געפינען, ווו איך פארוייל באטאג, רו איך נישט באנאכט, און אז איר באמען גייט פון מיינע ליפן נישט אראפ... זאגט עס איר, איך בעט אייך, אפשר וועט איר ברוסט, ווו מיין יונגער, היציקער קאפ האט אמאל גערוט, שטארקער אנהייבן קלאפן, און אירע אויגן וועלן פייכט ווערן און שיינען ווי די זון נאך א רעגן...

אפשר ?...

ס'מאכט נישט אויס, וואס איר וועט דאס א ביסל ליגנט זאגן. גלייבט, דאס לעבן האט מיר פיל מער ליגנט געזאגט.

נאר איין זאך בעט איך אייך: ברענגט מיר פון איר קיין גרוס נישט צוריק. איך וויל געדענקען די פריידל, וועלכע איך געדענק...

און אז נאטע דער ארענדאר וועט אייך דערציילן, אז ער האט אמאל גענומען צו זיינע קינדער א רבין פון דערבייאיקן שטעטל, א שווארצן יינגמאן מיטן נאמען משה שאטענבערג, און אז אט דער יינגערמאן האט זיין זעכצן־יאריקע פריידל, אנשטאט „תלמידתי" אינגיכן אנגעהויבן רופן „אהובתי", „חמדתי", „יונתי" און ווער ווייסט, ווי ער וואלט זי נאך אנגערופן, ווען ער, דער טאטע, זאל זיך נישט כאפן און באצייטנס פאריאגן דעם שארלאטאן, דאן זאלט איר אים גלייבן, דעם אלטן טאטן. יא, איך בין עס דער משה שאטענבערג, דער רבי, דער שארלאטאן, אט דער, וועד זי האט אין בין־השמשותדיקער זומער־פארנאכט, אין וואלד, אונ־

טער דעם צודעק פון גרינע קוסטעס, זיין טאָכטער פריידל צו דער ברוסט געדריקט.

ניין, איך לייקן נישט.

און אַז איר וועט הערן פון דעם אַלטן נאָטעס ליפּן אַ קללה אויף מיין קאָפּ זיך אַראָפּגליטשן, זאָגט אים, אַז ער באַדאַרף עס נישט. די גרעסטע קללה האָט ער מיר געגעבן אין דעם טאָג, וואָס ער האָט מיך פון זיין שטוב פאַריאָגט און פריידל אין חדר פאַרשלאָסן.

ניין, קיין גרעסערע קללה קאָן ער מיר שוין נישט געבן.

האָב איך עס פאַרדינט? איך ווייס נישט. אדרבה, זאָגט אַליין. באַטראַכט נאָר אין פרילינג יענץ אָרט, קוקט זיך צו צו די ברייטע, גרינע פעלדער פון איין זייט און צו דעם טאָל און וואַלד פון דער אַנדערער זייט, האָרכט זיך איין, ווי די ביימער סודן זיך, פאַרטרויען און אַנטפּלעקן אייך פאַרבאָרגענע וועלטן, פאַרשיכּורן אייך מיט זייער סמאַלע-גערוך און גיסן אָן אייער נשמה מיט אַ בענקען און ציטער און אייערע אָרעמס מיט יוגנט-קראַפט, און עפּעס ציט אייך, ציט אייך, איינצושליסן אין די אָרעמס דאָס, נאָך וואָס אייער נשמה בענקט און ציטערט...

און אַז איר זעט פאַר זיך אַ יונג, צאַרט ווען אין דעם געשטאַלט פון אַ פרוי, מיט אויגן, וואָס גלאַנצן ווי דער הימל איבער אייך, מיט בעקלעך, וואָס בליען ווי די בלומען אין פעלד, מיט אַ ברוסט. וואָס אָטעמט געהיימנישפולער פונם וואַלד, מיט פיסלעך, וואָס שפרינגען איבער די פעלדער ווי די סאַראָקע אין טאָל און מיט שולטערן, וואָס לאָקן אייך אין וואַלד... זאָגט, קענט איר ביישטיין דעם נסיון, ווער איר זאָלט נישט זיין, איר נישט נאָכגיין אין וואַלד און אונטער דעם שטילן גערויש פון די ביימער און דעם סוד פון אַ קוסט, זי אין אייערע אָרעמס נישט איינשליסן?...

זאָגט, קענט איר עס?...

ווי פרום איך בין דעמאָלט נישט געווען, ווי שטאַרק איך האָב נישט געגלייבט אין גאָט און אין זיין געבאָט, האָב איך פאַר גאָטס שטראָף נישט מורא געהאַט. ניין, די שטראָף פונם מענטש האָט מיך מער געשראָקן און אויך גיכער געטראָפן.

אוי, צו שטאַרק איז די שטראָף געווען!
פריידעלען האָט מען פון מיר פאַרבאָרגן.

און זאָגט איר, פריידעלען, אַז איך בין נישט אַנטלאָפן באַלד אַהיים, ווען איר טאַטע האָט מיך פון שטוב פאַריאָגט. ניין, אַכט טעג צייט האָב איך אין וואַלד אַרומגעבלאָנקעט, האָב אָן דאַווענען, אָן עסן פאַרגעסן, האָב אויף מיין קלומיקל ספרים און אַלטע וועש געדרוט, און מיינע אויגן נישט אָפּגעקערט פון דער זייט, ווו די גרינע לאָדנס פון זייער הויז האָבן צו מיר פון בערגל אַראָפּגעקוקט... אוי, דאַכט זיך, אַז די לאָדנס האָבן געטרויערט צוגלייך מיט מיר...

ווי האָב איך אויף איר אַרויסגעקוקט! ווי האָב איך געגלייבט, אַז זי וועט צו מיר אַרויסקומען! יעדער שאָרך פון אַ בלאַט, יעדער טריט פון אַ האָז האָבן מיך געמאַכט גלייבן, אַז דאָס גייט זי, פריידל.

האָט איר דען דאָס האַרץ נישט געזאָגט, אַז איך בלאָנקע אַרום אַ פאַרלוירענער אין וואַלד און וואַרט אויף איר? אָדער איז זי אין יענע לאַנגע טעג און נעכט אויף איר בעט געלעגן, מיין בילד פון איר בוזעם אַרויסגעצויגן און עס מיט קושן און טרערן באַדעקט?..

ווער קען עס מיר דערציילן?

האָט זי געוווסט, ווי גרויס מיין צער איז געווען? ניין, זי האָט עס נישט געקענט וויסן. ווען זי וואָלט אין וואַלד אַרויסגעקומען, געזען דעם האָז, וואָס איז מיט מיר שכן און חבר געוואָרן, ווי ער האָט געפּאַדעט אַרום מיר, מיך געהיטן, געשלאָפן בא מיין זייט, ווען זי וואָלט געזען זיינע אויגן, מיט וואָס פאַר אַ צער און רחמנות זיי האָבן אויף מיר געקוקט, דאַן וואָלט זי באַגריפן, ווי אומגליקלעך איך בין געווען...

און ווייסט זי, אַז איך האָב דאָס אָרט אונטער יענעם גרינעם קוסט באַזוכט און די ערד געקושט?... ניין, זי ווייסט עס נישט.

און ווייסט זי, אַז איך האָב דערנאָך אַ יאָר צייט טאָג־איין, טאָג־אויס צו איר בריוו געשריבן, און אַלע, אַלע ליגן זיי בא מיר?..

ניין, דאָס ווייסט זי אויך נישט.

דעריבער בעט איך אייך, אַז איר וועט פאַרבלאָנדזשען ווער

אויף דעם וועג, וואָס צווישן בריגיאַן און מײַנישאַק, און אַראָפּקערן צו נאָטע דעם אַרענדאַר און זעען דאָרטן זיין טאָכטער פריידל, אַט די מיט די גרויסע בלויע קינדערישע אויגן און מיט די קאַשטאַ-נען-צעפּ, געפלאָכטן אין אַ קראַנץ איבערן קאָפּ, ווי זי שטייט איבער אַ בילד, קושט עס און קען פון דעם די אויגן נישט אָפּ-רייסן, זאָגט איר, אַז איך לאָז זי גריסן און אַז איך קוק נאָך אַזוי אויס, ווי אויפן בילד...

זאָל זי חלומען פון דעם, וועמען זי האָט געקענט, און איך פון דער, וועמען איך האָב געליבט.

III

דער זיידע דערציילט

דאָס פאַרלאָזטע הויז.

... אַז איר וועט אַרויסגיין דורך דער אַלטער שטאָט, דאָרטן, ווו דער וועג פירט פאַרביי דעם אַלטן הויף מיט זיינע גרויסע, מוראדיקע הינט און מיט זיין הויכן שטיינערנעם האַלב-איינגעפאַלענעם שלאָס, וועלכער קוקט פון זיין געפאַלענער הויך מיט אַ געבראָכענער גאווה אַראָפּ אויף די פאַרבייגייער און דערציילט זיי שיינע מעשיות פון אַלטע-אַלטע גוטע צייטן, בעת מענטשן האָבן נאָך געלעבט בשלום, זיך נישט געריסן איינער מיטן צווייטן, בעת מען האָט נאָך געוווסט פון כיבוד אב און דעם זיידנס וואָרט האָט נאָך אויך געגאָלטן, בעת יעדער האָט געוווסט, ווער ס'איז עלטער, ווער ס'איז גרעסער און זיך נישט געמישט אין פרעמדע עסקים...

אַז איר וועט אַרויסגיין דאָרטן, ווו דער וועג פירט אויך צום אַלטן איינגעפאַלענעם בית-עולם, אויפן רוקן פון דעם גרויסן גרינעם באַרג, פון וועלכן עס סטאַרטשען נאָך אַרויס אייניקע שוואַרצע, מיט מאָך פאַרוואַקסענע מצבות פאַר אַ זכר פון דער גרויסער מגפה, וואָס האָט פאַר איבער הונדערט יאָר צוריק געטראָפן אונזער שטעטל און אויסגעריבט אַ האַלבע שטאָט יידן, אויך דעם גאון ר׳ אברהמעלע זכרונו לברכה — וואָרים אַ גוזער שטעטל, באַדאַרפט איר וויסן זיין, איז פון קדמונים אָן באַרימט מיט אירע גאונים און חכמים

דאָרטן, ווו צוזאַמען מיטן וועג לויפט און פּליעסקעט זיך דאָס קלאָרע זילבערנע טייכל, טריקנט נישט אויס אַפילו זומער אין די גרעסטע היצן און וואָס שווענקט אונטער דעם באַרג מיטן אַלטן בית־עולם, זיך פאַרלירנדיק לינקס אין גרויסן, געדיכטן סאָסנע־וואַלד און אויסבויערנדיק רעכטס, בײַ די פיס פונם באַרג, אַ פליסנדיקן קוואַל, וועלכער שלאָגט מים חיים אַ רונד יאָר אָן אויפהער, אַט דער קוואַל, צו וועלכן דאָס גאַנצע שטעטל, ייִנג און אַלט, לויפט יעדן שבתדיקן זומער־טאָג, ווען די היץ ברענט און ס׳דאַרשט פון געזאַלצענעם טשאָלנט, דערפרישן זיך אַ ביסל פון זײַן קאַלטן חיותדיקן וואַסער, וואָס דערקוויקט ווי אַ גוטער באַלזאַם די אויסגעטריקנטע, פון אַ גאַנצער וואָך דאגת־חיונה אויסגעמאַטערטע נשמה...

איז, אַז איר וועט נאָר אַרויסגיין מיט דעמדאָזיקן וועג, זאָלט איר זיך נישט אָפּשטעלן לאַנג בײַם אַלטן האַלב־אײַנגעפאַלענעם שלאָס — וואָרים די הינט קענען אײַך נאָך באַמערקן, — נישט בײַם באַרג מיטן אַלטן בית־עולם, פון וועלכן ס׳זענען נאָך איבערגעבליבן אַ פּאָר אײַנגעפאַלענע, שוואַרצע מצבות פאַר אַ זכר... אויך בײַם קוואַל זאָלט איר זיך נישט לאַנג אויפהאַלטן, נאָר גייט אַלץ ווײַטער און ווײַטער מיטן וועג, וואָס שלענגלט זיך פאַריבער דעם באַרג און לויפט צוזאַמען מיטן טייכל דאָ דורכן וואַלד, דאָ פאַרבײַ דעם וואַלד, ביז איר וועט אָפּגיין אַ ווערסט אכט, דאָרטן, ווו דאָס טייכל מיטן וואַלד גייען אַוועק נאָך לינקס און דער וועג הייבט אָן זיך פאַרבייגן רעכטס... דאָ אויף דער בייגונג, אַ שטיקעלע אָפּגערוקט פון וועג, שטייט אַן אַלט, פון אַלעמען פאַרלאָזט הויז, אָן טירן און פענצטער מיט שוואַרץ־גרינלעכע אויסגעבויגענע ווענט, מיט אַן אײַנגעשרומפּענעם פאַנגענעם דאַך, וועלכער שימערירט מיט זײַן מאָך אַ משונהדיקן שימער אין אָפּשײַן פון דער זון און אין אָפּגלאַנץ פון דער לבנה, מיט אַ שוואַרצן, אויסגעבויגענעם קוימען, וואָס קוקט מיט זײַן פינצטערן לאָך אַראָפּ אויף די עוברי דרך און וואַרפט אָן אַ מורא צוזאַמען מיט די לעכער פון די פענצטער און טירן ווײַט אַרום זיך...

איז, אַז איר וועט דערזען דאָסדאָזיקע פאַרלאָזענע הויז, מיט

אָן אַלטן צעפוילטן דעמב, וואָס שטייט טיף געבויגן צו דער ערד בײַ זײַן רעכטן ווינקל, זאָלט איר נישט צוגיין נאָענט צו אים איבער דעם פאַרוואַקסענעם וועגל, וואָס האָט אַמאָל געפירט פון וועג צום הויז, נאָר איר זאָלט בלײַבן שטיין פון דערווייטנס און עס לאַנג גוט באַטראַכטן...

1.

אַמאָל, — איך קאָן אײַך נישט זאָגן מיט וויפיל יאָר צוריק, נאָר דאָס איז געווען קורץ נאָך דער גרויסער מגפה, וואָס האָט אָוועקגערויבט אַ האַלב שטעטל יידן מיט דעם גאון ר' אברהמעלע זכרונו לברכה, — אַמאָל האָט זיך אין יענער געגנט באַוויזן אַ הויבער, דאַרער ייד, מיט אַ שוואַרץ־געקרײַזלטער באָרד, וועלכע האָט זיך צוזאַמענגעקרײַזלט מיט די פּאָר שוואַרצע פאות, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטערן ברוין־גלאַנציקן היטל, און אַ קופּער־ברוין פאַרברענט פנים, פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר פײַערדיק־שוואַרצע אויגן. געגאַנגען איז דער ייד גראַד, שטאָלץ, מיט דער באָרד אויסגעשטעלט, פּונקט ווי איינער וואָלט אים פאַרבאָרגן דעם וועג געוויזן און געפירט איבער די גרויסע, ברייטע פעלדער, איבער וועלכע ער איז גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען און ווי עפּעס געזוכט. באַגלייט האָט אים אַ קליינוווקסיקע אשה, שוואַכלעך פון אויסזען, מיט אַ קינד בײַ דער ברוסט.

באַלד האָט זיך דער ייד דאָרט באַזעצט. ער האָט באַקומען פון גראַף אַ שטיקל ערד, וואָס צווישן טײַכל און וואַלד נאָך לינקס און צווישן דעם וועג, וואָס פאַרבויגט זיך נאָך רעכטס, און האָט דאָ, אויף דער בויגונג, דערבײַ בײַ אַ יינגן דעמב, אויסגעבויט אַ הויז. דאָס איז דאָס הויז, וואָס איר האָט ערשט געזען. נאָר דעמאָלט זענען די שוואַרץ־גריגלעכע ווענט געווען פריש געל געשטריכן, די שוואַרצע לעכער אין די ווענט האָבן פאַרנומען גרוי־געפאַרבטע

פענצטער און טירן, די דאַך־פּאַנען האָבן בלאַנק־ברוין אַראָפּגעשיינט, און אַ ווייסער הויכער קוימען האָט שטאָלץ אַראָפּגעקוקט ווייט אין דער סביבה אַריין.

און אַזוי הידושדיק און פּלוצלינג ווי דער הויכער שוואַרצער ייד מיטן ווייב און קינד האָבן זיך אין יענער געגנט באַוויזן, אַזוי הידושדיק און פּלוצלינג איז זיך דאָסדאָזיקע הויז אויף דער בייגונג אויסגעוואַקסן. איך זאָג הידושדיק, וואָרים מענטשן פּלעגן פאַרביי־פאָרן און זיך חידושן, פאַרוואָס בויט מען עס אַ הויז אַ שטיק אָפּ־געריקט פון וועג, אין דער צייט, וואָס מען האָט עס געקענט בויען נאָענט און ס'וואָלט שוין געקענט דינען פאַר אַריינפאָר אויף דעם לאַנגן גאַסטיניעץ, וואָס פירט פון אונזער שטעטל צו דעם שטעטל מיינישאַק.

און אַז אַ יידישער קאַראַבעלניק האָט דאָנערשטיק אויף דער נאַכט, מיט אַ פּעקל אויף די פּלייצעס און מיט אַ פּאָר העגער אין די פּאָלעס, זיך געאײַלט אויף שבת אַהיים, און האָט דאָ פּלוצלינג דערזעען אַן אומבאַקאַנטן ווייסן קוימען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך אָנגעשפּאַרט אָן זיין שטעקן און לאַנג, לאַנג געקוקט אויף דעם דאָזיקן געלן הויז מיטן ווייסן קוימען, געקוקט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס. נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת האָט ער אָנגעהויבן טאַפּן מיטן שטעקן דאָס נייע וועגל, וואָס האָט געפירט פון גאַסטיניעץ צום הויז, און האָט באַלד אָנגעקלאַפּט אין טיר. די טיר האָט זיך געעפנט און דער הויכער שוואַרצער ייד האָט זיך אין איר באַוויזן. דערזעען אַ ייד, האָט דער קאַראַבעלניק אויסגעצויגן אַ לאַנגן „טע־טע־טע!״ און אים אָפּגעשטעקט אַ ברייטן שלום־עליכם.

אין שטוב באַ אַ שיסל געקעכטס, האָט זיך דער קאַראַבעלניק צעשמועסט און אויסגעפרעגט דעם נייעם ישובניק „ווי אַ שטייגער הייסט אַ ייד?״ „וואָס טוט אַ ייד?״ „פונוואַנען קומט אַ ייד?״ — און נאָך אַזעלכע שאלות, אויף וואָס יעדער ייד באַדאַרף וויסן צו ענטפערן. אויף די אַלע שאלות האָט דער הויכער שוואַרצער ייד געענטפערט מיט אַ טעמפּן לשון, אַז ער הייסט אייזיק דער ברויער, ער ברויט בראָנפן און קומט פון ווייטע מקומות...

שבת האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל דערציילט נסים ונפלאות

פון יענעם היכן, שווארצן ייד, מיט דעם געלן הויז און ווייסן קוימען. און, יעדער באזונדער האט געוווסט צו דערציילן אן אנדערע מעשה...

2.

באלד האט זיך אויך אין טאל, וואס פירט צום טייכל, אויף זיין רעכטן ברעג, באוויזן א קליינער בנין, האלב איינגעגראבן אין דער ערד, פונוואנען ס'פלעגט שטענדיק גיין א רויך. דאס איז געווען אייזיק דעם ברויערס ברויז, וואס פלעגט צושטעלן בראנפן פאר דער גאנצער סביבה ארום.

אין א קורצער צייט האט אייזיק דער ברויער געשמט ווייט ארום. זיין נאמען האט דערגרייכט ביז אפילו אין די גרויסע מקומות אריין. מען האט אים שוין גערופן ר' אייזיק און אויך ר' אייזיקל. פארוואס — האט קיינער אין תּלוג נישט געוווסט. יעדער איינער האט געפילט, אז אזוי מוז מען אים רופן און נישט אנדערש... קינד און קייט האט אים געקענט. קינדער פלעגן זיך אפילו דערשרעקן, ווען זיי האבן אים באגעגנט פנים לפנים. זיין הויכע, שטאלצע פיגור, זיין שווארץ פארוואקסן פנים, מיט די שווארצע ברענענדע אויגן, האבן עפעס פארבארגנס, מוראדיקס אין זיך געטראגן. א קינדער-הארץ דערפילט עס באלד, אזא טבע האבן שוין קינדער.

ר' אייזיק דער ברויער איז געווארן באליבט אין דער גאנצער סביבה ארום. די גויים האבן אים ליב באקומען פאר זיין ערלעכקייט און גוטן בראנפן, די יידן — פאר זיין צדקה און הכנסת אורחים. אויך האט מען געשמועסט, אז אין אים שטעקט פארבארגן א טיפער למדן... דאס געל-געשטריכענע הויז, מיטן ווייסן קוימען און רויט-פאנענעם דאך, איז געווארן א בית-מקלט פאר ארעמע יידן, קאראבעלניקעס, שנארערס, מגידים, און אלערליי פיינע און

נישט פיינע אורחים. און הגם דאָס הויז איז געשטאַנען אַ שטיק אָפּגערוקט פון וועג, פונדעסטוועגן איז נישט געווען די נאַכט, וואָס דער פאַנגענער דאַך זאָל נישט האָבן אונטער זיין צודעק אַ פּאָר יידן־פאַריבערגייער. שבת האָט בײַ ר׳ אייזיקלס טיש נישט געטאָרט פעלן אַ פּאָר אורחים. מען האָט שוין געוווסט צו דערציילן איינער דעם צווייטן, אַז ר׳ אייזיק דעם ברויערס ווייב מאַכט קוגלען, איז דאָס זאַפט מיט האָניק, און אַז דער י״ש זיינער שמעקט בײַ אים גאָר שבתדיק... איז אַריינגעפאָרן צו אים אַ מגיד, אַ משולח, אַ מחבר פון אַ ספר אָדער אַזוי אַ מלמד, וואָס באַדאַרף חתונה מאַכן אַ בתולה, האָט ער בײַ ר׳ אייזיק דעם ברויער תמיד באַקומען די שענסטע נדבה.

אין שטעטל פלעגט ער מיט זיין הויז־געזינד אַריינפאָרן ס׳רוב נאָר אויף די ימים נוראים און אין שול באַקומען די שענסטע עליה.

אַזוי איז אויסגעוואַקסן דאָס געל־געשטרויכענע הויז, מיטן ווייסן קוימען און רויטן פאַנגענעם דאַך, אויף דער בויגונג, וואָס צווישן טייכל און וואַלד נאָך לינקס און דעם וועג, וואָס פאַרבויגט זיך נאָך רעכטס, מיט זיין ברויז אין טאָל און מיט זיין גרויסן שם ביז צוש אין די גרויסע מקומות צו׳רין.

3.

ערשט אַז ר׳ אייזיקל איז געשטאָרבן, האָט מען אויף קלאָר זיך דערוווּסט, ווער ער איז געווען. שוין בײַ זיין לעבן האָט מען אַפילו געמורמלט, אַז ר׳ אייזיק דער ברויער מוז זיין פון יענע, פון די נסתרים... מאַנסבילן פלעגן עס נישט אַרויסרעדן. מען האָט זיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק. ווייבער, דאַקעגן, פלעגן שטאַרק פון דעם רעדן און איינס דער צווייטער פאַרטרויען אויפן אויער, אַז ר׳ אייזיק דער ברויער איז פון די למד־ואו... תחילת האָט

זען אין די רייד נישט שטאַרק געגלייבט. הלמאי וואָס ווייבער
יעדן! אָבער וואָס ווייטער האָט זיך דער קלאַנג אַלץ פאַרגרעסערט.
בפרט נאָך, בעת ר׳ אייזיקל איז געוואָרן אַ זקן, זיינע געקרייזלטע
האָר האָבן זיך אָנגעהויבן זילבערן, דאָס פּנים איז געוואָרן לויטע־
רער, שטראַלנדיקער, די אויגן טיפער ברענענדיקער, דער קוק
שאַרפער, שטעכעדיקער, די לאַנגע, געדיכטע ברעמען פאַרצויגענער,
מוראדיקער און דער הויכער ווייסער שטערן נאָך העכער און גע־
קנייטשטער... דעמאָלט אַז ר׳ אייזיקל האָט זיך מיטן שטעקן אין
האַנט באַוויזן אַרום זיין הויז אָדער אויף די דערבייאיקע פעל־
דער, ווו ער פלעגט יעדן באַגינען אַרומשפּאַצירן, איז אויף יעדן,
וואָס האָט אים דעמאָלט באַגעגנט, אָנגעפאַלן אַ מורא, אַ באַהאַל־
טענער פּחד... מען האָט געפילט, אַז אין דער הויכער שטאָלצער
פיגור מיטן שאַרפן, שטעכעדיקן בליק ליגט עפּעס אַזויגס מאָר־
באָרגן, וואָס עס אַרויפברענגען אויף די ליפּן איז חיות נישט זי־
כער... ערשט, אַז ער איז געשטאָרבן, איז שוין אַלעמען קלאָר
געוואָרן. בײַ זיין לעבן האָט נאָר שרה זיין שנור אַליין געוווסט
דעם כוד...

און פּאַסירט האָט עס אין אַ זומערדיקן פרימאָרגן. דער
פּאַסטוך פונם גראַפס פּאַכט איז נישט געקומען, ווי אַלע טעג,
אַרויסטרייבן די קי. ווען די ערשטע ווייסע פּאַסן פון אָנקומענדן
מאָרגן האָבן זיך נאָר באַוויזן אויפן זוים הימל פון איבערן שפּיץ
וואַלד, איז שוין שרה געווען אויף די פיס, אַרויסגעמאָלקן די קי
און זי אַרויסגעטריבן פאַרן טויער, פונוואַנען דער פּאַסטוך פלעגט
זי קומען אָפּנעמען. איצט אָבער, אַז דער פּאַסטוך האָט פאַרזיילט
און די קי האָט אַרומגעבלאָנקעט און געמוקעט אַרום הויז, האָט
שרה גענומען אַ לאַנגע רוט און אַליין אַרויסגעטריבן די קי אין
פעלד. דאָ האָט זי דערזען, אַז דאָס פיסערן האָט זיך פון דעם
טאָג אָן אָנגעהויבן אויף אַ ניי אָרט, ווייט פון זייער הויז, פון יע־
נער זייט טייך, בײַ די פיס פונם וואַלד. איבער דער קלאַמקע,
וואָס איז געווען צוזאַמענגעלייגט פון עטלעכע ברעטער איבערן
טייכל, האָט די קו נישט געקענט אַריבערגיין. שרה האָט דעריבער

נעמוזט טרייבן די בהמה א שטיק וועג ארום ביז צו דעם בריקל, פונוואַנען ס'איז שוין געווען נאָנט צו דער לאַנקע.

צוריק האָט שוין שרה געוואָלט מקצר דרך זיין און גיין אי־בער דער קליאַטקע. דער קירצערער וועג האָט געפירט דורכן וואַלד. גייענדיק אַזוי אויף דער סטעזשקע און טראַכטנדיק וועגן איר „טרעסאַ", וועלכע זי האָט ערשט אַרויסגעטריבן אין פעלד און וועלכע די שוויגער האָט איר איבערגעלאָזט בירושה, אַנזאָגנדיק דערביי, זי זאָל זי אָפּהיטן ווי די אויגן אין קאָפּ. זי האָט איר אַ צייט יאָרן געדינט און זי מעלקט זיך, קיין עין־הרע, קיינמאָל נישט אויס, — אָט אַזוי גייענדיק פאַרטראַכט, האָט זי פּלוצלינג דער־זען קעגן־איבער אויף אַ בוים אַ שוואַרצע קראָ, וואָס האָט זי אַזוי אבלדיק אָנגעקוקט, אויסציענדיק צו איר דעם האַלז מיטן שנאָבל, אַז זי האָט געפילט, ווי די קראָ לעכערט איר דאָס האַרץ דורך... זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, מורא האָבנדיק ווייטער צו גיין, און האָט אָנגעהויבן טאַפּן אויפן האַרץ די קמיע, וואָס די שווי ער האָט איר פאַרן טויט איבערגעגעבן... דאָ האָט זיך פּלוצלינג פון זייט וואַלד דערהערט אַ באַקאַנטן ניגון פון לערנען... זי האָט אַ קער געטון דעם קאָפּ און דערזעען אַרום אַ טיש אַלטע יידן מיט לאַנגע ווייסע בערד, אין טליתים געהילט. אויבן־אָן איז געזעסן דער שווער... פאַר שרעק האָט איר אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן... זי האָט געפילט, ווי ס'פאַרשווינדט די ערד אונ־טער די פיס... עמעץ נעמט זי אָן באַם אָרעם... זי האָט די אויגן געעפנט... לעבן איר איז געשטאַנען דער שווער... זי האָט אַ פאַרציטערטע שטום אים אָנגעקוקט... דער שווער האָט אַרויפ־געלייגט די האַנט אויף איר קאָפּ און געזאָגט: „שרעק זיך נישט, מיין קינד. שווער מיר נאַר, אַז אַזוי ווי איך וועל לעבן, וועסטו קיינעם נישט דערציילן, וואָס דו האָסט ערשט געזען... גיי אַהיים, עס וועט שוין רעכט זיין... געדענק נאַר, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט..."

אַ גאַנצע נאַכט האָט שוין שרה נישט געקענט רויק שלאָפן... מאָדנע שווערע חלומות האָבן זיך איר געפּלאָנטערט, און זי האָט יעדע מינוט אויפגעכאַפּט זיך מיט אַ כליפּען. פון דעם שווערס

צימער האָט זיך געהערט, ווי ער גייט אַרום אין זאָקן און לערנט שטיל. פון צייט צו צייט האָט די שטילקייט דורכגעבראָכן אַ טיפער קרעכץ, באַגלייט פון אַ גמרא־ניגון... ווען זי איז אויפגעשטאַנען מיטן פריסטן באַגינען און אַרויסגעגאַנגען אויסמעלקן די קו, האָט זי זי געפונען אויסגעצויגן אויף דער ערד, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ מיט פאַרגלאָצטע אויגן. עס האָט איר אַ ריס געטון באַם האַרץ און זי איז אַריין אין שטוב מיט אַ געוויין. באַ דער טיר האָט זי גע־טראָפן דעם שווער. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויף די ליפן... שרה האָט זיך גענומען „טרעסאָס" פגירה שטאַרק צום האַרץ און האָט נישט אויפגעהערט וויינען. דעמאָלט איז ער צו איר צוגעגאַנגען און זי שטיל באַרויקט: „וויין נישט, שרהלע, דאַנק דעם רבונו של עולם, וואָס ער האָט מיין געבעט אָנגענומען... ער האָט ד י ך געוואָלט צונעמען... אַ מוטער פון אַ קינד... אָדער כאָטש דאָס קינד פון דער מוטער... האָב איך געפועלט, אַז ער זאָל זיך באַגניגענען מיט דעם קרבן... באַרויק זיך און גיי וועק אויף לייזערן. מיר דאַרפן באַלד אַרויסגיין אין ברויז".

ר' אייזיק דער ברויער האָט אַ חוץ זיין עלטערן זון, לייזערן, געהאַט נאָך אייניקע בתולות און אַ מיזיניקל, זעלמעלע. לייזער איז זיך געווען אַ פשוטער ייד, נישט קיין למדן, נישט קיין עם־הארץ, אַזוי אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר. זיין אמתער יורש, דער יורש רוחני, האָט געשיינט צו זיין זעלמעלע. נאָך אַלס קינד האָט ער אַרויסגעוויזן זעלטענע חריפות, און דער טאַטע האָט אויף אים גע־לייגט גרויסע האָפנונגען. געווען איז דאָס אַ קינד אַ שטילס, אַ מאָגערס, מיט אַ בלייך, פאַרטראַכט פנימל, שטענדיק געקרענקט, נאָר צום לערנען האָט ער אַרויסגעוויזן אַ זעלטענע התמדה.

הושענה־רבה, ווען זעלמעלע איז שוין געווען אַ רעכט בחורל, האָט אים דער טאַטע געשיקט מיט אַן אתרוג צו אַ באַקאַנטן ישובניק, וואָס האָט געוווינט אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, ווייט פון שטאָט. דער גאַנצער וועג, פון אַן ערך אַ שעה גאַנג, האָט געפירט דורך דעם וואַלד, וואָס איבערן טייכל. יאָר איין, יאָר אויס פלעגט ר' אייזיק שיקן צו הושענה־רבה דעם ישובניק זיין לולב מיטן

אתרוג. תמיד פלעגט דאָס שליחות אויספירן דער עלטערער זון, לייזער, דאָס מאָל האָט ער שוין געשיקט זעלמעלען... זעלמעלע האָט זיך אויך דערפרייט, וואָס דער טאַטע גיט אים איבער אַזאַ וויכטיקע שליחות.

די גאַנצע נאַכט פון הושענה-רבה איז ר׳ אייזיק דער ברויער געזעסן באַ אַ ליכט, פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין ספרים און שטיל געלערנט. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך פלוצלינג אויפכאַפּן, צוגיין אומרויִק צום פענצטער און אַרויסקוקן צום פעלד... ער האָט, קענטיק, געוואָלט דערגיין, צי עס לעשן זיך שוין נישט אויס די אומרויִקע שטערנדלעך, אויב אויפן הימל פון איבערן שפּיץ וואַלד באַווייזן זיך שוין נישט די ערשטע קנייטשן פונם קומענדיקן מאָרגן... און ווען אַ ווייסער שטרייף האָט פלוצלינג באַלויכטן דעם פאַרהילטן וואַלד, האָט ער גענומען דאָס ליכט אין האַנט, צוגעגאַנגען צו זעלמעלעס בעטל און אים געוואָלט אויפוועקן... נאָר דאָ איז ער אַ רגע שטיין געבליבן... זעלמעלעס רויִק, בלאַס פנימל, וואָס האָט מיט האַלב-אָפענע אויגן און אויסגעשפרייטע נאַז-לעכער אַרויסגעקוקט פון אונטער דער דעקע האָט אים ווי געשראָקן... ר׳ אייזיק האָט אַ לייכטן ציטער געטון: ער האָט זיך, קענטיק, מיט עפּעס געראַנגלט... באַלד אָבער האָט ער אָנגענומען זעלמעלעס האַנט און אים אויפגעוועקט. אַז זעלמעלע איז שוין געווען גרייט, האָט אים ר׳ אייזיק געהייסן מיטנעמען די תפילין אין קעשענע, אים דערלאַנגט דעם לולב אין איין האַנט, דעם אתרוג אין דער אַנדערער, אַרויפגעלייגט די הענט אויף זיין קאָפּ און אים עפּעס צוגעוווּנטשן, אָנזאָגנדיק דערביי, ער זאָל זיך אין וועג נישט פאַרזוימען... ער האָט נאָך אַליין קיין אתרוג נישט געבענטשט...

באַדאַרפט האָט זעלמעלע צוריקקומען נאָך גאַנץ פרי. נאָר אַז די צייט פון קריאת-שמע האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז פאַרבייגיין, איז מען באַ ר׳ אייזיקן אין הויז געוואָרן אומרויִק. ר׳ אייזיק אַליין איז די גאַנצע צייט געזעסן פאַרמאַכט באַ זיך אין חדר. לייזער מיט אַ גוי, להבדיל, זענען אַוועק אין וואַלד אים זוכן. לייזער איז אויך דערלאָפן ביז צום ישובניק, וועלכער האָט זיך געוווּנדערט,

וואָס מען האָט אים דאָס מאָל נישט געבראַכט דעם אתרוג. פון זעלמעלעס שליחות האָט ער נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. זיי האָבן דעם וואַלד דורכגעזוכט אין דער לענג און אין דער ברייט, און זעלמעלען איז נישט געווען צו געפינען. זיך אומקערנדיק אַהיים מיט ליידיקן, האָט לייזער פלוצלינג דערזען דעם לולב הענגענדיק אויף אַ בוים... ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ דערביי מוז ערגעץ־ווו זיין זעלמעלע. און באַלד טאַקע האָבן זיי אים געפונען זיצנדיק אויף אַ דערבייאיקן בוים מיט פאַרשטאַרטע, אויסגעגלאָצטע אויגן. זיי האָבן אים אַראָפּגענומען, פּרובירט מיט אים רעדן, נאָר אומזיסט. ער איז אין גאַנצן שטייף געווען. אַהיים האָט מען אים שוין געבראַכט אַ טויטן.

אַז די שנור איז אַריינגעגאַנגען צו ר׳ אייזיק דעם ברויער אין חדר אָנזאָגן, אַז מען האָט געפונען זעלמעלען, האָט זי אים געטראָפן זיצנדיק איבער אַ ספר... זי האָט פאַר שרעק אַ וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן, און איז באַ דער טיר שטיין געבליבן פאַרציטערט. ענדלעך האָט זי זיך געפאַסט און געזאָגט: „איר ווייסט, שווער, מען האָט געפונען זעלמעלען"... און אַזוי ווי ער איז געזעסן, פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין ספר, איז ער זיצן געבליבן... ער האָט נאָר אויפגעהויבן זיינע לאַנגע מוראדיקע ברעמען און פון אונטערן שטערן געקוקט אויף איר מיט אַזוינע אויגן, וועלכע זי האָט נאָר באַ אים געזען דעמאָלט אין וואַלד... אַ קליינע רגע האָט ער זי אַזוי אָנגעקוקט און באַלד זיי באַהאַלטן צוריק אונטער די פאַרצויגענע ברעמען. נאָך אַ רגע איז פאַרביי, און זי האָט גאַנץ דייטלעך געהערט, ווי ער האָט צו זיך גערעדט: „יאָ, איך האָב עס פריער געוווּסט... יום כּפּור איז שוין געחתמעט געווען. האָב געהאָפט... זיך באַמיט, מען זאָל צו הושענא־רבה ענדערן... די לעצטע פּראָבע אָנגעווענדט... אים דאָס שליחות איבערגעגעבן... געגלייבט, מען וועט מיך נישט לאָזן אָן אַן אתרוג... דער בית־דין של מעלה האָט אָבער נישט געוואָלט... מען האָט איינמאָל געפּסקנט איך זאָל זיין דער לעצטער... מער זאָל אין אונזער משפּחה קיין לערנערס נישט זיין..."

אַז ער האָט אין אַ רגע שפּעטער נאָך אַמאָל אויפגעהויבן די

ברעמען און דערזעען די שנור נאָך שטייענדיק בײַ דער טיר, האָט ער אויסגערופן: „אָ, שׂרהלע, דו ביסט נאָך דאָ?... ווי, דו וויינסט?... וויין נישט, וויין נישט, טאָכטער... ס'וועט נישט גאָר נישט זיין... השם יתברך האָט אַזוי געוואָלט, אין אונזער משפחה זאָל מער קיין ערגערס נישט זיין..."

4.

קיין גרויסע שנוים זענען אין דעם געל־געשטריכענעם הויז נישט פאָרגעקומען, בעת עס איז אָפּגעשטאָרבן זיין עלטערער בײַ־לעבאָס און זיין אָרט האָט פאַרנומען דער יורש. אויסערלעך, האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז געבליבן בײַם אַלטן. דאָס זעלבע הויז, דאָס זעלבע הכנסת אורחים, דער זעלבער מקום מקלט פאַר צענד־ליקער אביונים און דלפנים, מיטן זעלבן שם אין די ווייטע מקומות אַריין. און כאָטש אַלע האָבן געוווּסט, דאָס ר' אייזיקלס זון, ליי־זער, געהערט שוין נישט צו די למדנים, האָט ער פונדעסטוועגן געגאָסן דעם זעלבן כבוד, די זעלבע ליבע, וואָס זיין פאַרשטאָר־בענער פאָטער. וואָרים ווי מיט זיין געשטאַלט, אַזוי מיט זיינע מעשׂים, האָט ער אינגאַנצן דערמאַנט ר' אייזיקלען. די יראה אָבער, וואָס יעדער איינער האָט אַמאָל געפילט טיף בײַ זיך אין האַרץ צו זיין פאָטער, האָט, פאַרשטייט זיך, געפעלט. בפני עם ועדה אָבער האָט עס קיינער נישט אַרויסגעוויזן.

דאָס אייגענע איז אויך געווען, ווען ליזער איז געשטאָרבן און דאָס איז אַריבער צו זיין עלטערן זון איציקן. קיין שנוים האָבן זיך דאָ אויך נישט געמערקט. דאָס איינציקע, וואָס האָט זיך גע־ענדערט, איז געווען דער נאָמען. האָט מען פריער דאָס הויז גע־רופן ר' אייזיק דעם ברויערס, האָט מען עס שפּעטער גערופן ליזער דעם ברויערס, איציק דעם ברויערס. דערבײַ האָט מען קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם אור־פאָטער, דעם גרינדער פונם הויז, זיין נאָמען

האָט מען שטענדיק דערמאָנט צוזאַמען מיטן נאָמען פון באַלעבאָס, אָדער דאָס האָט זיך פאַרשטאַנען פון זיך אַליין. ביז צום לעצטן דור האָט זיך אַזוי געצויגן. באַם לעצטן דור האָט מען ר׳ אייזיקלס נאָמען נאָך אָפטער אָנגעהויבן דערמאָנען ווי פריער, אָבער שוין מיט אַ זיפץ, מיט אַ קרעכץ. . .

קיין לערנערס זענען זיי שוין קיינער נישט געווען. אַלע זע־נען זיי געווען יידן פשוטע, גוטמוטיקע, אָפּגעהיטע, געלעבט מער פאַר גאָט און פאַר לייטן, ווי פאַר זיך. אַלצדינג, אַלע פּיפּטשיקעס האָבן זיי איבערגענומען איינער פונם צווייטן. אַלע זענען זיי גע־ווען יידן הויכע, דאַרע, מיט שוואַרצע פּנימער, שוואַרצע, גלאַנצי־קע אויגן און שוואַרצע געקרייזלטע באָרד און פאות.

אַזוי האָבן זיי געלעבט אין דעם געל־געשטריכענעם הויז, צופרידן מיט גאָט און מיט דער וועלט, און פון גאָט און פון דער וועלט געזאָכט און געליבט.

נאָר אייביק גוטס איז, אַפנים, נישטאָ, באַ אונז יידן, לכל הפחות, נישט. גאָט פירט שוין אַזוי זיין וועלטל דאָס צופיל גוטס טיילט ער איינעם לאַנג נישט צו. יעדער מוז געפּרוּווט ווערן. אויף דעם איז דאָך באַשאַפן געוואָרן דער שטן מקטרג, ער זאָל אויס־איבן זיין שליטה, וווּ נאָר ער קען. און דעם שטן מקטרג האָט, אַפנים, פאַרדראָסן, וואָס עס שטייט אַ געל־געשטריכן הויז מיט אַ ווייסן קוימען און פאַנעבעם דאָך ערגעץ דאָרטן אויף אַ בויגונג, נישט ווייט פון וועג, וואָס פירט נאָכן שטעטל מייזישאָק, און שמט יאָרן לאַנג אין דער וועלט אַריין. און אַז ס׳איז געקומען אַ שעת הכושר, האָט ער באַלד אויסגעאיבט זיין שליטה אויף דעמדאָזיקן הויז און פאַרשפּרייט זיינע שוואַרצע פליגלען ווייט אַרום אים. . .

5.

עס איז געווען די צייט פון דער בהלה. זינט גאָט פלאָגט זיין פאָלק ישראל, האָט ער קיין גרעסערע מגפה שוין נישט געקאָנט באַשאַפן, ווי די בהלה. איר, יינגע קינדער, וואָס איר שפילט זיך אין סאָלדאַטן, אָנציענדיק אַ ביקס אויפן רוקן און אַ שווערד באַ דער זייט, מאַרשירנדיק פריי אין פעלד מיט „גענעראַלן" פאָראויס, זינגענדיק דערביי סאָלדאַטסקע לידער, — איר קאָנט זיך גאָרנישט משער זיין, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ מגפה-צייט. נאָר דער, וואָס האָט עס אַליין איבערגעלעבט, דער, וואָס האָט די מגפה אויף זיך געשפירט, קאָן דערפון אַ באַגריף האָבן. קינדער פון חדר, ממש קינדער פון די וויגן, פון דער מאַמעס ברוסט, פלעגט מען צונעמען און אַוועקפירן אין די גובערניעס אַריין, ווו מען האָט זיי אָנגעטון ענוים קשים, געפּייניקט, אָפּגעשמדט און פאַרשיקט אין מלחמות, פונוואַנען מען איז שוין צוריק נישט געקומען. און טאָמער האָט אין צוואַנציקער יאָרן אַרום איינער פון טויזנט יאָ צוריקגעקערט מיט קרוקעס אונטערן אָרעם, אָדער אפילו שוין מיט אַלע אברים, — ווער האָט אים דערקענט, און וועמען האָט ער געפונען! טאַטע-מאַמע שוין לאַנג געשטאָרבן, ברידער און שוועסטער — צעזייט אויף שבעה ימים, דאָס אַלטע דור אויסגעשטאָרבן, דאָס נייע דור — פרעמד; און אַזוי פלעגט דער צוריקגעקערטער אַרומבלאָנקען ווי אַ פאַרוואָגלטער אין די בלאָטיקע געסלעך פון זיין געבורטס-שטעטל, נאָך וועלכן ער האָט אַזוי שטאַרק זיין גאַנץ לעבן געבענקט.

און אַז איינע, אַן אַלטע מוטער, האָט דעם צער יאָ אַריבערגעלעבט און געזעסן ווי אין אַ ווינקל חורבה, פאַרגעסן פון גאָט און פון דער וועלט, געזעסן און געקלאָגט נאָך איר געליבט קינד, מיט בלינדלעכע אויגן, ווו דער קוואַל פון טרערן האָט שוין לאַנג

אויסגעטריקנט, — צי האָט דען די מוטער געקענט אַרומנעמען איר „אויג אין קאָפּ", וואָס האָט צו איר די הענט אויסגעשטרעקט, אַז דאָס אומגליקלעכע קינד האָט שוין אַ יידיש וואָרט נישט געדענקט און דער צלם אויפן האַרץ האָט בײַ אים דאָס רוב דורך די קליידער אַרויסגעקוקט?!...

צו דער צייט זענען בײַ ר' אייזיק דעם ברויערס אייניקל, איציקן, געבוירן געוואָרן צוויי זין: אייזיק און מיכה. ווען די יינגלעך האָבן אָנגעהויבן אונטערוואַקסן, האָט דער פּאָטער מיטאַמאָל באַמערקט, דאָס די כאַפּערס האָבן געוואָרפן אויף זיי אַן אויג און דאָס זיי לויערן אַרום זיין הויז, ווי די שפּיר־הינט. דעם פּאָטער האָט עס טאָפּלט געקרענקט. וואָרים פון קדמונים אָן איז אין דער גאַנצער וועלט געווען ידוע, אַז אויף ר' אייזיקלס הויז טאָר אַ גויעשקע האַנט קיין שליטה נישט האָבן... די כאַפּערס האָבן עס אויך נוט געוווסט, און זיי האָבן אַפילו דאָם מויל נישט געשפּאָלטן אַ קלער צו טון, אַרויפצולייגן זייער טריפהנע האַנט אויף ר' אייזיקל דעם ברויערס אַן אייניקל.

באַדאַרף אונז גאָט פּלאָגן מיט אַ כאַפּער מאָטקע, וועמען מער ווי שמד האָט נישט געפעלט: ער האָט פון אונזער שטעטל און פון דער גאַנצער סביבה אַרום געמאַכט אַ תל, אַן אמתן חורבן. האָט ער אויף איינעם געוואָרפן אַן אויג, האָט שוין יענער געמעגט אָפּזאָגן די קירצע ודוי. און געווען איז דאָס אַ משומד צולהכעיס. כאַפּן דווקא איין־איינציקע, אָדער אַזוי קינדער פון שיינע באַלעבאַטים, וווּ קיינער ביז אים האָט די העזה נישט געהאַט אַרייַנצושמעקן. און אַזוי האָט ער אויך געוואָרפן אַן אויג אויף דעם געלנעשטריכענעם הויז.

געזאָגט האָט מען, אַז דאָס נעמט ער נקמה, ווייל זיינס אַן עלטערן ברודער האָט מען אַמאָל צוגענומען אין רעקרוטן פאַר אַ גביריש קינד, איבער וואָס זייער אַלטע מוטער איז פון דער וועלט געגאַנגען...

פיל מי און כוחות איז אויסגעקומען אָוועקצולייגן דעם באַלעבאָס פונם געל־געשטריכענעם הויז אויף אויסצוהיטן זיינע זין

פון גויעשע הענט. נישט איינמאָל האָט מען זיי געמוזט אוועקפירן פון דער היים און באַהאַלטן דאָ בײַ אַ באַקאַנטן גוי, דאָ אין ברויז, אין וואַלד אָדער ערגעץ ווו אין אַ הייל... אַ געוואַלטיקע מורא פלעגט באַפאַלן דאָס הויז, ווען מען האָט דערפילט, אַז מאַטקע דער כאַפּער מיט זיינע שפּיר־הינט דרייען זיך אַרום בײַם וואַלד און שמעקן נאָך יעדן טריט זייערן, יעדע באַוועגונג. נעכט פלעגט מען אין דעם הויז אויף־זיין און מיט טיפן שרעק אין די אויגן שטייען בײַם פענצטער און אַרויסקוקן אויפן שפּיץ וואַלד, ווו שוואַר־צע מוראדיקע שאָטנס האָבן אָפּט אַרומגעשפּוקט, ווי די וואַלד־שדים, און אָנגעטראָגן אַ פּחד אויף דער גאַנצער סביבה אַרום...

אַזוי זענען די קינדער געוואַקסן אין שרעק און אין ציטער ביז זיי זענען שוין געוואָרן רעכטע בחורים.

אייזיק דער עלטערער איז געווען אינגאַנצן געראָטן אין די אבות. דער יינגערער מיכה איז שוין געווען אַ ביסל נידעריקער אין ווּקס, נאָר מיט פעסטע, ברייטע פּלייצעס, אַ הויכע, שטאַרקע ברוסט און געווונטע הענט און פיס. שוין אין די קינדער־יאָרן האָט ער געשמעקט פאַר אַ גבור, צו בר־מצווה האָט ער געוואָרפן פעסלעך בראָנפן ווי די פּילקעס, און אַז ער איז געוואָרן אַ רעכטער בחור, האָט ער אַרויסגעוויזן אַזאַ גבורה, אַז די גאַנצע סביבה האָט פאַר אים געציטערט.

הויבט עס אָבער אָן אַ ייד צו גיין באַרג אַראָפּ, גייט עס שוין פון זיך. באַדאַרף אַראָפּקומען פון אויבן אַ באַפעל, אַז בראָנפן־ברויזער איז פאַרבאָטן צו האַלטן. און באַלד טאַקע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מענטשן מיט בלאַנקע קנעפּלעך און געהייסן צעשטערן די ברייזער, אַז נישט וועט מען באַצאָלן קורחס אוצרות און נאָך פאַרפוילט ווערן אין תּפיסה. גיט זיך אָבער אַ ייד אַן עצה: צעשטערט ער דאָס ברייזל, וואָס שטייט אויפן רעכטן ברעג טייכל, שפּרייזט אַריבער דאָס טייכל אויף זיין לינקער זייט, גייט אַריין טיף אין וואַלד און בויט דאָרט אויס אַ מרחץ... בלייבט דאָך אַ קשיה: צוואָס באַדאַרף מען אַ מרחץ אין מיטן וואַלד, ווו קיינער וווינט נישט?... האָבן אָבער דעם תּירוץ אַלע געוווּסט... און טאַקע האָט איינער מיט אַ שטיקל קנעפּל, אַ

האַרטער גויעשקער קאָפּ, דעם תּירוץ נישט רעכט פאַרשטאַנען, האָט אים שוין אַ האַרטע מטבע געגעבן צו פאַרשטיין...

פון דעמאָלט אָן אָבער איז די בראָנפן־ברויערײַ געוואָרן פאַרבונדן מיט שוועריקייטן, מיט מסירת הנפש. מען האָט שוין געמוזט אַרבעטן בײַ דער נאַכט, אויספירן די „לינקע" אויף קרומע וועגן, ווען דער גראַדער איז נישט געווען רעכט געשמירט...

דער באַלעבאָס פונעם געל־געשטריכענעם הויז האָט שוין געהאַט זײַנע געטרײַע גוים, וואָס פלעגן אים די אַרבעט אָפּטון גלאַט. אויך ווען מיכה איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער זיך אונטערגענומען צו פירן די „לינקע", וואָרים ער האָט פאַרן טײַוול אַליין קיין מורא נישט געהאַט. אדרבה, מען פלעגט נאָך פאַר אים מורא האָבן, אפילו אַזעלכע שדים, ווי מאַטקע דער כאַפּער מיט זײַנע גויים, האָבן געציטערט זיך צורירן צו אים. דעריבער האָבן זיי טאַקע געשליפן די ציין אויפן עלטערן אײַזיקן, ביז עס האָט זיך זיי דאָס סוף־כּל־סוף אײַנגעגעבן.

6.

עס איז געווען אַ טיפע האַרבסט־נאַכט. שטיל איז געלעגן דאָס געל־געשטריכענע הויז אויף דער בייגונג, אײַנגעוויקלט אין שוואַרצן טלית, וואָס די נאַכט האָט אים אַ מתּנה געבראַכט... קוים־קוים האָט דער שוואַרצער טלית זיך באַוועגט פונעם קאַלטן, בייזן ווינטל, וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם וואַלד איבער דעם טײַכל און איבער די ברייטע אָפּגעשניטענע שאַרביקע פעלדער, פאַרטרויענדיק אַ כּוראַדיקן סוד דעם אַלטן דעמב, וואָס איז געשטאַנען בײַם ווינקל הויז און מיד געשאָקלט זײַן אַלטן, גרויען קאָפּ, אונטערקרעכצנדיק דערבײַ מיט זײַנע גילע, פאַרוועלקטע בלעטער... און קוים־קוים האָט זיך געהערט אַ שטיל־וויינענדיקער ניגון, וואָס האָט זיך פון

איינטערן טלית געריסן, אַזוי ווי פֿונם אַלטן הויז וואָלט זיך אַ שטילע נאַכט תפילה צום אויסגעשטערנטן הימל געטראָגן...

און טיף־באַוועגט האָט די תפילה געמוזט זיין... וואָרים די שטערן, אָט די אייביקע שטומע עדות פֿון מענטשלעכער פּיין און קומער, האָבן שמערצלעך געפּיבערט באַם קלענסטן ציטער פֿון דער שטילער נאַכט־תפילה... און קענטיק איז געווען, אַז זיי האָבן די תפילה תיכּף צום כּסא הכּבוד געטראָגן און פֿאַר אים מתפּלל געווען, ער זאָל דאָס שטילע געבעט פֿון ר׳ אייזיקלס הויז אָננעמען... און באַלד האָבן זיי צוריקגעטראָגן די תשובה, וואָס נאָר הימל און שטערן אַליין האָבן זייער סוד געוווסט... נאָר פֿון די געבראָכענע, ציטערדיקע שטראַלן, דורך וועלכע זיי האָבן די תשובה דעם הויז אַראָפּגעשיקט, איז נראה געווען, אַז דאָרטן, ווו דער שטן־מקטרג האָט זיין שליטה, וויל זיך השם יתברך נישט אריינמישן...

און דער שטן־מקטרג האָט, אַפּנים, יענע נאַכט שטאַרק געאַרבעט...

מאָטקע דער כאַפּער האָט אַ לאַנגע צייט געהאַט געלאָזט צוזען דאָס נעל־געטשריכענע הויז, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ווי באַרויקן פֿונם שרעק, אין וועלכן ס׳איז אַריינגעפֿאַלן כּמעט פֿונם ערשטן טאָג אָן, וואָס די קינדער זענען געבוירן געוואָרן... עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס הויז האָט צוריק באַקומען זיין אַמאָליקע מנוחה, אין וועלכער ר׳ אייזיקל האָט עס איבערגעלאָזט. נאָר אין דער אמתן האָט זיך עס מער נישט ווי געדוכט. אָט די אַלע יידן בע־ונדניקעס, וואָס האָבן זוכטער דעם פֿאַנענעם דאַך פֿון ר׳ אייזיקלס הויז אַליין געזוכט אַ שטיקל מנוחה, נאָך וועלכער זייערע צעבראָכענע גייסטער האָבן אַזוי שטאַרק געלעכצט.

אין ר׳ אייזיקלס הויז האָט שוין די אַמאָליקע רו זיך נישט צוריקגעקערט. צו טיף האָט זיך די שרעק אין אים איינגעוואָרצלט, זי זאָל קאָנען פֿון דאָרטן אַזוי לייכט אָפּטרעטן. מען האָט עס געוווסט און געפֿילט... מען האָט די שרעק טיף באַ זיך אין האַרץ באַגראָבן... און אין די פֿינצטערע האַרבסט־נעכט, ווען דער ווינט פֿונם וואַלד פֿלעגט אומרויִק קלאַפּן באַם פֿענצטער, פֿלעגט

דאָס גאַנצע הויז אויפגעציטערט און, פאַרגראָבנדיק זיך אין זײַן נאַכט-טלית, שטיל מתפלל זיין.

נאָר צווישן די תפילות און נאָט איז דער שטן געשטאַנען. . .

מאָטקע דער כאַפּער מיט זיינע „כלבים" איז שוין אין יענער נאַכט געלעגן פאַרשטעקט אין וואַלד און גוט נאָכגעשפּירט, וואָס עס קומט פאָר אינם הויז. און אַז זיי האָבן געזען, דאָס דער פאָטער מיט מיכהן זענען אוועק אין ברויז, און אין הויז איז פאַרבליבן אייזיק אַליין מיט דער מוטער, האָבן זיי שטיל זיך אַריינגעגנבעט אין הויז און אַוועקגערויבט אייזיקן. און אַז די מוטער איז געקומען צו לויפן אין וואַלד מיט אַ שרעקלעכער יללה. איז דער פאָטער שיער נישט געפאַלן חלשות. מיכה איז שוין אין וואַלד נישט געווען. ער איז געווען אַוועקגעפאָרן מיט „לינקע".

נאָר אַ נס האָט נאָך געדאַרפט פּאַסירן. מיכה איז געפאָרן צוריק מיט ליידיקע פעסלעך און אָפּגעהאַלטן אין אַ קרעטשמע. אַריינקומענדיק אין שטוב, האָט ער געטראָפן מאָטקע דעם כאַפּער מיט אייניקע גויים שלאָפנדיק אויף בענק. דאָס האַרץ האָט אים באַלד געזאָגט, אַז זיי פירן דאָ זיין ברודער אייזיקן. דער בעלעבאָס פון דער קרעטשמע, אַ באַקאַנטער ייד, האָט אים אויך באַלד מגלה סוד געווען, אַז בײַ אים אין לעצטן צימער ליגט זיין ברודער אייזיק געבונדן אונטערן שלאָס. אַז מיכה האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַזאַ געוואַלטיקן ברום, אַז טיר און פענצטער האָבן אָנגעהויבן ציטערן. די כאַפּערס זענען פאַר שרעק אַראָפּגעפאַלן פון די בענק.

און באַלד טאַקע האָט מיכה אָנגענומען מאָטקע דעם כאַפּער פאַרן האַלז און אים געשלעפּט צום חדר, וווּ אייזיק איז געלעגן, ברומענדיק דערבײַ מיט אַ מוראדיק ווילד קול: „קום, משומד! ווייז מיר אָקאָרשט, ווו האָסטו מיין ברודער אַהינגעטון? קום איך וועל דיך שוין לערנען, ווי מען בינדט מיינס אַ ברודער און מען פירט אים אין רעקרוטן!... קום, וואָרים איך קוועטש דיר באַלד אַרויס דיין הינטישע נשמה, אַז דו וועסט פּגרן אָן וידוי... קום,

אַז נישט...״ נאָר דאָ האָט זיך מיכהס קול פּלוצלינג אָפּגעריסן...

מאָטקע דער כאַפּער האָט זיך געריסן פון זיינע הענט, רופנדיק מיט אַ פאַרשטיקט קול זיינע גויים צו הילף. די גויים, אַ מאַן זעקס, האָבן שוין זיך געהאַט אַ לאָז געטון ראַטעווען זייער מאָטקעלען. נאָר בזה הרגע האָט זיך עס באַ מיכהן אָפּגעריסן דאָס קול... ער האָט אַ שטויס געטון מאָטקען פון זיך, דערלאַנגענדיק אים מיטן פויסט איבערן פּנים. אַ שטראָם בלוט, צוזאַמען מיט אַ קופּע ציין, האָט זיך באַ מאָטקע דעם כאַפּער אַ גאָס געטון. אַז די גויים האָבן דאָס דערזען, זענען זיי, ווי אונטערגעשאָסענע האָזן, זיך צעלאָפן... און מאָטקע דער כאַפּער, קויקנדיק ווי אַ הונט, איז אויף אַלע פיר זיי נאָכגעקראָכן.

אַ קליינע רגע איז מיכה נאָך שטיין געבליבן מיט די פויסטן אין דער לופטן, ווי ער וואָלט אויף עפּעס געוואַרט... נאָר קיינער איז נישט געקומען... ער האָט זיך אַ קער געטון צו דער טיר פונם צימער, וווּ זיין ברודער איז געלעגן און האָט אויסגערופן:

„אייזיק! דו ביסט דאָ?...״

„יאָ, מיכה...״ — איז געווען דער ענטפער.

„טאָ גיי אַוועק פון דער טיר!...“ — האָט אים מיכה באַפוילן. און אַזוי ווי עס זענען געשטאַנען די סלופּעס פון דער טיר, האָט זיי מיכה אָנגענומען מיט ביידע הענט. איין שטויס! — און די טיר מיט די סלופּעס זענען אַרויס פון זייער געשטעל...

מיכה האָט אייזיקן באַפרייט פון די שטריק און אים אָפּגעפירט אַהיים. מאָטקע, דער רעקרוטן-כאַפּער, איז אַ צייט נאָך דעם אָפּגעלעגן קראַנק און זיין גאַנץ לעבן האָט ער שוין נישט גערעדט, נאָר געקוקעט ווי אַ הונט. דערפאַר אָבער האָט ער שוין נישט גערוט, ביז עס איז אים איינמאָל פּאָרט געלונגען אַוועקצורויבן אייזיקן און אים אַוועקצופירן אויף אייביק.

די עלטערן האָבן די ווייטיק נישט געקענט אַריבערטראָגן. די מוטער איז באַלד נאָך זיעם געשטאָרבן. דער פאָטער האָט נאָך אַ שטיקל צייט געצויגן, ביז ער איז אין אַ העלן טאָג אויסגעגאַנ-

גען ווי אַ ליכט... און מיכה איז פאַרבליבן דער איינציקער יורש.

אַזוי איז דאָס געל־געשטריכענע הויז צום ערשטן מאָל באַפלעקט געוואָרן...

7.

אַז מיכה האָט חתונה געהאַט און געוואָרן באַלעבאָס, האָט זיך דאָס הויז אינגאַנצן אומגעביטן. עס איז שוין נישט געווען דאָס הויז פון אַמאָל מיט אירע אָפענע טירן פאַר דער גאַנצער וועלט, מיט איר אַלטן, אַלטן אומבאַפלעקטן שם ווייט אַרום, מיט איר שטילן גוטמוטיקן באַלעבאָס, וואָס פלעגט יעדן איינעם אַנטקעגן קומען מיט אַ צופרידן פנים. דאָס הויז, וואָס יאָרן לאַנג פלעגט קיין יידישער וואַנדערער אָדער אַזוי פאַרבייגייער נישט פאַרביילאָזן, וואָס יעדער איינער האָט געפילט ווי פאַר אַ חוב אין דעם הויז אַריינצוקערן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ס'איז געשטאַנען אָפגערוקט אַ שטיק פון וועג. — אָט דאָס הויז האָט מען איצט אָנגעהויבן וויכן, פאַרבייגיין, וואַרפן פון ווייטן אַ בליק און אַרויסלאָזן אַ זיפץ... אמת, קיין שום מענטש האָט פון מיכהן נישט געזען קיין עוולה, נישט געהערט קיין מעשה רעה. נאָר זיין געשטאַלט, זיין אויסזען איז געווען אַזוי פאַרשידן פון זיינע אבות, האָט געטראָגן אין זיך אַזאַ פאַרבאָרגענע ווילדע קראַפט, דאָס יעדער איינער האָט געפילט אַ נישט קלאָרן פחד אין זיין קעגנוואַרט.

מענטשן, וואָס האָבן אים נענטער געקענט, האָבן דערציילט, אַז מיכה איז בטבע אַ גוטער, נישט קוקנדיק אויף זיין אויסערלעך ווילדן אויסזען. אין יידישע דינים און מנהגים האָט ער געהאַט גאַנץ קנאַפע ידיעות. אפילו עברי האָט ער קוים געקענט. זיין גאַנץ לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין וואַלד און אין ברויז. שטענדיק

האָט ער געהאַט צו טון נאָר מיט גויים, און אין שטוב האָט מען אים ווינציק=וואָס געטראָפן. דאָס שטענדיקע לעבן אין וואַלד, דאָס אַרבעטן בײַ דער נאַכט, דאָס זיין אַרומגערינגלט נאָר פון גויים, דער פּחד, די שרעק פאַר אַ פרעמד שלעכט אויג, — דאָס אַלץ האָט אין אים אַנטוויקלט דאָס פרעמדן זיך פאַר מענטשן, אַ נישט=צוטרוי צו יעדן אומבאַקאַנטן און אויך באַקאַנטן מענטש. אויך האָט אַזאַ מין לעבן אין אים דערוועקט אַ פאַרבאָ־גענעם כעס, וואָס פלעגט ס'רוב אויפפלאַקערן אין זיינע אויגן, בשעת ער האָט געוואָרפן אַ חשד אויף עמעצן. דעמאָלט איז ער געווען געגליכן צו אַ ווילדע חיה פון וואַלד. בײַ זיינע גויים האָט ער אויך קיין אַנדערן נאָמען נישט געהאַט, ווי „דער לייב". פון זיינס אַ ברום, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט, ווערנדיק אין כעס, פלעגן די פייגל און די חיות פון וואַלד פאַרציטערטע זיך צעפליען. זיין אמתן כעס האָט ער אָבער זעלטן אַרויסגעוויזן.

זיין פרוי שרה, אַ טאָכטער פונם פאַרשטאָרבענעם מיינישאָקער דיין ר' יאָסל, איז געווען אַ קליינע, דאַרע און בלייכע יידענע. תמיד איז זי אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַרזאָרגט פנים, פאַרצאַרנטע אויגן, שטום, זעלטן=ווען מען האָט געהערט פון איר אַ וואָרט אויסרעדן. אַ יאָר נאָך דער חתונה האָט זי געבוירן אַ יינגל, וועלכן זי האָט אַ נאָמען געגעבן יאָסל, נאָך איר פאָטער. בײַ דער געבורט האָט זי שיער נישט באַצאָלט מיט איר לעבן. נאָר על פי נס, האָבן ווייבער פון יענער צייט דערציילט, איז זי געבליבן אונטער די לעבעדיקע. זי איז שוין אָבער פאַרבליבן אַ קראַנקע כל ימיה. דאָס יינגל איז געבוירן געוואָרן אָן אַ צייכן פון לעבן און לאַנג האָט געדויערט, ביז מען האָט אים צום לעבן געבראַכט.

יאָסעלען האָט די מוטער געליבט ווי איר לעבן. נאָך מער ווי איר לעבן. פאַר איר האָט קיין אַנדערע זאַך אויף דער וועלט נישט עקזיסטירט, אויסער איר יאָסעלע. טאָג ווי נאַכט האָט זי אַרום אים געוואַכט און פון אים נישט אָפּגעטרעטן. אָפטמאָל פלעגט מען זי טרעפן זיצנדיק מיטן קינד אויף די הענט, מיט נאַסע פאַרוויינטע אויגן... וואָס אירע טרערן האָבן אַזוינס באַדייט, האָט קיינער נישט געוווּסט. געפעלט האָט איר אין דעם הויז געוויס קיין

ואָך נישט. גאָר גאָר נישט... אַ מענטש האָט טרערן, באַדאַרף ער זיי אויסוויינען... בפרט נאָך אַן אשה, אַ מוטער פון אַ בן יחיד...

זי האָט איבער דעם קינד געגוג איבערגעציטערט. און יאָ־סעלע איז גראָד געווען אַ ייִנגל אַ שטיפער, האָט ליב געהאַט אַרומצולויפן איבער די פעלדער און וואַלד, זיך פּליעסקען אין טייכל, זיך קייקלען אין זאַמד, קלעטערן אויף ביימער, ברעכן צווייגן, נאָכמאַכן ווי אַ הונט בילט, ווי אַ קאַץ מיאַוקעט, ווי אַ קראָ קראָ־קעט און נאָך אַזעלכע ווילדע שטיק. צו פינף יאָר האָט די מוטער אים געגומען אַ רבין אין שטוב. נאָר עברי האָט ער שוין געקענט פון פריער. זיין מוטער האָט אים אַמאָל, ווען ער איז נאָך קוים פיר יאָר אַלט געווען, צוגעוויזן דעם אלף־בית. ווי נשתומם זי איז געוואָרן, בשעת זי האָט אים אין אַ פּאָר וואָכן אַרום גענומען פאַר־הערן, אַז ער קען שוין כמעט דעם גאַנצן אלף־בית אינעווייניק און אויסנווייניק. אין משך פון אַ פּאָר וואָכן האָט זיך בייַ זיין מוטער אויסגעשעפּט די גאַנצע תורה. זי האָט שוין נישט געהאַט מיט אים וואָס צו לערנען. אדרבה, ער פלעגט זי נאָך אָפט כאַפּן בייַ אַ גרייז. דעמאָלט האָט די מוטער אָנגעהויבן טענהן, אַז מען דאַרף אים נעמען אַ רבין. נאָר מיכה האָט געזאָגט, אַז ס'איז נאָך צייט. אַז יאָסעלע איז אַלט געוואָרן פינף יאָר, איז דער טאַטע מרוצה געוואָרן.

פיר זמנים איז אָפּגעוועזן בייַ זיי דער מלמד. צום סוף פונם לעצטן זמן האָט דער מלמד מודיע געווען, אַז ער פילט זיך צו שוואַך פאַר יאָסעלען. דאָס ייִנגל באַדאַרף האָבן אַ גמרא־מלמד. די מוטער האָט אים צוגענומען אַן אַנדערן מלמד, וואָס האָט מיט אים געלערנט גמרא מיט פוסקים, נאָר אויך דער נייער האָט לאַנג נישט אויסגעהאַלטן. נאָך אַ זמנים פינף האָט דער מלמד געגעבן דער מוטער אַן עצה, זי זאָל אָפּפירן יאָסעלען אין שטאָט און אים אָפּגעבן צו ר' זיסל דעם גמרא־מלמד, וועלכער האָט בשעתו גע־שמט פאַרן גרעסטן גמרא־מלמד אין שטאָט.

מיכה האָט שטאַרק קעגן דעם אייַנגעווענדט. מען באַדאַרף עס

ישט, האָט ער געטענהט. אַ ייד איז ער — גענוג! קיין רב וועט ער במילא נישט זיין... צו וואָס טויג עס אים!...

נאָר די מוטער האָט אויסגעפירט, מיכה האָט אויף אירע טענות אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: „טו, ווי דו ווילסט, אַבי לאָז מיך געמאַך".

אין שטאָט האָט גראָד געוווינט שרהס אַן עלטערע שוועסטער, וועלכע האָט אַליין געהאַט דריי קינדער. אַ מיידל ריזעלע, מיט אַ יאָר עלטער פון יאָסלען, און צוויי ייִנגלעך ייִנגערע פון אים. צו דער שוועסטער אין שטוב האָט עס שרה אַוועקגעגעבן איר יאָסעלן, אין קעסט. אויף איר שוועסטער מעג זי זיך פאַרלאָזן. קיין אַנדערן וואָלט זי איר קינד אַזוי לייכט נישט אָנפאַרטרויט. אגב, זענען אויך דאָ אין שטוב נאָך קינדער, אייגן בלוט און פלייש, וועט יאָסעלע אַזוי נישט בענקען נאָך אַ ברודער נאָך אַ שוועסטער.

ר' זיסל דער מלמד איז געווען אַ הויכער ייד, מיט אַ רונדן אויסגעבויגענעם רוקן, אַ לאַנגע, זילבער־ווייסע באָרד, דורכגעצויגן אין סאַמע מיטן מיט אַ פאָר ברוינלעכע פעדעם, ווי געפאַרבט פון שמעק־טאַבאַק, אַ לאַנגע רויטע נאָז, מיט וועלכער ער פלעגט זיך אָפּט באַנוצן אין לערנען, אַ הויכער, ווייסער שטערן, וואָס פלעגט זיך טיף און טונקל קנייטשן בײַ אַ שווערן שיעור, און ליכטיק־בלויע אויגן, איבער וועלכע ס'האָבן מיט אַ באַזונדערער גאווה געהאָנגען אַ פאָר לאַנגע, געדיכטע ברעמען. הינטן, אויפן שפּיץ קאָפּ, האָט ער געטראָגן אַ קליינע, שוואַרצע, זיידענע יאַרמולקע.

געלערנט האָבן בײַ ר' זיסעלען נאָר דערוואַקסענע תלמידים פון די פני העיר. בשעת שרה האָט צו אים אַרייַנגעבראַכט איר יאָסעלען, האָט ער גראָד געהאַלטן אינמיטן שיעור. ער האָט דעם שיעור אַ רגע מפסיק געווען, אויפגעהויבן זיינע לאַנגע ברעמען און באַטראַכט די ישובניצע מיט איר ייִנגל. אים איז קשה געווען דער באַזוך. צי שוין וויל די ישובניצע געבן אָט דעם קליינעם ישובניקל אים פאַר אַ תלמיד?... אָט דאָס קליינע נפשל — זיינס אַ

תלמיד!... נאר וואס האט די יידענע אים צו זאגן? ער וויל הערן...

די תלמידים ארום טיש האבן זיך דערוויל אנגעהויבן שטויסן, קנייפן איינער דעם צווייטן, אנווייזנדיק אויף די לאנדישע בריה. איינער פון די חברה האט אנגעהויבן מאכן העויות, זיך נאכקרי־מען דעם קליינעם ישובהניקל, און די איבעריקע זענען ארויס מיט א געלעכטער. יאסעלע האט זיך פארשעמט, זיך צוגעטוליעט צו דער מוטער און זיך צעוויינט, אז ער וויל אהיים. דעמאלט האט דער רבי געהייסן, עס זאל זיין שטיל, און די חברה איז אנטשוויגן געווארן. ר' זיסל האט צוגערופן יאסעלען, אים א גלעט געטון איבערן קעפל און געזאגט:

„א וויל ייִנגל, כ'לעבן... ווילסטו טאקע לערנען?... אנו, קענסטו שוין עפעס? וויַז..."

ער האט פאר אים געעפנט א גמרא און גענומען פארהערן. יאסעלע האט זיך אריבערגעבויגן איבער דער גרויסער, שווערער, לעדערנער גמרא און גענומען זאגן פלינק אויף זיין דין, זיס קולעכל. ר' זיסל האט זיך צוגעהערט, געגלעט בשעת מעשה די באָרד, דא צוגעשאקלט מיטן קאפ, דא זיך געגעבן א לייכטן קרים, א קנייטש מיטן שטערן, געשטעלט א פאר קשיות, איינע הארבער פון דער אנדערער. און באקומענדיק פלינק דעם גייטיקן תירוץ. איז ער סוף כל סוף געבליבן צופרידן פונם פארהער. שרה האט געזאגט, אז קיין שכר לימוד וועט זי נישט, זאל נאר איר בן יחיד גוט לערנען און ווערן, וואס זי ווינטש פון אים. ר' זיסל איז מסכים געווען און צוגענומען יאסעלען פאר א תלמיד.

שפעטער האט זיך ר' זיסל גארנישט געקענט אפחידושן פון יאסעלען. „איך בין שוין קרוב צו פערציק יאר א גמרא־מלמד", פלעגט ער אלעמען דערציילן, „און איך האב נאך אזא תלמיד נישט געהאט. זיין קאפ, זיין תפיסה, זיין זכרון! פלאי־פלאים! ער ווייזט אייך ארויס אזא חריפות און בקיאות, אז ס'עקט די וועלט! דאס וועט אויסוואקסן א גדול בישראל". נאר דערביי פלעגט ער צו־נעבן

„ווי קומט צו ישובניקעס אזא ייִנגל, קאָן איך גאָרנישט תופס זיין. . ״

און אַז איינער, וואָס האָט דאָס געל־געשטריכענע הויז גוט געקענט, געדענקט זיין אַלטן שם, פלעגט אים ענטפערן:

„איר פאַרגעסט, ר׳ זיסל, אַז ער שטאַמט אָפּ פון ר׳ איי־זיקלען. . .״

דעמאָלט פלעגט זיך ר׳ זיסל באַרויקן:

„אָ, סיידן אַזוי. . .״

צו בר מצווה האָט יאָסעלע געהאַלטן אַ דרשה, אַז דאָס גאַנ־צע שטעטל האָט פון אים געקלונגען. דעמאָלט איז ער אויך אַרי־בער אין דער גרויסער ישיבה אין אַלטן בית־המדרש. לומדים האָבן נבואה געזאָגט, אַז צו אַכצען יאָר וועט ער פונם גרעסטן גדול באַ־קומען סמיכה. און די נבואה וואָלט געוויס מקוים געוואָרן, ווען יאָסעלע זאָל אונטער דער צייט נישט שלאָף ווערן. . .

8.

ווען יאָסעלע איז אַלט געוואָרן אַ יאָר זעכצען־זיבעצען, איז זיין מומע, באַ וועלכער ער איז געווען די גאַנצע צייט אין קעסט, פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. פאַר איר טויט האָט זי געבעטן די שוועסטער שרה, וואָס האָט נאָך באַוויזן צו קומען אַ פּאָר שעה פאַר יציאת נשמה, זי זאָל צוזאָמען צו זיך רייזעלען. זי ווייסט, אַז איר מאַן וועט באַלד נאָך איר טויט חתונה האָבן. . . זי וויל נישט, דאָס איר רייזעלע, איר אויג אין קאָפּ, זאָל אַריינ־פאַלן צו אַ שטיף־מוטער אין די הענט. די ייִנגלעך וועלן שוין נישט פאַרפאַלן ווערן. זיי וועט שוין גאָט אַרויסהעלפן. נאָר פאַר רייזעלען שרעקט איר דאָס האַרץ. . . זי וויל דעריבער פון איר שוועסטער אַ תקיעת כף, דאָס זי וועט פאַר איר רייזעלען זאָרגן

אַזוי ווי פאַר יאָסעלען. שרה האָט אונטער אַ שטראָם טרערן איר עס צוגעשווירן.

שרה איז באַזאָרגט געווען מיט יאָסעלעס קעסט און דירה נאָר פון דעם האָט זיך דערוווּסט דער ראש הישיבה און ער האָט יאָסעלען צוגענומען צו זיך.

באַלד נאָך דעם האָט עס פּאַסירט, אַז יאָסעלע איז פּלוצלינג שלאַף געוואָרן. וואָס אַ טאָג איז ער אַלץ געוואָרן בלייכער, אויסגעמאָגערטער. ער האָט אויפגעהערט עסן, שלאָפן און איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער... אינמיטן לערנען פלעגט ער זיך אָפּט אַזוי פאַרטראַכטן, אַז ער פלעגט פאַרגעסן ווו ער האַלט... ער איז אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז צייטנווייז האָט ער געמוזט בלייבן צו בעט.

אַז די מוטער האָט דערהערט, דאָס איר יאָסעלע איז עפּעס נישט מיט אַלעמען, איז זי באַלד געקומען צו פליען און געבראַכט דעם רופא. דער רופא, אַ דייטש, אַ מומחה אין זיין פאַך, האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אים געקומען פון צו פיל אָנשטרענגען זיך אין לערנען, פון איבערמידונג. ער האָט דעריבער געראָטן דער מוטער, זי זאָל מיטנעמען יאָסעלען צו זיך און זאָל ער זיך אַ ביסל אָפּרוען אויף די פרייע פעלדער... ווי שווער עס איז איר נישט געווען אָפּרייסן דאָס קינד פון לערנען, האָט זי דאָך געפאָלגט דעם רופא און אָפּגעפירט יאָסעלען צו זיך אינדערהיים.

עס איז גראָד געווען פרילינגס-צייט. די פעלדער און די גערטנער אַרום זייער הויז האָבן זיך געהאַט נאָר וואָס צעבליט. יאָסעלע איז יעדן באַגינען אַרויסגעגאַנגען און באַטראַכט גאָטס וועלט... כוואַליעס פון יינגע גרינע זאַנגען האָבן זיך געטראָגן איבער די ברייטע פעלדער, וועלכע האָבן געגלאַנצט און געשמייכלט אַנטקעגן דער אויפגייענדער זון, וואָס האָט ווי אַ יינגע צערטלעכע מוטער די ערשטע מאָרגן-טרערן פון זייערע פינקלדיקע אויגן אויסגעקושט... און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט אויף די גרינע בויגיקע פעלדער, וואָס האָבן זיך אַזוי לייכט און מיט חן געוויגט און געטראָגן איבער טייך און טאָל אַלץ ווייטער, פאַרלירנדיק זיך אין גרינעם געדיכטן סאָסנע-וואַלד, — אַז אויף די פעלדער רוט די

שכינה אַליין אויף איר כסא הכבוד און די גאַנצע נאַטור טראָגט זי און וויגט און זינגט איר שירה...

און יאָסעלע האָט עס אַלץ געזעען און געפילט... יעדעס גראָז, יעדעס בלאַט האָט צו אים געשמייכלט און געווונקען... א פריש ווינטל האָט אים זיינע בלאָסע בעקלעך באַפּאַרבט... פון דער ווייטן האָט זיך צוגעטראָגן דאָס באַקאַנטע קלינגען פון די גלעק־לעך אויף די העלזער פון די בהמות... לאַנג, זייער לאַנג האָט ער עס שוין נישט געהערט... דאַכט זיך, אַז ער הערט אויך צווישן זיי דאָס קלינגען פונם גלעקל פון זייער אַלטער ווייסער קו, מיט די צוויי גרויסע שוואַרצע פלעקן אויפן רוקן... נאָר ניין... זייער קו איז נאָך דאָרטן נישטאָ... אָט גייט זי ערשט אַרויס אין פעלד... זי גייט אַזוי פּאַמעלעך און בתמימותדיק... זי שפּירט אַפילו נישט די רוט, מיט וואָס רייזעלע טרייבט זי אונ־טער... ווי פיל מאָל האָט ער אין זיין קינדהייט די קו אַליין אַרויסגעטריבן אין פעלד!... יאָ, דאַכט זיך, אַז זי דערקענט אים... באַלעקט זיך בשעת מעשה און דרייט מיטן ווידל... ווי באַקאַנט, ווי ליב, ווי אייגן דאָס איז אים אַלץ!... ווי דערמאַנט עס אים אָן זיינע קינדער־יאָרן, בשעת ער איז נאָך אַליין געווען אַ אַ קינד פון פעלד, אַ גליד פון אָט דער גאַנצער נאַטור אַרום!...

אויך דער אַלטער דעמבּ באַם ווינקל הויז האָט זיך לכבוד דעם גאַסט אָנגעטון אין זיינע יום־טובדיקע קליידער און שמייכלט אים צו מיט זיינע ברייטע גרינע צ ייגן און געדיכטע בלעטער, ווי ער וואָלט זאָגן: „קום, יאָסעלע, אונטער מיין קילן שאָטן און רו דיך אויס דיינע מידע ביינער... קום, קלעטער אויף מיר, וויג און ברעך מיינע צווייגן, ווי דו האָסט אַמאָל, אין דיין קינדהייט, גע־טון... קום, יאָסעלע, פאַר דיר וועט מיר אַלץ ליב זיין"...

נאָר אַ תּלמיד חכם איז נישט קיין קינד אַ תּלמיד חכם. גע־דענקט „המפנה לבו לבטלה"... יאָסעלע איז דעריבער אַרומגע־גאַנגען איבער די פעלדער און געלערנט און געחזרט אויף אויסנ־ווייניק... און צוזאַמען מיט דער נאַטור האָט ער געזונגען גאָטס שירה.

א פאר חדשים איז יאסעלע אפגעווען אין דער היים. פאר דער צייט האט ער זיך אזוי געשטארקט, אז ער איז שוין געווען ביכולת אפפארן צוריק אין דער ישיבה. נאר לאנג איז אים שוין אין דער ישיבה נישט באשערט געווען צו בלייבן...

זיין מוטער, וועלכע איז אליין תמיד קראנק געווען און האט זיך יאסעלעס שלאפקייט גענומען שטארק צום הארץ, איז קורץ נאך זיין אפפארן אריינגעפאלן אין א שווערער קראנקייט. זי האט געפילט, אז אירע מינוטן זענען געציילטע און האט דעריבער געבעטן, מען זאל איר ברענגען יאסעלען. זי וויל זיך זען מיט איר איינציקער טרייסט פאר איר טויט. זי האט אים אויך וואס אנצוזאגן...

אז יאסעלע איז געקומען, איז שוין די מוטער געלעגן אן לשון, מיט פארמאכטע אויגן. נאר קוים האט יאסעלע די טיר פונם קראנקן-חדר געעפנט, האט איר קערפער א ציטער געטון און זי האט די אויגן אויפגעמאכט. זי האט צו אים געווונקען, ער זאל צוטרעטן נענטער און יאסעלע איז צוגעגאנגען, זיך איינגעבויגן איבער איר בעט און שטיל געוויינט. די מוטער האט ארויפגעלייגט די רעכטע האנט אויף זיין קאפ און געגלעט... טרערן האבן זיך אין אירע פארשלאסענע אויגן באוויזן... א קליינע רגע איז זי אזוי געלעגן, און ס'האט זיך געדאכט, אז אט-אט גייט זי אויס... נאר פלוצלינג האט איר קערפער פון ס'ניי א ציטער געטון... רייזעלע איז לעבן בעט געשטאנען... זי האט איר גענעבן א צייכן, זי זאל זיך צו איר בעט אראפלאזן, און רייזעלע האט שטיל וויינענדיק זי געפאלגט... שרה האט ארויפגעלייגט די לינקע האנט אויף איר קאפ און געגלעט אירע ווייכע האר. א צופרידענער שמייכל האט זיך פלוצלינג אויף איר טויטן פנים אויסגעגאסן... און אזוי האלטנדיק ביידע הענט אויף די קינדערס קעפ, איז שרה שטיל אויסגעגאנגען...

9.

דער מיטערס טויט האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף יאָסע־לעס שוואַך געזונט, דאָס ער האָט זיך נישט געפילט בכּח צו פאָרן באַלד צוריק אין דער ישיבה. ער איז געבליבן אין דער היים, וווּ די גוטע רייזעלע האָט אויף אים אויפגעפּאַסט. נאָר נאָך מער ווי פריער האָט יאָסעלע אָנגעהויבן אַרומגיין איבער די פעלדער און אין וואַלד, פאַרטיפט אין לערנען...

קורץ נאָך שלשים האָט מיכה אָפּטער ווי אַלע מאָל אָנגע־הויבן צו פאָרן אין שטאָט און אויך יאָך מיינישאָק. איינמאָל, אין אַ שיינעם פאַרנאַכט, איז מיכה געקומען צו פאָרן מיט רייזעלעס פאָטער, וואָס האָט אונטער דער צייט באַוויזן חתונה צו האָבן און האָט טאַקע אויך מיטגעבראַכט זיין יידענע. אויך איז מיטגעקומען דער דעמאָלטדיקער רב פון שטאָט ר׳ אליהלע, זיין שמש, קרובים, באַקאַנטע און סתם יידן און ווייבער פון מיינישאָק איז אויך באַלד אַראָפּגעקומען אַ פור מיט קרובים. דער פאָטער האָט רייזעלען אָפּגעגעבן מזל־טוב. זי איז מיט מזל אַ כּלה געוואָרן פאַר מיכהן און מאָרגן וועט זיין די חופּה...

אַז די שטיפמוטער, אַ גראָבע באַלייבטע יידענע, וועלכע רייזעלע האָט צום ערשטן מאָל געזעען, איז צו איר צוגעגאַנגען און געזאָגט: „מזל־טוב דיר, מיין טאָכטער!“ האָט זיך רייזעלע פּלוצ־לינג צעוויינט און שוין נישט אויפגעהערט וויינען די גאַנצע נאַכט, ווי דער שטייגער איז פון אַ כּלה פאַר דער חופּה... ווייבער, וועל־כע זענען דערביי געשטאַנען און אָפּגעהיט די כּלה, האָבן זיך אויך געווישט די אויגן מיט פאַטשיילעס, אונטערזיפצנדיק דערביי: „אַ בראָך דער מאַמען... איין טאָכטער, נעבעך, און נישט דער־לעבט אַזאַ גוטס...“

אויף מאָרגן האָט מען געשטעלט די חופּה. אַלע מחותּנים

האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום די חופה-שטאַנגען; חתן-כלה זענען געשטאַנען אונטער דער חופה; אַלץ איז געווען גרייט צו מסדר-קדושין, און דאָ באַמערקט מען פלוצלינג, דאָס יאָסעלע איז נישט געוואָרן...

„ווו איז יאָסעלע? ווו איז יאָסעלע?" האָט מען פון אַלע זייטן גערופן. נאָר קיינער האָט נישט געוווסט צו ענטפערן. קיינער האָט נישט געזעען, ווי ער איז נעלם געוואָרן... אַלע זענען געשטאַנען מיט שרעק און ציטער אין די אויגן... מיכה איז געשטאַנען בלייך, זיינע געזונטע אַקסלען האָבן לייכט געציטערט... די כלה האָט מען געמוזט אונטערהאַלטן, זי זאָל נישט פאַלן... דער רב נאָר אַליין איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט אַלעמען באַרויִקט מיט די ווערטער: „אַ תלמיד חכם ווערט נישט פאַרפאַלן", און זיך גענומען צו מסדר-קדושין.

און גערעכט איז טאַקע געווען ר' אליהלע. באַלד נאָך דער חופה האָבן מענטשן זיך אַוועקגעלאָזט זוכן יאָסעלען און ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און מען האָט אים געפונען זיצנדיק אויף אַ שטיין באַם טייך, דעם קאָפּ פאַרגראָבן אין די הענט און שטאַרק פאַרטיפט אין לערנען...

אַז מען האָט דאָס דערציילט ר' אליהלען, איז ער פון דעם אַזוי נתפעל געוואָרן, דאָס ער האָט יאָסעלען געגעבן אַ קוש אין שטערן...

אויף מאָרגן נאָך דער חופה, ווען די מחותנים זענען זיך שוין געווען צעפאָרן, איז יאָסעלע אַרויס באַגינען, ווי זיין שטייגער איז געווען, אין וואַלד לערנען... וואָס מיט אים האָט דאָרט פאַסירט, ווייסט מען נישט. צוריק פון וואַלד האָט ער זיך שוין נישט אומגעקערט...

אַ יאָר אַכט זענען פאַריבער זינט יאָסעלע איז נעלם געוואָרן. ווהין ער איז אַהינגעקומען האָט מען אויף קלאָר נישט געוווסט. יידן פלעגן דערציילן, אַז ערגעץ אין די ווייטע מקומות זעט מען אים אַרומגיין, איבער פעלדער און וועלדער, מיט אַ משונהדיק ווילדן אויסזעען, און דאָס ער ווייכט ס׳רוב פון מענטשן... אָפּט-מאָל נאָר כאַפּט ער זיך אַריין אין בית המדרש און הויבט אָן בלעטערן איין גמרא נאָך דער אַנדערער מיט אַ געוואַלדיקער גיכ-קייט, זוכנדיק עפּעס מיט ווילדע אויסגעשטאַרצטע אויגן... נאָר נישט געפינענדיק, קענטיק, וואָס ער זוכט, קלאַפּט ער צו די לעצ-טע גמרא מיט קומער און לויפט האַסטיק אַרויס פון בית המדרש...

די גויים פון אַרום האָבן פאַר דער צייט באַשאַפן אַן אגדה, אַז דער טייוול האָט יאָסעלען אַוועקגעריסן אום יום כפור... און אייניקע האָבן נאָך געוווסט צו דערציילן מיט אותות און מופתים, ווי זיי האָבן אַליין געזעען אין דער נאַכט פון יום-כפור דעם טייוול לויפנדיק איבערן טייך און אויף אים איז גע-זעסן „מיקעלעס" זון...

דאָס געל-באַשטריכענע הויז האָט פאַר דער צייט זיך שטאַרק געעלטערט, די געלע פאַרב, וואָס די פריערדיקע באַלעבאַטים האָבן פון צייט צו צייט אָפּגעפרישט, איז פאַרלוירן געגאַנגען און אָנגענומען אַ משונהדיקן קאָליר. די ווענט האָבן זיך שטאַרק אויסגעבויגן, די שפּאַלטן אין זיי האָבן זיך פאַרגרעסערט און פאַר-מערט, און אַ באַהאַלטענע שרעק איז געלעגן אויף זיי פאַרבאָרגן... טיר און פענצטער האָבן זיך צוזאַמענגעשרומפּן און אַ טיפער טרויער האָט פון זיי אַרויסגעקוקט... אויף דער גאַנצער דאַך

מיטן קומען זענען שטאַרק פאַרחושכט געוואָרן און אבלדיק צראָפּגעקוקט אין דער סביבה אַריין... אַפּילו דער אַלטער דעמב באָם ווינקל הויז האָט זיך איינגעבויגן מיט זיין גאַנצן שווערן קערפּער שטאַרק צו דער ערד. פיל צווייגן פאַרדאַרט, צעבראָכן געוואָרן און פונם ווינט פאַרטראָגן. ער איז נאָך געשטאַנען מיט אַ פּאָר גראָבע צווייגן אין דער הייך, ווו דער חיות פון לעבן האָט נאָך אינגאַנצן נישט אויסגעטריקנט און טאָג ווי נאַכט מיט אַ שווערן אָטעם שטיל צוגעקרעכצט...

רייזל האָט פאַר דער צייט געבוירן אַ זעקס קינדער. איין יאָר נאָכן אַנדערן איז זי געלעגן געוואָרן. אויך מיכה האָט זיך שטאַרק געעלטערט. מער גרויע האָר האָבן זיך באַוויזן אין קאָפּ און אין דער באָרד. מיט יעדן טאָג איז ער געוואָרן שווייגנדיקער, פאַרטראַכטער און טרויעריקער. אָפטמאָל איז ער אַרומגעגאַנגען בײַ זיך אין חדר און קוקנדיק דורכן פענצטער אויפן וואַלד פון איבערן טייך, פלעגט ער אַרויסלאָזן טיפע, שווערע זיפצן. ווי ער וואָלט אויף עפּעס געוואַרט, פאַר עפּעס זיך געשראָקן...

און פּאַסירט האָט עס אין דער נאַכט פון יום־כּפּור...

מיכה האָט זיך די לעצטע צייט געפילט שטאַרק נישט געזונט און איז דערפאַר די ימים נוראים נישט אַריינגעפאָרן אין שטאָט מיט זיין בני־בית. די גאַנצע נאַכט האָט ער נישט צוגעטון אַן אויג, געזעסן בײַ זיך אויפן בעט, פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט און זיך נישט גערירט מיט קיין אבר... נאָר אַז אין צימער איז פּלוצלינג, ליכטיק געוואָרן, האָט ער זיך אַ האַסטיקן הייב געטון פון בעט, צוגעלאָפן צום פענצטער און אַרויסגעקוקט. דער גאַנצער וואַלד איז געווען איינגעהילט אין פייער... מיכה האָט דערקענט, אַז דאָס ברענט דאָס ברויז... אַ געשריי ווי פון אַ געשאָסענעם לייב האָט זיך פון זיין ברוסט אַרויסגעריסן, און ער איז געפאַלן מיט זיין גאַנצן שווערן קערפּער אויף דער ערד.

צום לעבן האָט מען שוין מיכהן נישט געבראַכט, פּונקט צו נעילה איז ער אויסגעגאַנגען... אויף מאָרגן נאָך יום־כּפּור איז געווען די לוויה אין שטאָט. ר' אליהלע האָט געמאַכט אַ הספּד

דעם צדיק, וואָס איז זוכה געווען צו שטאַרבן צו נעילה... מען האָט אים מקבר געווען אויפן אַלטן בית-עולם, דערביי בײַ זײַנע אבות.

11

אַז רייזעלע איז אויפגעשטאַנען פון שבעה און געוואָלט מיטן עלטערן יינגל אַרויסגיין אין הויף, איז איר אין טיר פּלוצלינג אַנטקייגנגעקומען איינער, אין צעריסענע קליידער, דאָס פּנים באַוואַקסן מיט שוואַרצע פאַרווילדעטע האָר, און האָט זי אָנגעקוקט מיט משוגעדיקע אויגן... זי האָט דערשראָקן אַ קוק געטון אויף דער מאָדנער בריה, צודריקנדיק פעסטער צו זיך דאָס קינד... און פּלוצלינג האָט זיך פון איר האַרץ אַ געשריי אַרויסגעריסן: „אוי, יאָסעלע!...״

יאָסעלע איז אַ רעכטע ווײַלע געשטאַנען און מיט לויפנדיקע אויגן באַטראַכט רייזעלען מיטן יינגל. און לאַנגזאַם האָט זיך בײַ אים דאָס מויל געעפנט. צוערשט האָט ער געמורמלט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער... זײַן קול האָט געקלונגען אַזוי משונה ווילד, ווי פון אַ חיה, וואָס האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן רעדן... נאָר ביסלעכווייז איז זײַן קול געוואָרן דייטלעכער, און מען האָט שוין עפּעס געקאָנט אַרויסבאַקומען, וואָס ער רעדט. און גערעדט האָט ער אומגעפער אַזוי:

„רייזעלע... זע, יאָסעלע איז געקומען... גרייט אָן אַ טלית... האָב נישט מורא, רייזעלע... דער טלית איז אַ גוטער... וועט אונדז צודעקן אונטער דער חופּה... און די מאַמע וועט אונדז גלעטן מיט אַ קאַלטער האַנט... וועט אונדז בענטשן מיט טויטע ליפּן... בררר! קאַלט!... דיר איז קאַלט, רייזעלע?... קום זיך וואַרעמען בײַם פייער... כאַ-כאַ-כאַ... דער גאַנצער וואַלד האָט געלאַכט און געשטעקט צינגער... אַלע מחותּנים האָבן אַרום אים

געטאַנצט... און די מאַמע האָט מיך גערופן: יאָסעלע, יאָסעלע!...
הא?... ווו איז די מאַמע? רייזעלע, ווו איז זי?... שאַ... שאַ...
אָט גייט די מאַמע... אָט דאָרטן... אין ווייסן... זי רופט אונז...
קום, רייזעלע, קום..."

יאָסעלע איז אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן, ווי זיך איינהאָרכנ-דיק אין עפּעס... זיין בליק איז געפאַלן אויפן יינגל... ער איז צוגעלאָפן צו רייזעלען, אָנגעכאַפּט דאָס יינגל בײַ דער האַנט און אים געשלעפּט צו זיך מיט די ווערטער: „קום, זונעלע מיינס, קום צום טאַטן... כע-כע-כע... זעסט, רייזעלע, אַ שיין בחורל אונ-זער יינגעלע... זעט אויס אינגאַנצן ווי יאָסעלע אַמאָל... שאַ, וויין נישט, זונעלע, שאַ... לערנסטו שוין עפּעס?... זאָג, „אמר אביי"... כיכיכי..." האָט ער אויסגערופן, אים געבנדיק אַ קניפּ אין בעקל.

רייזעלע, וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי פאַרגלי-ווערט, האָט זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט, איז צוגעלאָפן צום וויינענ-דיקן יינגל און אים געריסן פון יאָסלס הענט, זיך בעטנדיק: „אוי, יאָסעלע... לאָז אָפּ דאָס קינד... זע, לאָז אָפּ... וואָס ווילסטו פונעם קינד? אוי, יאָסעלע, לאָז אָפּ..."

אַז יאָסעלע האָט דאָס קינד אָפּגעלאָזט, האָט זי אים האַס-טיק אַ נעם געטון אויף די הענט און איז אַריינגעלאָפן אין שטוב, פאַרקלאַפּנדיק מיט שרעק הינטער זיך די טיר...

אויף מאָרגן, ווען רייזל איז אינדערפרי אַרויסגעגאַנגען אויפעפענען די הויז-טיר, האָט איר פּלוצלינג אַ שווערע משא אַ קלאַפּ געטון אין פּנים... זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ ווילד, אומ-מענטשלעך געשריי און אַ שווערן פאַל דערלאַנגט אויף דער ערד...

איבער דער טיר איז געהאָנגען יאָסעלעס טויטער קערפּער...

אַז מען האָט רייזעלען קוים אָפּגעמונטערט און אָפּגעפירט אין שטאָט צום רופא, האָט זי שוין דערנאָך פאַר קיין גוטס אין דער וועלט נישט געוואָלט צוריקקערן אין דעם הויז און האָט אויך געהייסן ברענגען די קינדער מיט די זאַכן...

קיין אַנדערער לעבעדיקער מענטש האָט שוין אויך נישט גע־וואָלט אין דעם הויז זיך אַריינציען. איין אָרעמער גוי האָט אפילו יאָ געהאַט פּרובירט זיך באַזעצן אין דעם הויז, נאָר מיט אייניקע טעג שפּעטער איז ער קוים אַ לעבעדיקער פון דאָרטן אַנטלאָפן. ווי ער האָט זיך נישט געלייגט שלאָפן, האָט דאָס פויערל דערציילט, פלעגט עס אים רייסן און וואַרפן פון געלעגער...

אַזוי איז דאָס געל־געשטריכענע הויז געבליבן פאַרלאָזט פון גאָט און פון מענטשן. טיר און פענצטער זענען אַרויסגעפאַלן. דער פאַנענדער דאַך, וואָס האָט אַמאָל געגלאַנצט ווייט אין דער סביבה אַרום, האָט זיך איינגעשרומפּן, אויסגעבויגן און קוקט פאַר־יתומט אַראָפּ אויף די פעלדער און אויף די פאַריבערגייער... ווען־נישט־ווען פאַרקלויבט זיך אויף אים אַ קראָ, קראַקעט און וויל נישט אויפהערן...

אויף דער אַלטער דעמב באַם ווינקל הויז האָט זיך אינגאַנצן איינגעבויגן, פאַרלוירן זייבע לעצטע צווייגן, און נאָר מאָך מיט אַ פּאָר גראָזן וואַקסן אויף אים. אַזוי שטייט ער, דער אַלטער דעמב, וואָס האָט אַמאָל געבליט צוזאַמען מיטן הויז, פאַרטריקנט און פאַר־לאָזט, מיט אַן אויפגעפּלאַצטער ברוסט, ווו נאַכט־אײַלן האָבן זיך געמאַכט אַ נעסט און קלאָגן באַ דער נאַכט אָן אַן אויפהער... ער שטייט און ווערט פון יאָר צו יאָר צוזאַמען מיטן הויז אַלץ גלייכער און גלייכער מיט דער ערד...

אויף דאָס וועגל, וואָס האָט געפירט אַמאָל הונדערטער יידן,

רבנים, מגידים און משולחים, פון ברייטן גאַסטיניעץ צו ר׳ איי־
זיקלס הויז, איז פאַרגעסן געוואָרן און צוזאַמען מיט אים אויך
דער גרויסער שם, וואָס האָט אַמאָל דערגרייכט אין די ווייטע
מקומות אַריין...

און אַזוי זענען מקוים געוואָרן ר׳ אייזיקל דעם ברויערס
רייד, אַז מער קיין לערנערס וועלן אין זייער משפחה נישט זיין...

אינהאַלט:

I. די מחיצה

זייט

דאָס טייכל . . . 7
שכנא צלאלס . . . 15
דער ניקאָלאַיעװסקער . . . 23
יענקל לומפּ . . . 31
ר׳ זלמן דער דיין . . . 37
דער אַלטער טלית . . . 42
די פּרוכת פון אַ גט . . . 48
אין מצה־פּאַדריאַד . . . 55
מעות־חטים . . . 61
דער ערשטער תענית . . . 65
תשליך . . . 73
לייזער ר׳ חיימס סוכה . . . 78

II. אַריבער

דער באַרויבטער דיכטער . . . 87
דער געלער מויער . . . 97
װען ציינגער רעדן . . . 105
יונג בלוט . . . 113
דאָס אַמעריקאַנער מיידל . . . 121
דעם דאָקטאָרס טאָכטער . . . 128
דער טויטער שמייכל . . . 134
דאָרט, אויפן בערגל . . . 138

III. דער זיידע דערציילט

דאָס פּאַרלאָזטע הויז . . . 145

פון

ל. קוסמאַן

ביז איצט דערשינען:

ביים פּרעסער

קאָמעדיע אין איין אַקט

דער געלער מויער

דראַמע אין 3 אַקטן מיט פּראָלאָג און עפּילאָג

דאָס געזאַנג פון דער ערד

דראַמע אין 9 בילדער

נאַרנבונד

פאַנטאַסטיש-דראַמאַטישע טרילאָגיע

אין פערזן

די אומרו (פּאָעמע)

און אַנדערע לידער

Free Public Library, Newark, N. J.